YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i27

# GERECHTIGKEIT
# (YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 27
July 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

## Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 27)

### Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

### Comments

*Justice* was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/40

GERECHTIGKEIT

# גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אָן מיין גערעכטיגקייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט אָפּלאָזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראָו ווילסאָן.

אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיעס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן

Vol. I. No. 27. New York, Friday, July 18, 1919 פרייטאָג, דער 18טער דזשולי, PRICE 3 CENTS

# ווידער א גרויסער זיעג פון דער אינטערנעשאָנאַל, דאָס מאָל אין קליוולאַנד

געוואונען איז געוואָרען: ערשטענס, א העכערונג אין וויידזשעס פאַר אַלע אַרבייטער אין טרייד. צווייטענס, די אַנערקענונג פון א שאַפּ-טשערמאַן. דריטענס, א מאַשינערי, וואָס זאָל אויסגלייכען די פאָרקומענדע סכסוכים צווישען באָס און אַרבייטער. די אַרבייטער זיינען העכסט צופרידען. אזוי זיינען אויך פּרעזידענט שלעזינגער און מ. פּערלשטיין, דער פיהרער פון דער יוניאָן אין קליוולאַנד. דער איצטיגער אויסגלייך גילט נאָר פאַר 5 מאָנאַטען, ביז דעם קומענדען 24טען דעצעמבער.

דער פאַרהער פאַר דער באָארד אָוו רעפערים, (דזשאָדזש דזשוליאַן וו. מעק, טשערמאַן, מיידזשאָר סעמיועל דזש. ראָזענסאָן און דזשאָן ר. מעק-ליען), איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין דעם קליוולאַנדער יונייטעד סטייטס דיסטריקט קאָורט, אין פּאָסט אָפיס בילדינג, און האָט געדויערט צוויי טעג, מאָנטאָג און דינסטאָג. די קאָורט-רום איז אַן אויסערגעוועהנליך גרויסע און דורך די גאַנצע צוויי טעג פון פאַרהער איז זי געווען געפּאַקט מיט הונדערטע קלאָוק מאַכער און צעהנדליגע קלאָוק מאַנופעקטשורערס, וועלכע זיינען געזעסען אָדער געשטאַנען אויף זייערע פּלעצער ווי צוגעשמידטע, און זיך צוגעהערט צו יעדען אַרגומענט וואָס איז אָנגעגעבען געוואָרען פון פּרעזידענט שלעזינגער פאַר די אַרבייטער און פון מיסטער מאָריס בלעק פאַר די מאַנופעקטשורערס.

די פאָדערונגען וואָס די יוניאָן האָט אַרויסגעשטעלט זיינען פון אָנפאַנג געווען פאָלגענדע:

1) וואָך אַרבייט פאַר אַלע אַרבייטער.

2) מינימום סקיילס פאַר אַלע קלאַסען-אַרבייטער,

3 א מאַשינעריע אויסצוגלייכען סכסוכים.

(די 44 שטונדיגע אַרבייטס-וואָך, האָבען דאָ די מאַנופעקטשורערס נאָכגעגעבען נאָך מיט עטליכע וואָכען צוריק, גלייך ווי דער קלאָוק מאַכער סטרייק אין ניו יאָרק האָט אויסגעבראָכען).

### די ענטשיידונג.

דזשאָדזש מעק האָט פאַרגעלעזען די ענטשיידונג.

ער האָט ערקלערט, אַז די רעפערים סימפּאַטיזירען מיט די פאָדערונגען פון דער יוניאָן, אָבער אַז דער אַגרימענט, וואָס איז פאַר-א-יאָהרען געמאַכט געוואָרען צווישען דעם סעקרעטער אָוו וואָר בעיקער מיט דער אינטערנעשיאָנאַל און מיט די קליוולאַנדער קלאָוק מאַנופעקטשורערס, באַגרענצט לײדער די מאַכט פון די רעפערים. אזוי ווי דער אַגרימענט מיט סעקרעטער בעיקער לויטעט אַז „דורך דער צייט פון דער מלחמה און זעקס מאָנאַטען נאָך דער מלחמה, זאָלען ניט געמאַכט ווערען נייע ענדערונגען אין די מעטאָדען פון אַרבייט אין די קליוולאַנדער שעפּער", טאָרען אַלזאָ ניט די רעפערים, אונטער דיזען אַגרימענט, ענדערען דעם סיסטעם פון אַרבייט פון שטיק אויף וואָך אַרבייט.

דער אַגרימענט מיט דעם סעקרעטער אָוו וואָר, וועט זיך אָבער ענדיגען דעם 24טען דעצעמבער 1919, דאָס הייסט אין עטוואָס מעהר ווי אין 5 מאָנאַטען אַרום, און די יוניאָן מוז אַלזאָ אָפּוואַרטען מיט איינפיהרען וואָך-אַרבייט אין קליוולאַנדער קלאָוק, סקוירט און דרעס שעפּער ביז יענער צייט.

דאָס איז דער ערשטער פונקט פון דעסיזשאָן.

דער צווייטער פונקט פון דעסיזשאָן איז געגען א העכערונג אין וויידזשעס פאַר שטיק אַרבייטער און פאַר וואָך אַרבייטער.

אַלע וואָך אַרבייטער וואָס האָבען ביז אַהער פאַרדיענט 30 דאָלער א וואָך אָדער מעהר קריגען געהעכערט 4 דאָלאַר א וואָך. אין דיזען קלאַס קומען אַריין קאַטערס, אויבער פּרעסער און סעמפּעל מאַכערס.

אַלע וואָך אַרבייטער, וואָס האָבען ביז אַהער פאַרדיענט פון 20 ביז 29 דאָלאַר א וואָך, קריגען געהעכערט 3 דאָלאַר א וואָך. (אויסער אונטער-פּרעסערס, וואָס האָבען ביז אַהער געקראָגען 26 דאָלאַר א וואָך און פּיסעס פּרעסער, וואָס האָבען ביז אַהער געקראָגען 22 דאָלאַר א וואָך, קריגען געהעכערט צו פיער דאָלאַר א וואָך.

אַלע וואָך אַרבייטער, וואָס האָבען ביז אַהער פאַרדיענט 19 דאָלאַר א וואָך אָדער ווייניגער, קריגען געהעכערט 2 דאָלאַר א וואָך.

שטיק-אַרבייטער קריגען געהעכערט לויט דעם באַזיס רייט אויף 10 סענט א שטונדע.

אויף גאַרמענטס, אויף וועלכע די שטיק פּרייזען זיינען שוין געסעטעלט, דאַרף יעדע קלאַס אַרבייטער, באַקומען א העכערונג אויף יעדען גאַרמענט פון 10 ביז 20 סענט.

דיזע העכערונגען זיינען פאַר אַלע אַרבייטער אין טרייד, סיי פאַר מענער סיי פאַר פרויען. די מיידלעך קריגען דעמזעלבען רעיז ווי די מענער.

דער דריטער פונקט פון דעסיזשאָן איז וועגען א מאַשינערי אויסצוגלייכען סכסוכים וואָס קומען פאַר אין די שעפּער צווישען די אַרבייטער און די באָסעס.

דער דעסיזשאָן פון די רעפערים וועגען דיזען פונקט איז, אַז ווען אַן אַרבייטער האָט א קאָמפּליינט, דאַרף ער ניט אַליין פאַרליינען זיין קאָמפּליינט פאַר'ן באָס, נאָר אַז ער קען עס טאָן דורך אַנאַנדער אַרבייטער פון דעמזעלבען שאַפּ. אין אַנדערע ווערטער: אַז די אַרבייטער פון יעדען דעפּאַרטמענט אין יעדען שאַפּ, קענען זיך אויסקלייבען איין פּערזאָן וועלכער זאָל פאַרליינען זייערע קאָמפּליינטס פאַר'ן באָס אָדער פאַר'ן מענעדזשער. אויב עס געלינגט דיזען שאַפּ דעלעגאַט אויסצוגלייכען דעם סכסוך, איז אַלל-ראַיט, טאָמער ניט, מוז דער קאָמפּליינט פאָרגעלייגט ווערען פון דער יוניאָן פאַר אַן אומפּאַרטייאישען טשערמאַן, און אזוי ווי דער אומפּאַרטייאישער טשערמאַן ענטשיידעט, מוזען ביידע צדדים פאָלגען.

דער אומפּאַרטייאישער טשערמאַן וועט אויסגעקליבען ווערען פון די באָארד אָוו רעפערים.

די קליוולאַנדער אַרבייטער, אָבוואָהל זיי זיינען אַביסעל דיסאַפּאָינטעט, וואָס זיי מוזען וואַרטען מיט איינפיהרען וואָך-אַרבייט ביז צום אָנפאַנג פון ספּרינג-סיזאָן, זיינען באַגייסטערט פון דעם דעסיזשאָן, און פון דער אַרט און ווייזע ווי זייערע פאָדערונגען זיינען פאָרגעלייגט און אַרגומענטירט געוואָרען פאַר די באָארד אָוו רעפערים פון פּרעזידענט שלעזינגער.

זיי באַטראַכטען די העכערונג אין וויידזשעס און די מאַשינערי פון שליכטען סכסוכים, אַלס דעם גרעסטען אויפטו פון אונזער אינטערנעשאָנעל אין אַזאַ שטאָדט ווי קליוולאַנד, וואו די באָסעס האָבען ביז איצט זאָגאָר ניט געוואָלט הערען די ווערטער „יוניאָן" און אינטערנעשאָנעל.

# א סטרייק פון די קאָרסעט מאַכער אין ברידזשפּאָרט

די באָסעס ערקלעהרען א לאָק-אַוט, ענטפערען די אַרבייטער מיט א סטרייק. דזשענעראַל סטרייק אין דער גאַנצער קאָרסעט אינדוסטריע אין קאָנעקטיקוט א נאָהענטע מעגליכקייט.

אין ברידזשפּאָרט, קאָנ., האָט די אינטערנעשאָנעל צוויי לאָקאַלס, 33 און 34, באַקאַנט אונטער דעם נאָמען די קאָרסעט וואָרקערס יוניאָן.

די אַרבייטער האָבען זיך די לעצטע צייט געקליבען צו פאַרפיהרען א „נער-שפּרעך" מיט זייערע באָסעס, און ווי פאַניא מ. קאָהען, וויים-פּרעזידענט פון די אינט. ל. ג. וו. יוניאָן, וועלכע איז איצט דאָרט אויפ'ן פּלאַץ, לאָזט אונז וויסען, זיינען שוין די אַרבייטער באַלד פאַרטיג געווען מיט דער אויסאַרבייטען פון זייערע פאָדערונגען, ווי למשל, א העכערונג אויף זייער לוין אויף 50 פּראָצענט, א 44-שטונדיגע אַרבייטס-וואָך, פּרייע קאָטען, פאַר וועלכע זיי האָבען ביז איצט געדאַרפט באַצאָהלען, ניט זיין געצוואונגען צו זיצען אין שאַפּ ווען עס איז ניטאָ קיין שטאָף אַרבייט, און דאָס אַלע אַרבייטער זאָלען זיין יוניאָן אַרבייטער, — איז איידער זיי האָבען נאָך געהאַט ריכטיג אויסגעאַרבייט זייערע פאָדערונגען פאַר די בעלי בתים, האָט א געוויסע פירמע, באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „טהי וואָרנערס קאָרסעט קאָ.", פאַרלאָזען די אַרבייטער דעם וועג, און לעצטען מאָנטאָג פריה זיי אויסגעשלאָסען פון שאַפּ.

פאַרשטעהט זיך, אַז די אַרבייטער האָבען באַלד ערקלערט א סטרייק. און גאַנץ ברידזשפּאָרט קאָכט מיט דעם, וואָרום ערשטענס איז עס ניט ווייט, אַז אָט פון דעם לאָק-אַוט זאָל אַרויסוואַקסען א דזשענעראַל סטרייק, און צווייטענס, איז מען איצט געוואָהר געוואָרען אין ברידזשפּאָרט, אונטער וועלכע אומשטענדען עס האָבען געאַרבייט די קאָרסעט-מאַכערינס.

ווען די נייעס האָט זיך פאַרשפּרייט אין ברידזשפּאָרט, האָט די פירמע, וואָס האָט געמאַכט דעם „לאָק-אַוט", ווי עס ווייזט אויס, זיך שטאַרק פאַרשעמט, און האָט דורך די פּרעסע געזוכט אָפּצווישען דעם שלעכטען איינדרוק דורך א גאַנץ כאַראַקטעריסטישע ערקלערונג.

ערשטענס, גיט זי צו פאַרשטעהן דעם עולם, אַז עס איז גאָר קיין לאָק-אַוט ניט. די מעשה איז גאָר אַזאַ. זי האָט געהערט, אַז די אַרבייטער קאָכען זיך איבער נייע פאָדערונגען, און מיט איהר, דער פירמע, האָט זי ניט געהאַלטען פאַר נויטיג זיך מישב צו זיין, האָט זי דאַרום געהאַלטען פאַר גלייכער אָוועקצושיקען איהרע אַרבייטער אין זייערע היימען, זאָלען זיי זיך דאָרט קאָכען, דיסקוטירען, ביז זיי וועלען זיך איבערקאָכען, און דאַן קענען זיי צוריק קומען אין שאַפּ.

וואָס אַנבאַטרעפט דער פאָדערונג, אַז די אַרבייטער זאָלען ניט דאַרפען צאָהלען פאַר די קאָטען, מיט וועלכען זיי נעהען די קאָרסעטס האָט די פירמע איינגענטליך ניט גענומען קיין געלט, נאָר זי האָט דעם פּרייז פון די קאָטען אַרויפגעלייגט אויף דעם פּרייז פון קאָרסעט, ד. ה., אויב דער אַרבייטס-פּרייז פון קאָרסעט, זאָגען מיר, איז 50 סענט, האָט די פירמע געגעבען דער אַרבייטערין 60 סענט, כדי צו האַלטען טרעק פון די אויסגעטיילטע קאָטען. די אַרבייטערינס קענען נאָך, חלילה, צוגנב'ענען א ספּול קאָטען, איז כדי דאָס זאָל ניט פּאַסירען, איז געווען איינגעפיהרט די פיינע סיסטעם.

וואָס אַנבעלאַנגט א העכערונג פון וויידזשעס, קענען די אַרבייטער צו יעדער

אינהאַלט-פאַרצייכניס
נומער 27 „גערעכטיגקייט"

זייט 2. די וואָך — ש. י.
זייט 3. דער מיטינג פון דעם ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד — ל. לאַנגנער.
זייט 4. ביי די קלאָוק פּרעסערס יוניאָן לאָקאַל 35 — דזש. ברעסלאַו. קורצע שמועסען. פאַרשיעדענעס.
זייט 5. לעבען און טעטיגקייט אין אונזער אינטערנעשאָנאַל יוניאָן; פון דער קאַנטרי-פּרעסע איבער'ן לאַנד — ל. פּ—ן.
זייט 6. צוויי וויכטיגע עקזעקוטיוו באָארד מיטינגען פון לאָקאַל 25 — י. שעהנהאַלץ. צווישען די קלאָוקמאַכער אין באָסטאָן — א באָסטאָנער. אַן אַפּיעל פון דער וועיסט און דרעסמאַכער יוניאָן אין שיקאַגאָ — י. האָכמאַן.
זייט 7. באַנקעט פון לאָקאַל 9 לכבוד דעם זיעג פון דער יוניאָן — א סטעף רעפּאָרטער. די קונסט פון רעדען (פעליעטאָן) — עליאס ליבערמאַן.
זייט 8. אונגעבאָרג — ב. קעלערמאַן.
זייט 9. גאַסען-בילדער (געדיכט) — ל. וואָלפסאָן. די טעטיגקייט פון רייןקאָוט מאַכער לאָקאַל 54 פון שיקאַגאָ — ווּם. שיף.
זייט 10. פון רעדאַקטאָר'ס נאָטיץ-ביכעל.
זייט 11. קאָנגרעסלייט מיט יוניאָן-ביכלעך אין קעשענע — ב. מיימאָן.
זייט 12. דער אידישער גייסט אונטער דעם פּאָגראָם-בייטש — א. גלאַנץ. ברוגז'ע מחותנים (פעליעטאָן) — א. וואַהלינער.
זייט 13. די פאַרבייטענע דרעס (שלום) — ל. באַראַדולין.
זייט 14. די שוואַכע זייט פון דער אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר — נ. פּאַמעראַנץ. נו א וואָך! דר. ק. לעא.
זייט 15. די פרויען-וועלט — ראָזע בעררִיק-בלינדער. וואָס הערט זיך אין דעם נואַרקער לאָקאַל 21? — א קאַפּלאַן.
זייטען 16, 17, 18, 19. אַדווערטייזמענטס.
זייט 20. די יוניטי הויז פון דער פילאַדעלפיער וועיסט און דרעסמאַכער יוניאָן לאָקאַל 15 — י. ש. פּרענאָוויץ.

# פילאַדעלפיער אָפטיילונג

## א בריוועל פון פילאַדעלפיא.

פון א. סילווער.

איך קום היינטיגס מאל צו פארריכטען א שטיקעלע עולה וואס מיר האבען באַגאנגען געגען דער „גערעכטיגקייט" בכלל און געגען דער וויסטמאכער יוניאן בפרט.

די גערעכטיגקייט בכלל האט געפאָדערט, אז אויב עס לעבען און שטרעבען וויסט און דרעסמייקער אין פילאַדעלפיא, פענסילווייניא סטייט, זאל מען פון זיי וויסען אין אנדערע מקומות אויך. ווארים עס איז ניטא קיין ביטערערע פילה, ווי צו זיין טויט פאר דער וועלט. דער באַוואוסטזיין, אז מען הערט פון דיר, מען ווייסט פון דיר און מען רעדט פון דיר גיט דיר צו עפעס א מין אויסערגעוועהנליכען חשק צום לעבען און טעטיגקייט...

די „גערעכטיגקייט" בפרט, אלס דער רעפרעזענטאטיווער אָרגאן פון אונזערע צוזייטע און צושפרייטע לאָקאלס פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואָרקערס יוניאן, האט אודאי פארדינט באַעהרט צו ווערען מיט א שטיקעל רעפאָרט פון א יוניאן וואס צעהלט ב"ה פינף טויזענד גוטשטעהענדע מעמבערס, אפגעצאָהלט אלע דיוס אפ-טו-דייט, ווי אויך אלע אסעסמענטס און „נאלאָגען" א. אז. וו., א. אז. וו.

ענטשולדיגען מיר זיך קודם כל פאר דיזער קרימינעלער נאכלעסיגקייט אינזערער און מיר וועלען מיט גאָטעס הילף און מיט אייער מילדקייט, פריינד רעדאקטאָר, טהאָן אונזער בעסטעס פון איצט אָן און ווייטער, אמן ואמן.

און יעצט צום ענין.

און אָט-אָ-דאָ, פריינד רעדאקטאָר, פאנגען זיך אָן מיינע צרות.

ווארים, פון וואס זאל איך א שטייגער אָנפאנגען? מיר לעבען איצט, פארשטעהט איהר מיך, אין א צייט, וואס ווי גרויס אונזערע מעלות טובות זאלען ניט זיין, זיינען זיי אלץ — נול — אין פארגלייך מיט די מעלות וואס פראָלעטאריער פון אנדערע לענדער... האבען.

ווארים, נעהמט צום ביישפיעל, די פראַגע פון וויידזשעס; ווען, למשל, איך זאל אייך נעהמען צו דערצעהלען, אז מיר האבען פאר די לעצטע 3-4 יאהר (אָט דאס זיינען מיר, הער רעדאקטאָר, בנאמנות, אין גאנצען אלט), אונזערע פארדינסטען פאר זעקס-פאכט, — וועט מען אונז דען געבען א יישר כח דערפאר?

— טרייד יוניאָן בלאָף! אגרימענט מעכינאציא! — אָט דאס וועט זיין אונזער אטמעטקא אויפ'ן ערשטען פונקט.

צי, למשל, איך זאל אייך געהן דערצעהלען, אז מיר האבען אויך דאָ אין פילאַדעלפיא איינגעפיהרט שוין די 44 שטונדיגע ארבייט וואָך, טאָ, וואס פאר א חריפות ליגט דאָ אין דעם אין א צייט, ווען דאָרטען און דאָרטען.... ארבייט מען שוין נאָר אין גאנצען ניט פאר פריוואט קאפיטאל?!

און אז מיר האבען יאָ איינגעפיהרט מענשליכע באדינגונגען אין די שעפער, איז וואס? עס איז דאָך ערשט א פראַגע וואס מיר — קאמענע בשר ודמ'ניקעס, פארשטעהן אונטער מענשליכע באדינגונגען.

אונז... קען זיך נאָך פארגלוסטען צו לויבען, אז אויב א באָס מוז אָפגעבען דין חשבון צו'ם יוניאָן פאָרשטעהער פאר זיינע מעשים תעתועים בנוגע צו זיינע ארבייטער, אויב א באָס מוז זיינע ארבייטער באהאנדלען אנשטענדיג און מוז זיך רעכענען מיט'ן ווילען פון דער יוניאָן — איז, רחמנא לצלן, דיינו?

א קשיא וואס קען איינפאלען צו גלויבען!

און אז מיר זאָלען א שטייגער זיך וועלען א באריהם טאָן, אז אונזער יוניאָן אין פילאַדעלפיא איז א הונדערט פראָצענט אָרגאניזירט, אלע גוים אריינגערעכענט, מיט אומות העולם'דיגע טשערליידיס און דרייז קאָמיטעס, ניט קיין באצאָהלטע, חס וחלילה, וואס טוען די זאַך עהרליך און איבערגעבען גאנץ לשמה — פאר אידעאלען, — וועט מען אונז דען מיט נאָמען-נידעלס קיין אינדזשעקשאָנס ניט מאכען?

אז מיר לעבען דאָך יעצט אין א צייט, ווען דער תוך שפיעלט קיין ראָליע ניט, נאר די פירמע! און אז די פירמע טויג ניט, מעגט איהר מי יודע וואס טאָן אין דער יוניאָן, וועלכע איהר זענט באַפוירט געוואָרען צו פיהרען, מעגט איהר דער פירמע'ס נאָמען איינגאנצען אָפמעקען — טויג דאס אלץ ניט....

אוועקגעלייגט שוין אן א זייט די עקאָנאָמישע און מאטעריעלע אויסבעסערונגען, פון וועלכע עס-עקעלט מ'אריצו רעדען, וואָלטען מיר וועלען אייך געבען א שטיקעל איבערבליק איבער די איבעריגע טעטיגקייטען פון אונזער יוניאָן, וועלכע זיינען נוגע די נשמות פון אונזערע מעמבערס מעהר ווי זייערע מאַגענס, זיינען מיר אויך ניט זיכער אויסצונעמען ביים עולם. ווייל מען זאָגט שוין אונז אזוי אויך, אז מיר פארנעמען זיך צופיעל מיט נארישקייטען, אנשטאָט צו טאָן די ריכטיגע ארבייט...

און וואגט איהר חלילה צו פרעגען, אין וואס די ריכטיגע ארבייט באשטעהט, קענט איהר זיך שוין אין זיבען וואסערען ניט אָפוואשען. — „פיהרערס פון יוניאָנס דאַרפען שוין אליין וויסען וואס צו טאָן" — ענטפערט מען אייך סאַרקאסטיש, און דערביי בלייבט איהר.

נו און טאקע, אז די וויסט און דרעסמייקערס אין פילאַדעלפיא האבען א יוניטי הויז מיט זייער אייגען שוויים און בלוט אויסגעבויט, — איז מה רעש? האט עפעס די מענשהייט א סך דערפון געוואונען? וועמען אַרט דאס אז די מיידלעך וועלען ביז דער רעוואָלוציע זיך האָדעווען אויף פרעמדע טישען און געדונגענע קעסט?

געליטען אזוי לאנג, וועלען זיי ליידען נאָך א פאר מאָנאַטען!...

אי די יוניטי הויז איז דערוויל צו קליין אריינצונעמען אלע אפליקאנטען — איז נאָך אלץ קיין סימן ניט אז די מאַדזשאָריטי האט שכל...

אי די מעמבערס פיהלען זיך אין דער יוניטי הויז זעהר גליקליך און פרעהליך, — איז מאלע וואס נאראָנים פרעהען זיך.

און טאקע צוליעב וואס האט זיך אונז געלוינט צו שאפען א כאָר פון אייגענע משוררים?

און אָהן אן אייגענער סימפאָני האט די יוניאָן ניט געקענט עקזיסטירען?

וואס האט קלאסען-קאמפף צו טאָן מיט זינגען און שפילען?

ווער זאָגט דאס, אז עס גיט צו א געוויסען חן דער יוניאָן? ווער וואגט דאס צו גלויבען אז א יוניאָן דאַרף זיך אויך באדערען מיט רעפאָנירונגס ארבייט? — פארדאמטע גאָמפערסיסטען וואס איהר זענט?

מיר האבען נאָך מעהר געזינדיגט, הערר רעדאקטאָר! הערט נאָר ווי ווייט מיר זיינען אין אונזערע זינדערייען געגאנגען:

מיר האבען בעוונותינו-הרבים קלאַסישע קאָנצערטען און טעאטער פאָרשטעלונגען פאר אונזערע מעמבערס אראנזשירט...

אין דעם גרעסטען און שעהנסטען מעטראָפּאָליטאן אָפּערא הויז, אין אלע לאָזשען און פארקעטען, אונזערע קבצנים אריינגעפיהרט פאר חצי חינם, די רייכע אויף צוזעצעניש, און דעם זשעני'ס האַרץ מיט די הערצער פון אונזערע מעמבערס צוזאַמענגעפלאָכטען!

אָה, ווי שעהן דאס פלעגט זיין! ווי ערהאבען די געמיטער פלעגען ווערען!

נשמה-יתורות פלעגען אין אונזערע מעמבערס אריינפליהען. עפעס הייליגער, עמפפינדליכער און איידעלער פלעגען זיי ווערען, און אויפ'ן צווייטען טאָג, זיצענדיג ביי די מאַשינקעס, פלעגען זיי זיסינקע טרוימעלעך וועבען וועגען א שעהנערען און בעסערען לעבען, ווען אלעס ארום וועט זיין אזוי זיס און האַרמאָניש, ווי די טענער פון מישא עלמאַן אָדער די טרעלען פון זיידעל... און ווי פאר'כישופ'טע פון דיזער פערספעקטיווע זיינען מיר געקראָכען אין'ם אָפּגרונד פון זינד אלץ ווייטער און ווייטער!

סקילה איז ניט גענוג פאר אונז, גענ. רעדאקטאָר, מיר זיינען זיך מודה!

אָבער גנעדיגקייט בעטען מיר! מיר זיינען געווען פארפיהרט פון דער טייפעל'שער קראַפט פון אילוזיע!

עס האבען זיך אונז פארוואָלט קלאַסען. פארשידענע קורסען האבען מיר אונטערנומען, זאָגאָר אין אזעלכע נארישע און אינגיצליכע „פרערמעטען" ווי שרייבען, רעדען און לעזען ענגליש...

ווי פארבלאָנדזשעט מיר זיינען דאס געווען מיט אמונה, אז דאס נעהמט אויך אריין אין חשבון פון אונזערע פליכטען, אלס ערציהערס און פיהרערס פון דער יוניאָן!

מיר האבען געדענקט, אז צוגלייך מיט אונזער אינטענסיווער טעטיגקייט אויפ'ן געביעט פון עקאָנאָמישע אויסבעסערונגען פון'ם לעבען פון אונזערע מעמבערס, זיינען מיר אויך ניט ווייניגער פארפליכטעט צו רעאַגירען אויף זייער קולטורעלען און אינטעלעקטועלען לעבען...

און מיר האבען דאס אלעס געטאָן מיט דער גרעסטער התלהבות און איבערגעבענהייט, אזוי ווי פאַנאַטיקער קענען נאָר א זאַך טאָן... און די רעזולטאַטען זיינען, לויט אונזער פשוטען שכל, געווען גאנץ נישקשה'דיגע, ביז... יעס, ביז די אמונג האט אנגעהאלטען!

יעס, פארגעסען נאָך א חטא צו דערמאַנען: מיר האבען זךינאַיבערשסאין ; מאַנען: מיר האבען זיך באַגאַרישט און א סיק-פאָנד אין אונזער יוניאָן געשאַפען.

אויך צו דעם האט דער טייפעל אונז צוגערעדט: די יוניאָן, — האט אונז דער בעל דבר אין אויער געשעפטשעט, — דאַרף אויף די מעמבערס אויפפאסען אויך דאַן, ווען זיי — די מעמבערס — זיינען ניט פעהיג צוליעב קראַנקהייט אויפפאסען אויף זיך זעלבסט.

און אפילו יעצט, פריינד רעדאקטאָר, ווען דער הייליגער סינאָד זיצט און משפט און פארדאַמט אלע טהאטען אונזערע, ווערען מיר נאָך אלץ געפיהרט פון דער כשופ'דיגער קראַפט און מיר טוען נאָך אלץ זאַכען וואס מע טאָר ניט:

מיר בויען א גרויסען קאָאָפּעראַטיווען רעסטאָראַנט. אָט-אָט און ער וועט פאַרטיג ווערען.

נאָך אמאָל חטאנו!

קומט צו דער ערעפענונג, גענ. רעדאקטאָר! ערוואַרטעט אן אינוויטיישאָן.

אייער שכינה וועט פיליכט אביסעל פארלייכטערען אונזער אנגעוועהטאָגטע הערצער.

## ניו יאָרקער פייערלייט אָרגאַניזירען זיך.

א נייע אָרגאַניזאַציע פון אינדזשיניערען און פייערלייט, וואס זיינען באַשעפטיגט ביי פיעלע גרויסע פירמעס פון ניו יאָרק, האט זיך לעצטענס געגרינדעט. ווי זייער סעקרעטער, מר. סטאָקהאַוזער, ערקלערט, געהערען צו דיזער אָרגאַניזאַציע די אַנגעשטעלטע פון פּאַוער הייזער, פון די סטריט קאַרס, עלעווייטערס, סאַבווייס און עלעקטריק קאָמפּאַניעס.

די נייע יוניאָן האָפט צו פאַראייניגען אלע ארבייטער פון דעם פאַך און קאָנטראָלירען יעדען איינציגען וואס איז באַשעפטיגט אלס אינדזשעניר, פייערמאַן, געז און איל-אינדזשען ארבייטער, ווי אויך אלע אנדערע וויכטיגע מעכאַניקער פון די גרויסע אָפיס און פאַבריק געביידען.


פילאַדעלפיער וויסט מאַכער גרייטען זיך צו לעבען א גוטען טאָג

**פיר שבת, דעם 26טען דזשולי**

**אין מייפעל גראָוו פאַרק**

**ביי דעם 12טען יאהרליכען**

**פיק-ניק**

דיעזער טאָג איז אימער א יום טוב נישט נאָר פון די טויזענדער וויסט און דרעסמייקערס, נאָר אויך פון דער גאַנצער פילאַדעלפיער יוגענד. עס איז אָבער צו ערוואַרטען דאס דיעזער יאהר וועט איבערשטייגען אלע פריהעריגע.

די קאָמיטע מאַכט אלע פאַרבערייטונגען צו האָבען א טאָג פון אויסערגעוועהנליכען פערגעניגען.

עס וועט דורכגעפיהרט ווערען א מייפאָל דענס און אנדערע קלאַסישע טענץ פון פּראָפעשיאָנעל טענצערינס.

די עדיוקיישאָנעל דירעקטאָרין פון דער יוניטי הויז מאַכט אויך פאַרשיעדענע פאַרבערייטונגען מיט די יוניטי מיידלעך פאַר א סורפּרייז פיר דיזען פּיקניק, ווי אויך פאַרשיעדענע אנדערע גיימס און ספּאָרטס.

מען קען זיך באַזאָרגען מיט טיקעטס אין אָפיס פון דער יוניאָן און ביי אלע טשערליידיס.



**פילאַדעלפיא! צו אלע מעמבערס פון ל. 2, 53 און 69 פילאַדעלפיא!**

איהר זייט אויפגעפאָדערט צו ביטען אייער יוניאָן קאַרד און באַצאָהלען אלע שולדען. קיינע קאַרדס וועלען נישט געביטען ווערען ביז אלע טעקסעס וועלען נישט באַצאָהלט ווערען. דאס מיינט הויז טעקס, אינטערנעשיאָנעל טעקס, $1.50, מוני טעקס און סאַניטאַריום טעקס.

אלע די יעניגע וועלכע וועלען נישט האָבען זייערע קאַרדס געביטען וועט נישט ערלויבט זיין צו ארבייטען אין קיין יוניאָן שאַפּ.

די יעניגע וועלכע זיינען שולדיג איבער 1 דאָלאַר דיוס זיינען נישט בערעכטיגט צו קיין סיק בענעפיט.

אלע מעלדונגען פאַר סיק בענעפיט מוזען געמאַכט ווערען שריפטליך.

ביי אָרדער

**דזשאָינט באָאַרד קלאָוק און סקירט מאַכער יוניאָן לאָק. 2, 53 און 69**

ארונטערגענומען אביסעל איהר אייזערנע השגחה, און פון איבעראל קומען פראטעסטען סיי געגען דעם פרידענס אפמאך און סיי געגען די ליגע פון נאציאנען.

מיר האבען שוין פאריגע וואך באריכטעט איבער דער לאגע אין איטאליען. די לאגע האט זיך דארט אויף א האר ניט געבעסערט. זאל דא געבראכט ווערען איין ביישפיעל, וועלכער וויזט קלאר די שטימונג פון דעם איטאליענישען ארבייטער. אין נעאפעל איז אנגעקומען א שיף פון לאנדאן אנגעלאדען מיט אמוניציאן, און זיי האבען פארהאלטען די שיף און געצוואונגען די שיף־ארבייטער אויסצולאדען די פארשידענע וואפען, וועלכע זיינען עס געווען באשטימט פאר די קאלטשאק־ארמייען אין זייער קאמף געגען די באלשעוויקעס אין רוסלאנד.

דארט זיינען די ארבייטער זעהר ערנסט, און עס איז גאר קיין צווייפעל ניט, אז דעם 21טען יולי וועט דארט אויסברעכען א דזשענעראל סטרייק, אלס פראטעסט געגען דאס אריינמישען זיך פון די עליים אין רוסלאנד.

עס איז שוין איצט אויך כמעט ווי זיכער, אז דעם זעלבען טאג וועלען ארויס אין סטרייק די ארבייטער פון ענגלאנד און פראנקרייך. פריהער איז נאך ניט געווען אין גאנצען באשטימט, אויב די ענגלישע ארבייטער וועלען ארויס אין סטרייק אבער פון די לעצטע ידיעות זעהט עס אויס, אז דאס וועט זיכער געשעהן. אין ענגלאנד איז ווירקליך די לאגע א זעהר ערנסטע. די ארבייטער, און איבערהויפט די „טריפל אליאנס"; די אייזענבאהן־ארבייטער, די טראנספארט ארבייטער און די מיינערס, האבען גארניט אין דעם רויש פון'ם זיעג פארגעסען אן זייערע פאדערונגען. א חוץ די נאציאנאליזירונג פון די מינען שטעלען די ארבייטער נאך פיעלע אנדערע פאדערונגען, וועלכע, אויב זיי זאלען ניט נאכגעגעבען ווערען, וועלען געוויס פיהרען צו אן אלגעמיינעם סטרייק פון די ארבייטער, וואס מיינט פראקטיש א רעוואלוציע.

אויך אין פראנקרייך איז די לאגע זעהר אן ערנסטע. לויט דעם באריכט פון דעם „פארווערטס"־קארעספאנדענט האט זיך די גאנצע סאציאליסטישע פארטיי אין אלע איהרע שאטירונגען ארויסגעזאגט גאנץ שטארק געגען דעם געשלאסענעם פריעדען און געגען די ליגע און ניישאנס. אויך דארט וועלען די ארבייטער ארויס אין סטרייק דעם 21טען דזשוליי אויס פראטעסט געגען די עליים פאליסי בנוגע צו רוסלאנד. און עס איז זעהר מעגליך, אז אויך דיזער סטרייק זאל זיך פארוואנדלען אין עטוואס פיעל מעהר ערנסטעס, ווי א געוועהנליכער סטרייק.

## אל־אמעריקאנער ארבייטער קאנגרעס

לעצטע וואך איז דא געווען דער ארבייטער־קאנגרעס פון נארד־זיד און צענטראל אמעריקא. דער ערשטער קאנגרעס פון אזא סארט איז אפגעהאלטען געווארען לעצטען יאהר אין לארעדא, טעקסעס. דאס איז געווען דער ערשטער פארזוך פאר א צוזאמענריידונג צווישען די ארבייטער פון פארשיעדענע לענדער אין אמעריקא! דאס מאל האט דער קאנגרעס שטאטגעפונען אין ניו יארק. דער איצטיגער קאנגרעס איז שיער צו נארניט געווארען צוליעב דער רעזאלוציע געגען אימיגראציע, וואס איז אנגענומען געווארען אויף דער קאנווענשאן פון דער פעד. א. ל. אין אטלאנטיק סיטי. אין דער אכט'ען, מען קען דאך ניט ריידען פון ברידערליכקייט, פון הארמאנישער צוזאמענארבייט, אז דא ווערט אנגענומען א רעזאלוציאן, אז קיין ארבייטער פון אירגענד אנאנדער לאנד טאר ניט אריינגעלאזען ווערען אין אמעריקא. און דער דעלעגאט פון די מעקסיקאנישע ארבייטער האט טאקע געפאדערט אן ערקלערונג פון סעמועל גאמפערס, וועלכער איז אויך געווען דער טשערמאן פון דיזען קאנגרעס. גאמפערס האט אין א לענגערער רעדע ערקלערט, אז די אמעריקאנער ארבייטער זיינען געצוואונגען אזוי צו האנדלען, וועניגסטענס פאר די נעקסטע פאר יאהר, ביז די לאגע וועט ווערען א מעהר איינגעארדענטע, אבער אין דערזעלבער צייט מיינט ער ניט, אז אמעריקא זאל אפילו איצט צומאכען די טויערען פאר אלערליי פאליטישע פליכטלינגע אדער פאר די פרויען און קינדער, וועמעס מענער און טאטעס געפינען זיך דא אין אמעריקא.

די ערקלערונג פון גאמפערס איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען פאלקאם צופרידענשטעלענד פאר די פארשידענע דעלעגאטען, און דער קאנגרעס איז אנגעגאנגען ווייטער מיט זיין ארבייט. עס זיינען פארגעלעזען געווארען פארשידענע באריכטען פון די פארשידענע רעפובליקען, פון וועלכע עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די לאגע פון די דארטיגע ארבייטער איז ווירקליך א שרעקליכע און עס איז געפאסט געווארען א באשלוס צו נעמען זיך ענערגיש צו ארגאניזירען די ארבייטער. אויך איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציאן, אין וועלכער עס איז גוטגעהייסען געווארען דער פרידענס אפמאך, די נאציאנען ליגע און א פראטעסט רעזאלוציע געגען די, וועלכע ווילען טרייבען אמעריקא און מעקסיקא צו א מלחמה. נאך דעם ווי דער קאנגרעס האט זיך געשלאסען, זיינען גאמפערס און מאבין אוועקגעפאהרען נאך אייראפא, וואו זיי וועלען זיין אויף דעם אינטערנאציאנאלען טרייד־יוניאן קאנגרעס אין אמסטערדאם, אלס דעלעגאטען פון דער א. פ. א. ל.

## קעפ מייקער האבען א גלענצענדען זיעג.

אלע פאדערונגען וואס די קעפ מייקערס האבען געשטעלט זיינען געוואונען געווארען. זיי האבען אויסגעפיהרט צו קריגען וואך־ארבייט, וואס זאל באשטעהן פון 44 שטונדען, א מינימום וויידזש פון 40 דאלער א וואך פאר א געוועהנליכען אפערייטאר, און יעדער אפערייטאר וועט קריגען מיט 6 דאלער מעהר, ווי ער האט פארדיענט ביז איצט, אלס שטיק־ארבייטער אין די בעסטע 4 אדער 6 וואכען פון סיזאן. אנדערהאלבען מאל פאר אווערטיים, 10 געזעצליכע יום טובים, און נאך און נאך גרויסע וויכטיגע געווינסען. פון גאנצען הארצען גראטולירען מיר די קעפ מייקער יוניאן מיט איהר גרויסען זיעג און אלע איהרע געטרייע פיהרער, ווי צוקערמאן, זאריצקי און נאך און נאך, וועלכע קענען ווירקליך שטאלצירען מיט זייער גרויסער לעבענס־ארבייט פאר זייער יוניאן, פון וועלכער זייער לעצטער אויפטוהו איז ווירקליך די סאמע קרוין.

## דער שוירט מאכער סטרייק.

דער קאמף געהט אן מיט זיין גאנצען פייער. עס איז אמת, אז די פאליס האט אזוי ווי א פארשווערונג געמאכט געגען די סטרייקער, זיי ווערען געשלאגען מערדערליך אויף זייערע פיקעט־ליינס, זיי ווערען ארעסטירט אין די דוצענדע. עס שיינט, אז די פאליס האט אויפגעגעבען איהר גאנצע ארבייט, אזוי, דאס די רויבער און גנבים האבען איצט א פרייע האנד, און איהר גאנצע ענערגיע אנגעווענדעט געגען די סטרייקער. אבער דאס מאכט די סטרייקער נאך מוטיגער און ענטשלאסענער. מיט אזעלכע גרויזאמע מעטאדען איז נאך קיינמאל קיין סטרייק ניט אונטערדריקט געווארען. די שוירט מאנופעקטשורערס, נאטירליך, שטעהען הינטער דער דאזיגער געמיינער פארפאלגונג, אבער מען מעג זיכער זיין, אז דער טאג איז באלד נאהענט, ווען זיי וועלען שטארק חרטה האבען אויף דעם. עס וועט זיי טייער קאסטען. די שוירט מייקער וועלען זיך ניט לאזען צוריק טרייבען אין די שעפער און עקספלואטירט ווערען אזוי גרויזאם, ווי ביז איצט. זיי שטעהען ניט אליין אין קאמף, ווי אין די אמאליגע צייטען. די גאנצע ארבייטער באוועגונג איז מיט זיי, און מוז זיין מיט זיי, ווייל איז דען ניט די שוירט מאכער יוניאן א גליעד פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג?

## די ארבייטער מלחמה.

וואס־וואס, אבער די מלחמה צווישען קאפיטאל און ארבייט ווייס ניט נור פון קיין אפשטעל. נוך זי האלט זיך אלץ אין איין צופלאקערען אין ניו יארק און איבער'ן גאנצען לאנד. יעדער סטרייק, וואס ווארפט זיך אין די אויגען, ווען מען נעמט א צייטונג אין האנד, וואלט פארנעמען א היבשען פלאץ, זאלען דא נאר געגעבען ווערען די סטרייקס פון איין טאג, וואס מיר געפינען אין איין נומער צייטונג. א סטרייק פון סיגאר מאכער אין ניו יארק, און אזוי פעסט אין אזעלכע געשלאסענע רייהען, ווי דאס האט נאך קיינמאל ניט פאסירט אין דער געשיכטע פון דער סיגארען מאכער יוניאן. זיי וועלען זייער סטרייק זיכער געווינען. עס סטרייקען די שיף־ארבייטער, אלס רעזולטאט זיינען פיעלע שיפען, וואס האבען געזאלט אפפאהרען פון ניו יארק, דערוייל געבליבען דא, און עס סטראשעט די געפאהר פון אן אנזאמלונג פון אלערליי פראכט, דורך וואס די שפייזפרייזע אין ניו יארק און אין אנדערע שטעדט וועט ווערען נאך פיעל שארפער, ווי זי איז. עס סטרייקען די שיף־ארבייטער אין באסטאן. עס קלייבען זיך צום סטרייק 8 טויזענד טעפער אין איסט ליווערפול, אהייא, זיי ווילען א 25 פראצענטיגע העכערונג אויף זייערע וויידזשעס. עס האלט ביי א סטרייק פון 8000 קאר־מען פון באסטאן עלעווייטעד, און עס איז מעגליך, אז צום סטרייק זאלען זיך אנשליסען די ארבייטער אויף אלע אנדערע קאר־ליינס אין באסטאן. עס סטרייקען די קארסעט מאכער אין ברידזשפארט. עס סטרייקען 10 טויזענד ארבייטער פון די הארוועסטער קא. אין שיקאגא. זיי ווילען א דאלער א שטונדע און די פולע אנערקענונג פון זייער יוניאן, ד. ה. זיי ווילען א „קלאוזד שאפ". עס סטרייקען די טעלעפאן־ארבייטער פון קליוולאנד, און עס איז גאנץ מעגליך, אז אין סימפאטיע מיט זיי זאלען טויזענדע ארבייטער פון אנדערע טריידס ארויסגעהן אין סטרייק. עס פלאנעווען א סטרייק פאר אן אכט שטונדיגען טאג די יוניאנס אין דער שטאל אינדוסטרי. עס האלטען ביי א סטרייק די פיינטערס פאר 8 דאלער א טאג און א 5 טאגיגע ארבייטס־וואך. די קארפענטער געווינען א לוין פון 7 דאלער א טאג און א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך אין פיעלע שעפער אין ניו יארק. עס קלייבען זיך צו א סטרייק די לעדער ארבייטער און נאך און נאך. דער קאמף פלאקערט איבעראל.

# דער מיטינג פון ניו יארקער דזשאינט באארד

שבת, דעם 12טען דזשוליי, איז אפגעהאלטען געווארען דער ערשטער מיטינג פון דזשאינט באארד. פון איצט אן און ווייטער וועלען די מיטינגען אפגעהאלטען ווערען רעגעלע, ווי בעפאר.

פיעלע וויכטיגע טרייד און ארגאניזאציאנס־פראגען זיינען דיסקוטירט און באהאנדעלט געווארען. פרעזידענט שלעזינגער און רעדאקטאר ש. יאנאווסקי זיינען אנוועזענד געווען און האבען זיך באטייליגט אין דער דיסקוסיאן.

* * *

א צושריפט פון לאקאל 9 אינפארמירט, אז דער לאקאל פייערט דעם זיעג מיט א באנקעט, און דער לאקאל בעט דעם דזשאינט באארד צו שיקען א קאמיטע. די איינלאדונג ווערט אנגענומען און די ברידער פרעס, פינקאווסקי, מאשקאוויטש, גאלדין, סטודענט און טשארטשיארי ווערען אפאינטעט אלס קאמיטע צום באנקעט.

די פינאנץ קאמיטע רעקאמענדירט, אז די צייטונג „מעסענדזשער", וועלכע ווערט געווידמעט פאר די שווארצע ארבייטער, זאל געשטיצט ווערען מיט 100 דאלאר. די רעקאמענדאציאן ווערט אנגענומען.

ברודער זיגמאן באריכטעט, אז ער מיט דער קאמיטע, וועלכע איז אפאינטעט געווארען ביים באארד או דירעקטארס בנוגע די אפיסעס האבען געהאט א מיטינג און זיי מאכען פארלויפיג די פאלגענדע רעקאמענדיישאנס:

1) ברודער ס. מעטץ זאל מענעדזשען דעם דעפארטמענט פון דער אמעריקאן אסאסיאיישאן.

2) ברודער פריזאמט זאל מענעדזשען דעם סקוירט דעפארטמענט.

וועגען דעם פראטעקטיוו אפיס באריכטעט ברודער זיגמאן, אז ברודער פינקעלשטיין ענטזאגט זיך אויף ווייטער צו שטעהן אין דעם אויבענדערמאנטען דעפארטמענט. וועגען דעם ריפער דעפארטמענט און דאון טאון דעפארטמענט ערקלערט דער דזשענעראל מענעדזשער, אז די קאמיטע איז נאך ניט פארטיג צו באריכטען אדער רעקאמענדירען, ווייל די קאנדישנאס האבען זיך אין די צוויי דעפארטמענטס זעהר פיעל געענדערט. די קאמיטע וועט קומענדע וואך נאך אמאל מיטען און זי וועט אריינברענגען א רעקאמענדיישאן. ברודער זיגמאן ערקלערט ווייטער, אז די ברוקלינער און בראנזווילער אפיסעס וועלען פארבלייבען אונטער דעם זעלבען מענעדזשמענט ווי בעפאר דעם סטרייק. ברודער ניסנעוויטש פאר ברוקלין און ברודער באבימש פאר בראנזוויל.

דער רעפארט פון ברודער זיגמאן ווערט גוט געהייסען.

א קאמפליין פון ברודער ה. בארענשטיין ווערט אויפגענומען אז די פירמע ל. און ק. ענטזאגט זיך איהם ארויפצונעמען צו דער ארבייט טראץ דעם וואס דער אפיס האט איהם ארויסגעגעבען א ווארקינג קארד. ברודער פריזאמט ערקלערט, אז ווען ער האט דעם קאמפליין פון דעם ברודער אונטערזוכט, האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער ברודער איז אוועק פון דעם פלאץ נאך מיט אייניגע וואכען צוריק איידער דער סטרייק איז ארויסגערופען געווארען. די פירמע באהויפטעט, אז דער ברודער אליין איז אוועק פון פלאץ, דארום וויל זי איהם ניט צוריקנעמען צו דער ארבייט.

נאך דעם ווי עס ווערען אויסגעהערט די מיינונגען פון די ברידער קאטלער און פריזאמט, וועלכע האבען געהאנדעלט אין דיזער קייס, ווערט באשלאסען אז דער ברודער זאל זיך ליבערשט זוכען אן אנדער פלאץ צו דער ארבייט.

ברודער פינקעלשטיין באריכטעט, אז די אפערייטארס פון טוראף'ס שאפ ארבייטען פון שטיק און ער רעקאמענדירט, אז די אפערייטארס זאלען פון דעם שאפ ארונטערגענומען ווערען.

די רעקאמענדיישאן ווערט גוט געהייסען.

די ארבייטער פון א. גורשעל ענטזאגען זיך צוריק צו געהן צו דער ארבייט ביז וואנען זיי וועלען ניט זיין זיכער אז די פירמע וועט זיי פארזיכערען מיט א לעבען צו מאכען.

אין די שעפער פון הייט און סאן און וואנדראף און קא. איז א פראגע פון פרייזען. ברודער פינקעלשטיין איז מיט דער מיינונג אז די טראבעלס וועלען געסעטעלט ווערען ווי אם שנעלסטען.

ברודער זיגמאן נעמט אויף די פראגע וועגען דער צוזאמענשטעלונג פון די דעפארטמענטס. ער ערקלערט, אז ער האט זיך אין דער פראגע פיעל אריינגעטראכט און ער איז געקומען צום שלוס, אז די אפיסעס דארפען איינגעשטעלט ווערען ווי פאלגט: פון די פראטעקטיוו שעפער איין דעפארטמענט; פון דער אמעריקאן אסאסיאיישאן א צווייטער דעפארטמענט; פון די אפטאון אינדעפענדענט שעפער און ריפער שעפער א דריטע דעפארטמענט; און פון די דאון טאון אינדעפענדענט שעפער און סטארס א פיערטער דעפארטמענט.

די רעקאמענדיישאנס פון ברודער זיגמאן רופען ארויס א דיסקוסיאן און עס ווערט באשלאסען אז א קאמיטע זאל אפאינטעט ווערען וועלכע זאל אריינברענגען א רעפארט צום נעקסטען מיטינג פון דזשאינט באארד.

די פראגע פון מענעדזשערס פאר די פארשיעדענע אויסגערעכנטע דעפארטמענטס ווערט אויפגענומען און עס ווערט באשלאסען אז אויך די פראגע זאל איבערגעהן צו דער קאמיטע פאר א רעקאמענדיישאן.

די פראגע פון אפאינטען ביזנעס איידזשענטס ווערט אויפגענומען און עס ווערט פאלגענדעס באשלאסען: 1) פון דזשוליי דעם 14טען ביז דזשוליי דעם 21טען זאלען די מעמבערס אויפגעפאדערט ווערען צו מאכען אפליקיישאנס. 2) אפאינטמענטס פאר ביזנעס איידזשענטס זאל שטאטפינדען דעם 23טען, 24טען, און 25טען דזשוליי. 3) די אפאינטעטע ביזנעס איידזשענטס זאלען אריינגעהן אין זייערע אפיסעס דעם 28טען דזשוליי. 4) די אפאינטמענט קאמיטע זאל באשטעהן פון דער באארד או דירעקטארס, דיסטריקט און לאקאל מענעדזשערס און מעמבערס פון די עקזעקוטיוו באארדס וועמעס מעמבערס עס דארפען עקזאמינירט ווערען.

די פראגע פון די סאלאריס פאר די אפיסערס פון דעם דזשאינט באארד ווערט אויפגענומען. עס ווערט באשלאסען אז די סאלאריס פון די אפיסערס זאלען געהעכערט ווערען מיט 10 דאלאר א וואך יעדען.

די פראגע פון א יוניפארם דיוס ווערט אויפגענומען. ברודער זיגמאן ערקלערט, אז נאך דעם ווי וואך ארבייט און אנדערע קאנדישנאס אין טרייד זיינען איינגעפיהרט געווארען, איז ווינשענסווערטה אז די דעלעגאטען זאלען זיך אריינטראכטען וועגען א גרויסע טרעזשורי פאר דער יוניאן. ער ערקלערט, אז די יוניאן מוז אימער זיין פארבערייטעט מיט א סטרייק פאנד און ער ברענגט ביישפיעלע פון אנדערע יוניאנס וועמעס מעמבערס ארבייטען אויף א פיעל קלענערען סטענדארד ווי אונזערע מעמבערס און דאך האבען זיי גרויסע סטרייק פאנדס.

נאך דעם ווי די פראגע ווערט ארומגערעדט, ווערט באשלאסען: 1) גלייכע דיוס מוזען געצאהלט ווערען אין אלע לאקאלס. 2) די פראגע וועגען א פלאן פאר אן אימוירדזשענסי פאנד ווערט איבערגעגעבען צו די פינאנץ סעקרעטערע פון די פארשיעדענע לאקאלס פאר א רעקאמענדיישאן צום נעקסטען דזשאינט באארד מיטינג.

עס ווערט אויפגענומען די פראגע ווען דער דזשאינט באארד זאל מיטען דורך די הייסע זומער מאנאטען. עס ווערט באשלאסען אז די קארפערשאפט זאל מיטען יעדען פרייטאג אבענד.

ל. לאנגער, סעקר.

ציים קומען צו דער פירמע זיך דורכריידען, און, אויב נאר מעגליך, אויב די ביטערע קאנקורענץ וועט נאר ערלויבען, וועט זי אודאי זיך ניט אפזאגען מיט די ארביי־טער צו פארהאנדלען.

ווייטער ערקלערט די פירמע, אז עס פארדריסט איהר זעהר, וואס די ארביי־טער האבען געמאכט א טומעל פון א זאך, וואס איז אייגענטליך א פאמיליען־אנגעלעגענהייט, וואס האט באדארפט גע־סעטעלט ווערען הינטער פארשלאסענע טירען צווישען איהר, דער פירמע, און איהרע געטרייע קינדער, די ארבייטער און ארבייטערינס.

דאס איז די ערקלערונג פון דער פיר־מע.

די ארבייטער אבער וויסען איצט איין זאך, אז זיי זיינען אין סטרייק און זיי סטרייקען גאנץ געשמאק. עס ווערען אפגעהאלטען מיטינגען, און די שעפער ווערען געפיקעט, און ביז די באסעס וועלען זיך ניט פארשטענדיגען מיט דער קא־מיטע פון דער יוניאן, און ניט בלויז מיט א קאמיטע פון איהרע "שאפ־ארבייטער", וועט דער שאפ בלייבען געשלאסען.

די אנפיהרערשאפט פון סטרייק איז אין גוטע הענט. א חוץ די ארטיגע בעאמ־טע געפינט זיך איצט דארט, ווי מיר הא־בען שוין ערקלערט, פאניא מ. קאהען, וויס־פרעזידענטין פון דער אינטערנעשא־נעל, און פאר איהר איז עס ניט קיין נא־ווינע צו שטעהן אן דער שפיצע פון א קאמפף.

א חוץ איהר, איז ארויסגעפאה־רען פון ניו יארק עליאס ליבערמאן, גע־וועזענער טשיף קלוירק פון דער לידיס ווייסטמאכער יוניאן פון ניו יארק, און איצט מענעדזשער פון „גערעכטיגקייט”, וועלכער ווייס אויך ווי צו הענדלען אזא לאגע. און אויב די ברידער וואָרנער זיי־נען ניט אזעלכע נארען, ווי עס זעהט זיך אן פון זייער ערקלערונג, וועלען זיי גאר גיך סעטלען מיט דער יוניאן.

וועהרענד מיר שרייבען די צייל‏ען, קומט פאר א קאנפערענץ צווישען א קא־מיטע פון דער יוניאן און דער פירמע, אבער מיר קענען נאך איצט ניט מיט־טיילען איבער דעם רעזולטאט.

די גרעסטע צאהל ארבייטער אין דעם שאפ — שרייבט אונז מיסס קאהען — זיינען אמעריקאנער פרויען. די איבערי־גע זיינען אונגארישע און איטאליענישע, און איינינע זיינען אידישע טעכטער. די קאטערס זיינען אלע אמעריקאנער.

אויב דער סטרייק וועט ניט געסע־טעלט ווערען, איז עס כמעט ווי זיכער, ערקלערט דער מענעדזשער פון דער ברידזשפארט קארסעט מייקערס יוניאן, אירא ארענבורן, וועט ערקלערט ווערען א גענעראל סטרייק פון דעם גאנצען קאר־סעט טרייד אין קאנעקטיקוט, אין וועלכען עס זיינען באשעפטיגט ניט ווייניגער ווי 10 טויזענד ארבייטער.

# די וואך

פון ש. י.

True translation filed with the Postmaster at New York City, on July 18, 1919, as required by the Act of Congress, approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

## פרעזידענט ווילסאנס רעדע פאר'ן סענאט.

אין זיין היבש־לאנגער רעדע פאר'ן סענאט האט פרעזידענט ווילסאן ניט גע־זאגט פיעל מעהר, ווי אין זיין קירצערער רעדע מיט א טאג פריהער אין קארנעגיע האל. דאך זיינען דא איינינע וויכטיגע פונקטען אין דער רעדע אויף וועלכע עס דארף אנגעוויזען ווערען. ערשטענס, אז ביז אמעריקא איז אריין אין קריעג איז עס געשטאנען זעהר שלעכט מיט די עליים. די עליים זיינען געווען כמעט פאר־צווייפעלט. מען האט געפייערט לעצטעס יאהר דעם 14טען דזשולי מיט בלויז אן אנשטעל פון פרעהליכקייט. אבער אין דער ווירקליכקייט איז יעדע הארץ געווען פול מיט דער פינסטערסטער פארצווייפ־לונג. מיט דער ערשיינונג פון די אמערי־קאנער שטאלצע, שטארקע סאלדאטען האט זיך די לאגע מיט אמאל געענדערט. די פארצווייפעלטע האבען געקראגען נייעם מוטה ביי דעם אנבליק פון אונזערע סאל־דאטען.

דער צווייטער פונקט איז, דאס אמע־ריקא דורך איהר זעלבסטלאזיגקייט, דורך איהר אריינטרעטען אין די מלחמה אהן אירגענד וועלכע עגאאיסטישע צוועקען פאר זיך, און אין דערזעלבער צייט ניט שטעהענדיג אין קיין דירעקטער געפאהר פון דעם שונא. און האבענדיג בלויז דעם איינציגען ציעל צו העלפען דער וועלט צו פרייהייט און דעמאקראטיע, האט אזוי אפעלירט צו דער וועלט, אז מיט איינמאל האט אמעריקא געקראגען א פרעסטיזש, אן אויטאריטעט וואס זי האט קיינמאל ניט געהאט, און דערפאר איז עס געווען אמעריקא, וועלכע האט דיקטירט די פרינ־ציפען פון פרידען און פון וואפענשטיל־שטאנד.

דער דריטער פונקט איז, דאס כאטש אין איינצעלנע פונקטען איז דער פרידענס אפמאך שטארק מאנגעלהאפט. אבער אין אלגעמיין איז ער דאך אין איינקלאנג מיט ווילסאן'ס 14 פרידענס־פונקטען. נאטיר־ליך, ווען עס וואלטען ניט געווען פאר־שידענע אינטערעסען אויסצוגלייכען, ווען עס וואלטען ניט געווען פון פריהער גע־מאכטע, צוליעב דער מלחמה, פארשידענע פארשפרעכונגען, וואלט דער פרידענס־אפמאך געקאנט זיין א מעהר אידעאלער, אבער אונטער די אומשטענדען האט קיין בעסערער פרידען ניט געקאנט געשלא־סען ווערען. גוואלדיגע שוועריגקייטען זיי־נען געווען, וועלכע מען האט געמוזט ביי־קומען.

דער פערטער פונקט איז, אז דער גאנצער פרידענס־אפמאך האט קיין ממשות ניט אהן דער ליג פון נאציאנען, ווייל נאר מיט איהר הילף קען אויפגע־האלטען ווערען אט דער איצט־געשלאסע־נער פרידען. די אלע איצט באשאפענע פרייע נאציאנען וואלטען זעהר ניט לאנג געקאנט עקזיסטירען. ווען עס וואלט ניט באשאפען געווארען א ליג פון נאציאנען, וואס זאל זיי באשיצען. פאלגליך, ווער עס וויל פרידען אויף דער וועלט, דער מוז אויך וועלען די ליגע פון נאציאנען.

דער פערטער און דער לעצטער פונקט אין דער רעדע אין זיין ערקלערונג, איז אז איצט איז שוין צו שפעט צו וועלען פאל־גען וואשינגטאנס עצה און ניט פארפלאנ־טערען זיך אין אייראפעאישע אנגעלעגענ־הייטען. דער דאזיגער שריט איז געמאכט געווארען מיט 21 יאהר צוריק, ווען אמע־ריקא איז אריין אין קריעג מיט שפא־ניען, און דורך דער מלחמה איז זי געקו־מען אין באזיץ פון רייכע אינזלען אויפ'דער אנדערער זייט פון דער וועלט, דורך וועל־כע מיר זיינען זיינען אריין אין פאר־העלטניסע מיט די רעגירונגען פון דער גאנצער איבריגער וועלט. דערפאר איז עס צו שפעט צו וועלען בלייבען אפגעזונ־דערט פון דער וועלט. מיר זיינען איצט פארבונדען מיט דער גאנצער וועלט, און מיר טארען ניט צוברעכען די הארץ פון דער וועלט איצט, ווען זי נויטיגט זיך אזוי אין אונז.

דאס איז דער אינהאלט פון דער גאנ־צער רעדע. גוט, ווי די רעדע איז. אבער קיין ענטפער אויף די פארשידענע אויס־זעצונגען סיי געגען דעם פרידענס־אפמאך און סיי געגען די נאציאנען־ליעג גיט די רעדע ניט. די רעפובליקאנער אין סענאט זיינען דורך די רעדע אויף א האר ניט איבערצייגט געווארען, אז זיי זיינען אונ־גערעכט מיט זייער געגנערשאפט צום פרי־דען. די וואך איז פארגעקומען א שטורמי־דיגע דעבאטע איבער דעם, ווי די פרי־דענס־קאנפערענץ האט געהאנדעלט בנוגע צו כינא. די אלגעמיינע מיינונג פון די געגנערישע סענאטארען איז, אז די עליים האבען פשוט פארשאכערט די אינטערע־סען פון כינא צו יאפאן. ווילסאן אליין גיט צו, אז די האנדלונג איז ניט געווען קיין זעהר עהרענהאפטע, אבער ער מיינט, אז עס איז קיין אנדער אויסוועג ניט גע־ווען. ווען יאפאן קריגט ניט די פראווינץ שאנטונג, וואלט דער גאנצער פרידען גע־שטאנען אין קאן.

פרעזידענט ווילסאן האט מיט זיין רעדע די געגנער ניט איבערצייגט, און זיינע אנהענגער האט ער דאך ניט בא־דארפט איבערצייגען. אבער אויך זיי זיי־נען איצט ניט אין גאנצען צופרידען. זיי האבען געגלויבט אז פרעזידענט ווילסאן וועט זיי געבען די ארגומענטען, מיט וועלכע זיי זאלען קענען באקעמפען די געגנער. אבער דערווייל האט עס פרע־זידענט ווילסאן נאך ניט געטאן. אפשר וועט ער עס טאן שפעטער אין זיינע פרי־וואטע געשפרעכען מיט די סענאטארען. ווי ער האט זיך ערקלערט גערן צו טאן עס אין זיין רעדע. דאס האט געקאנט אויסגע־טייטשט ווערען, אז עס איז דא פיעלעס, וואס ער קען נאר ערקלערען פריוואט, אבער ניט עפענטליך פאר'ן גאנצען פאלק. עטוואס, וואס האט דעם שטארקען ריח פון געהיימער דיפלאמאטיע.

## א מלחמה געגען די רויטע געפאהר איבער'ן גאנצען לאנד.

ווי עס איז געווען לייכט פאראויס צו זעהן, איז דער באפאלונג אויף די רוסישע סאוועטען־ביורא געווען בלויז דער אנפאנג פון אן אלגעמיינע אטאקע אויף אלעס, וואס איז נאר אונטער דעם חשד צו זיין אביסעל רויט, אין ניו יארק, און איבער'ן גאנצען לאנד. נאך דעם בעפאל אויף די סאוועטען־ביורא האט געפאלגט דער בע־פאל אויף די רענד סקול, און די לוסק קא־מיטע האט זיך מיט איהר אונטערזוכונג צוליינט גאנץ ברייטלאך אין דער גאנצער פרעסע, אזוי, דאס א גאנצע אינסטיטוציע וואס עקזיסטירט שוין באלד צוואנציג יאהר און אלע, אלע, וואס זיינען פאראיי־ניגט מיט איהר, זיינען פראצעסירט געווא־רען אין דערזעלבער פרעסע. און די אטא־קירטע און בעפאלענע האבען ניט געהאט דעם מינדעסטען שאנס זיך צו פארענט־פערען.

עס האט שוין געהאלטען נאר נאהענט אז מען זאל צונעהמען דעם טשארטער פון דער רענד סקול, און מען זאל דארט אריינזעצען א רעסיווער. דאס וואלט אויך זיכער געשעהן, און עס וואלט געווען פאר־פאלען, נאר דא האט פאסירט ממש א נס. איינער האט פאראינטערעסירט אין דעם פאל דעם בארימטען לאיער סעמועל אונטערמייער, און ער, כאטש א טעמעני־פאלימישען, אבער אין תוך א זעהר עהר־ליכער און איידעלער מענש. איז פשוט נבהל ונשתומם געווארען פון אזא מין סקאנדאליעזע האנדלונג פון דער לוסק קאמיטע און די אלע געזעץ־משיתים, וואס האבען איהר געהאלפען. ער האט גלייך איבערגענומען דעם פאל אין זיינע הענד, און האט אויסגעווירקט, אז דערווייל זאל מען לאזען די רענד סקול צו רוה, און די פראגע, אויב מען זאל צונעהמען דעם טשארטער פון דער רענד סקול וועט פאר־קומען אין קאורט דעם 28טען דזשולי. אונטערמייער מיט זיין בריעף צו דעם אטארני דזשענעראל און דורך זיין פארטיידיגונג פון דער רענד סקול אין קאורט האט ממש אויפגעשטורעמט די עפענטליכע מיינונג און האט דיסקרעדי־טירט אויף טויט די גאנצע לוסק קאמיטע. ער האט באוויזען, ווי די גאנצע האנדלונג געגען די רענד סקול איז געווען אונגעזעצ־ליך און געגען יעדען באגריף פון פריי־הייט.

אזא מין אויפטריט האט נאטירליך געמאכט אונגליקליך די גאנצע לוסק קאמי־טע מיט איהר גאנצע אונטערזוכונג, איז אבער אין מיטען דעריגען אונטערגע־שפרונגען אונזער געווערנאר סמיטה און האט איינגערופען א ספעציעלע קארט מיט גרענד דזשורים, וועלכע האט אלס איהר אויפגאבע צו אונטערזוכען יעדע רא־דיקאלע טעטיגקייט, וואס קען פארדעכ־טיגט ווערען און ניט זיין כשר גענוג.

דאס נאך ווייניג. ווערט, לויט א בא־ריכט אין די צייטונגען, ארגאניזירט אין ניו יארק אויף דער איניציאטיווע פון דער פאלים א סארט כיקרים סירוויס, וועלכע וועט באשטעהן פון 2000 מענשען. די אלע מענשען וועלען זיין ניט קיין פראפע־סיאנעלע דעטעקטיווס, נאר מענשען פון פארשידענע טריידס און פראפעסיעס, און די וועלען האבען אלס זייער אויפגאבע צו שפיאנירען איבעראל, וואו זיי קומען נאר אריין, אום צו דערטאפען דעם רויטען משחית. צוליעב דעם, ווערט ערקלערט, איז ניו יארק איינגעטיילט געווארען אין פארשידענע דיסטריקטס, און יעדער דיס־טריקט וועט זיך האבען זיין שפיאן, וועל־כער קען זיין א לאיער, א דאקטאר, אן ארבייטער, אירגענד א מענש.

אויב דאס איז אמת, קען עס קומען דערצו, אז באלד וועט איין מענש דעם צווייטען האלטען אין איין פארדעכטיגען. די דאזיגע שפיאנערייע מיינט ניט נאר צו באנוגענען זיך מיט די אויסגעשפראכענע אנארכיסטישע, באלשעוויסטישע און אנ־דערע ראדיקאלע קרייזען, נאר זי מיינט אריינצודרינגען אין יעדע יוניאן, אין יע־דע סאסייעטי, אין יעדע פריוואט הויז. אט אזוי קען ווערען ניו יארק מיט איינ־מאל דער אמאליגער פעטערבורג, וואו אויף שריט און טריט איז, ווי אייער שא־טען, אייך נאכגעגאנגען א שפיאן.

פארשטעהט זיך, אז ניו יארק וועט באלד קריגען א גרויסע נאכפאלגערשאפט אין פיעלע אנדערע שטעדט. ווארים ניו יארק איז דאך ניט די איינציגע שטאדט, וואו עס זיינען דא די רויטע, מען פלא־נעוועט עהנליכע אונטערזוכונגען און עהנ־ליכע ארגאניזאציעס אין פיעלע אנדערע שטאאטען, און עס איז דא א האפנונג, אז באלד, באלד און גאנץ אמעריקא וועט קריגען גאר א גרויסע עהנליכקייט צו דעם וואס רוסלאנד איז געווען אין די גוטע צייטען פון די פלעווס און סטאליפינס.

## די לאגע אין אייראפא.

קריטיש וואלט אפשר געווען דאס ריכטיגע ווארט פאר די לאגע אין אייראפא. ווען עס וואלט ניט אזוי אפט גע־ברויכט געווארען אין פעלע, וועלכע זיי־נען ניט זעהר ערנסט. אבער אין אייראפא איז ווירקליך די לאגע א זעהר ערנסטע.

ערשט איצט, נאכדעם ווי דער פרי־דען מיט דייטשלאנד איז געשלאסען גע־ווארען, און די בלאקאדע איז אוועקגענו־מען געווארען, הערט מען פון איבעראל, פון פראנקרייך, ענגלאנד, איטאליען וועג־נען א גרויסער אלגעמיינער אונצופרידענ־הייט. משמעות, אז די אונצופרידענהייט איז אויך געווען פריהער, אבער צוליעב דער שטרענגקייט פון דער צענזור האבען מיר דא ווייניג געוואוסט [illegible]גען דעם. איצט ווי עס זעהט אויס, [illegible] די צענזור


# וויכטיג פאר שאפ טשערלייט און מיטגליעדער פון דער קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער יוניאן

יעדער ארבייטער וואס קומט ארויף אין א שאפ ארבייטען מוז האבען א וואר־קינג קארד אויף וועלכער עס זאל זיין אויפגעשריבען דער נאמען פון דעם מעמ־בער, און אויך דער נאמען פון דער פירמא. קיין אנדער ווארקינג קארד איז ניט גילטיג.

* * *

ווארקינג קארדס דארפען בלויז געביטען ווערען ווען מען געהט ארויף אויף א נייעם פלאץ צו דער ארבייט.

* * *

ווען איהר געהט ארויף אויף א נייעם פלאץ צו דער ארבייט און געהט ארויסנעהמען א נייע ווארקינג קארד, מוזט איהר ברענגען די פריהערדיגע ווארקינג קארד, ווען ניט, וועט איהר קיין נייע ווארקינג קארד ניט באקומען.

* * *

פון מאנטאג, דעם 21טען דזשולי, וועלען פארלויפיג ווארקינג קארדס ארויס־געגעבען ווערען אין די אפיסעס פון די לאקאל יוניאנס. יעדער מעמבער זאל זיך ווענדען צו זיין לאקאל יוניאן נאך א ווארקינג קארד.

* * *

מיר מאכען אויפמערקזאם אלע אונזערע מעמבערס אז סטאפען פון דער ארבייט אהן אן ארדער פון דער יוניאן איז א פארברעכען געגען דער יוניאן. לעזט דורך דעם פאלגענדען פאראגראף פון אונזער אינטערנעשיאנעל קאנסטי־טושאן:

„אונטער קיינע אומשטענדען טארט איהר ניט סטאפען פון דער ארבייט אדער ארויסגעהן אין סטרייק אהן א באפעהל פון דער יוניאן. יעדער אונ־געזעצליכער סטרייק איז א פארברעכען געגען דער יוניאן.”

**מ. זיגמאן,**

**דזשענעראל מענעדזשער, דזשוינט באארד קלאוק מאכער יוניאן.**

# לעבען און טעטיגקייט אין אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן

(ווי דאס שפיגעלט זיך אפ אין די קאנטרי-צייטונגען איבער'ן לאנד)

די אידישע צייטונגען אין די קאנטרי־שטעדט גיבען אפ א סך פלאץ פאר'ן אויסדרוק פון'ם לעבען און טעטיגקייט פון אונזער אינטערנעשיאנאל יוניאן איבער'ן גאנצען לאנד און קענעדע. און מיר וועלען פון צייט צו צייט איבערדרוקען איינינעס, אין די „גערעכטיגקייט", וואס וועט זיין אינטערעסאנט פאר די מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשיאנאל, וואו זיי זאלען זיך ניט געפינען.

אונזער אינטערנעשיאנאל מאכט איצט דורך א סך גרויסע קעמפע אין פיעלע, פיעלע פראווינץ־שטעדט און כמעט אומעדום באקומען די ארבייטער גלענצענדע רעזולטאטען.

א חוץ די פיעלע קעמפע וואס געהען נאך אן אין מאנכע שטעדט, איז איצט באזונדערס גאנץ לעבעדיג אין שיקאגא, וואס איז א גאנץ וויכטיגער צענטער פון דער ליידיס גארמענט אינדוסטרי אין דער מידל־וועסט. די קלאוק מאכער האָבען דארט נאר וואס פארענדיגט זייער גלענצענדען סטרייק און פייערען דעם זיעג. אין דערזעלבער צייט אבער, שטעהן דארט אויפ'ן שוועל פון א דזשענעראל סטרייק די ווייסט און דרעס מאכער און די וויטגודס ארבייטער. דיזע ארבייטער ווילען ניט בלייבען הינטערשטעליג, מען ארגאניזירט זיך און מען רייסט זיך צום קאמף.

אויף א צווייטען פלאץ אין די הייניגע „גערעכטיגקייט" דרוקען מיר אן אפיעל פון ברודער י. האכמאן, אונזער אינטערנעשיאנאל ארגאנייזער אין שיקאגא, וואס ווייזט קלאר ווי ערנסט עס איז דארט די לאגע צווישען די ווייסט און דרעס מאכער.

אין דעם שיקאגא'ער „פארווערטס" פון זונטאג דעם 13טען דזשולי, געפינען מיר וועגען דער לאגע דאס פאלגענדע:

„די דרעס באסעס פון שיקאגא ארגאניזירען זיך צו באקעמפען די יוניאן. די יוניאן ווייסט שוין איצט וועגען דעם און זי שרעקט זיך דערפאר נאר ניט אפ. פארקערט, דאס באווייזט, ווי שטארק די יוניאן איז און ווי זיכער די ארבייטער מעגען זיין אין א זיעג.

דער „פארווערטס" האט געקראגען איינינע בריעף וואס זיינען ארויסגעשיקט געווארען צו די דרעס מאנופעקטשורערס, רופענדיג זיי צו א מיטינג, וואו שריטע וועלען גענומען ווערען ווי אזוי צו באקעמפען די יוניאן.

איין בריעף פאנגט זיך אן מיט פאלגענדע צוקער־זיסע ווערטער:

„אויב איהר זייט ניט געווען ביים מיטינג נעכטען אבענד, האט איהר פארלארען די גאלדענע געלעגענהייט צו באקענען זיך מיט'ן אויסגעצייכנעטען גייסט וואס הערשט צווישען די מאנופעקטשורערס פון קאאפערייישאן.

„דער נעקסטער מיטינג וועט געהאלטען ווערען אין דעם פארט דירבארן האטעל, יולי 8טען, 7 אוהר אין אבענד.

„עס איז העכסט וויכטיג פאר אייער איינענעם בענעפיט אזוי גוט ווי פאר יעדען איינעמס ביזנעס בענעפיט איהר זאלט קומען צום מיטינג. אויב איהר וועט ניט קומען וועט דאס זיין א צייכען פון שוואכקייט. דאגעגען, אויב איהר וועט יא קומען וועט עס זיין א צייכען פון שטארקיים.

דיזער בריעף איז אונטערשריבען פון די „אסס'ן אף וועסטערן מאנופעקטשורערס אף וויםענס קלאדינג". הודאלף קאני, סעקרעטער, 412 סאוטה מארקעט סט.

דאן קומען א ליסטע פון נעמען פון באסעס, וועלכע האבען זיך אונטערגעשריבען צו שטעהן בייגאנד און צו באַקעמפען די יוניאן.

א צווייטער בריעף, וועלכער רופט צו א צווייטען מיטינג אויף דעם 15טען יולי, פאנגט זיך אן אזוי:

„אויב איהר זיינט ניט געווען ביי אונזער מיטינג פון 8טען יולי, האט איהר פארפעהלט גוטע עצות אין אויסקינפטע וועלכע איהר דארפט האבען אין דער איצטיגער צייט. פאר וואס זאלט איהר ווארטען ביז איהר וועט זיין אין טראבעל איינצוטרעטען אין אונזער אסאסיאיישאן?

„האט אין זינען אז א קאנסער (א האק) קען אויסגעהיילט ווערען, ווען דער קאנסער איז נאך יונג, קליין. א קאנסער (די יוניאן) האלט זיך איצט אין איינפרעסען אין די הארץ פון אייער אינדוסטריע און ווען איהר וועט זיך אנשליסען אן אונזער אססאסיאיישאן וועלען מיר קענען דיזען קאנסער אויסשניידען".

אזוי רעדען די באסעס, זיי וועלען אויסגעפינען אז ריידען איז לייכטער ווי טאן. זיי קענען נאך אמאל אליין צושניטען ווערען ביים פראבירען צושניידען די יוניאן פון די דרעס מאכער.

די יוניאן שרעקט זיך ווייניג וואס פאר דיזע פלענער פון די באסעס און געהט אן מיט איהר גרויסע ארגאניזאציאנס ארבייט; די יוניאן וועט ניט רוהען ביז די דרעס מאכער וועלען ארבייטען אונטער בעסערע קאנדיציאנען און אויב די באסעס, פאראייניגט אדער באזונדער, וועלען דאס ניט נאכגעבען מיט גוטען, וועלען זיי דאס מוזען טאן מיט בייזען — דורך א סטרייק.

דערוויל האט די יוניאן צו פארצייכענען די פאלשטענדיגע ארגאניזירונג פון פיעלע ווייסט און דרעס שעפער.

וועגען דער זעלבער אנגעלעגענהייט איז געווען פארעפענטליכט אן ארטיקעל אין דעם „אידישען קוריער" פון שיקאגא, פון מר. עדווארד, פון וועלכען מיר נעמען ארויס די פאלגענדע אויסציגע:

„דזשולייוס האפמאן, דזשענעראל ארגאנייזער פון דער אינטערנעשיאנאל, וועלכער איז מיט עטליכע חדשים צוריק ספעציעל אהערגעקומען צו העלפען די שיקאגאער ווייסט מאכער אויפבויען א שטארקע יוניאן אין דער אינדוסטריע, איז שוין היינט בכח צו צייגען די ארבייטס־באדינגונגען אין דער אינדוסטריע, איז שוין היינט בכח צו צייגען אין די יוניאן ביכער די נעמען פון כמעט אלע ארבייטער פון דעם פאך, א חוץ עטליכע שעפער, וואס האלטען זיך נאך ווי ארומגעצוימט מיט א כינעזישער וואנד און, וועלכע וועלען נאטירליך היינט, מארגען, זיכער אויך געפינען דעם וועג, וואס פיהרט אהין, וואו אלע ארבייטער באלאנגען — אין דער יוניאן אריין.

די שיקאגאער ווייסט, דרעס, קימאנא און וויטגודס ארבייטער זיינען היינט שוין ארגאניזירט. דיזעלבע בראַווע מיידלאך, וואס האבען מיט איינינע יאהר צוריק אזא וואונדערבארען מוט און קאמפס־פעהיגקייט ארויסגעוויזען אין זייער אונפארגעסליכען סטרייק, וואס האט צו יענער צייט אנגעמאכט א רושם אין שטאדט, — אט דיזעלבע מיידלאך גרופירען זיך איצט אלע ארום זייער יוניאן און, ווי געטרייע זעלנער שטעהען זיי גרייט, ווארטענדיג אויפ'ן סיגנאל אנצוהויבען דעם קאמף, אויב די באסעס וועלען זיך נאר ענטזאגען פון א פרידליכען אויסגלייך.

עס איז ווירקליך מערקווירדיג צו באטראכטען דעם איצטיגען סענטימענט פון די ווייסט מאכער, וואס איז א סענטימענט דורכגעזאפט מיט דער געשעהעניש פון'ם מארגען. — דער מארגען פון גענעראל סטרייק, די איין־און־איינציגע טעמא, וואס באשעפטיגט היינט דעם געדאנק פון אלע ארבייטער פון דער אינדוסטריע איז:

„ווען וועט עס ענדליך געשעהן?"

„ווען סטרייקען מיר שוין?" די לופט, דער אטעם, יעדער באוועגונג, — פון אלעם טראגט זיך דער גענעראל־סטרייק ארויס, נו, וועלען די מאנופעקטשורערס דאס נעמען אין אכט ווען זיי ערהאלטען די פאדערונגען פון דער יוניאן? וועלען זיי באגרייפען, אז דערלאזען צו א קאמף מיינט זיכער זייער אבסאלוטער דורכפאל?

כ'לעבען, די באלעבאטים וועלען זיך מוזען לאנג שלאגען מיט דער דעה, איידער זיי וועלען צוריקווייזען די פאָדערונגען פון זייערע ארבייטער. ווארים געשיכטע ווידערהאלט זיך ניט אין דער הינזיכט, און, וואס מיט עטליכע יאהר צוריק איז געווען א מעגליכקייט, וועט היינט פאזיטיוו ניט געשעהן מעהר; היינט וועלען די באלדווין אינדזשאנקשאנס ניט באוויזען דעם סטרייק צו ברעכען".

„ווי עס זעהט אויס, פיהלען שוין היינט די מאנופעקטשורערס דאס אנקומען פון'ם שטורם און, זיי האבען דאריבער זיך גרייטען אנצוהויבען.

זאגט מען די ארבייטער צו גאלדענע גליקען; פארשפרעכט מען זיי באנוסעס און אנדערע עהנליכע צאצקעס; רעדט מען מיט זיי וועגען דעמאקראטיע און פאדאבנע ישור'דיגקייטען, וואס ווערען היינטיגע צייטען שרעקליך פארבילינגט. און אזוי געפינען זיך דאס מענשען, וועלכע ריידען זיך אליין איין און האפען, אז דער שיין פון די אלע הבטחות וועט קענען פארבלענדען די אויגען און ווירקען אויף די ארבייטער זיי זאלען ווייכען פון זייער אייגענער יוניאן.

די נאאיווע מענשען!

נעבאך, אן אלטער אויסגעפרואווטער מיטעל, וואס האט זיך שוין ניט איינמאל אלס אומזיסטע טרחה ארויסגעוויזען.

„פאראן טויזענדער אורזאכען, וואס מאכען גלויבען אין דעם שנעלען ערפאלג פון די שיקאגא'ער ווייסט מאכער. גענוג אבער בלויז איין איינציגען פאקט צו דערמאנען, כדי דעם גלויבען צו פארשטארקען. און דער פאקט איז: די ענטשלאסענהייט פון די ארבייטער זעלבסט. וואס שטיצט זיך אויף דער מעכטיגער קראפט פון זייער אינטערנעשיאנאל.

די ווייסט מאכער קומען נעקסט!

אט דיזער אויסרוף האט זיך געהערט דאנערשטאג אויפ'ן מאסמיטינג פון די זיגרייכע קלאוק מאכער באלד נאכדעם ווי זיי האבען דעם אגרימענט ראטיפיצירט. די קלאוק מאכער האבען באגריפען, אז זייער שוועסטער יוניאן, די ארגאניזאציע פון די ווייסט מאכער איז איצט די נעקסטע אויפ'ן טאגעסאָרדנונג, און זיי האבען דאריבער גלייך דעם לאזונג געגעבען.

און געשטיצט פון די זיגרייכע קלאוק מאכער און די אינטערנעשיאנאל קען מען טאקע ערווארטען נאך אן ארבייטער נצחון. יעס, -- די ווייסט מאכער קומען נעקסט!"

אזוי ווייט וועגען דער ווייסט און דרעס סיטואציע אין שיקאגא. אבער דארטען איז נאך אויך ניט ארונטער פון „טאגעס ארדנונג" די קלאוק סיטואציע. דער סטרייק איז נאך פריש, דער זיעג איז גרויס, אבער, ווי עס שיינט, איז נאך ניט אלעס איינגעארדענט.

גענאסע מארים זוסקינד שרייבט אין שיקאגאער „פארווערטס", שבת דעם 12טען דזשולי, א פריינדליכע „ווארנונג" צו די זיגרייכע קלאוק מאכער אין שיקאגא, ווי פאלגט:

„די קלאוק מייקערס יוניאן פון שיקאגא האט געשטעלט צו פראבע איהרע מיטגלידער אויף אן אופן וואס וועט ווייזען, ווער פון זיי באגרייפט די גרונד־פרינציפען פון ארבייטער ארגאניזאציאן און ווער ניט. צו אילוסטרירען וואס איך מיין מיין דעם, וועל איך דא איבערגעבען א פאקט וואס האט פאסירט מיט איינעם פון די אמת איבערגעגעבענע און פיעל באוואוסטע יוניאן־לייט.

איינער פון די מעמבערס, מיר וועלען איהם אנרופען „ב" האט נעדארפט העלפען אויסארבייטען די ווייזדזש־סקייל פאר א שאפ. ווען עס איז געקומען צו איהם אליין, צו זיין סקייל, האט ער זיך געשטעלט אזא פרייז וועלכע דער באס אליין האט איהם געוואלט געבען מיט עטליכע דאלער א וואך מעהר. ער האט זיך אבער ענטזאגט דערפאר, וואס ער האט געוואוסט, אז איצט, אונטער דעם נייעם סיסטעם פון וואך־ארבייט, ווען מען דארף האבען אין זינען די יוניאן, טאר מען ניט טראכטען פריהער פון זיך און נאכהער פון דער גאנצער יוניאן, נאר פארקערט, מען מוז פריהער האבען אין זינען די גאנצקייט און איינינקייט פון דער גאנצער יוניאן און פון דעם שטאנדפונקט סטעלען די פרייזען.

דיזער מעמבער האט ערקלערט, אז ביי דיזער צייט ווען מען בויט איבער דעם סיסטעם פון דער יוניאן פון שטיק אויף וואך־ארבייט, טאר מען ניט שטעלען קיין צו הויכע פרייזען פאר איינצעלנע איינצעלנע מיטגלידער. און דורך דעם שטערען דעם סעטעלמענט פון די סקיילס פאר גאנצע שעפער אדער פאר דער גאנצער אינדוסטריע.

דיזער פאקט כאראקטעריזירט דעם באוואוסטזיין און די איבערגעבענקייט פון איין מעמבער. אזעלכע מעמבערס זיינען דא א סך אין דער קלאוק מאכער יוניאן. אבער אין א ים זיינען דא פארשידענע פיש און אין א גרויסע יוניאן זיינען דא פארשידענע מעמבערס, און ניט אלע האבען נאכגעדענקט, ניט אלע טראכטען איבער, ניט אלע זיינען איבערצייגט אין דעם גרונד־געדאנק פון טרייד־יוניאניזם און ניט אלע באגרייפען אויף וואס די גאנצע געביידע פון אן ארבייטער ארגאניזאציאן קען זיך האלטען, עקזיסטירען און ווערען זיכער און שטארק.

עס איז דערפאר אין צייט אויפמערקזאם צו מאכען די מעמבערס פון דער קלאוק מייקערס יוניאן, וועלכע מאכען צו די אויגען, און ווילען ניט זעהן וואס זיי טוען, ווען זיי שטעלען ארויס זייערע באלדיגע איינענצוציגע אינטערעסען איבער די אלגעמיינע אינטערען פון דער גאנצער ארגאניזאציאן.

די קלאוק מייקער איבער'ן גאנצען לאנד און אין שיקאגא דאסזעלבע, האָבען באשלאסען איינפיהרען וואך־ארבייט. די אורזאכען פון דעם זיינען: צו פארגרינגערען דעם לעבען, צו פארלייכטערען די ארבייט, אויך צו שפארען דאס געזונד און ענערגיע פון די קלאוק מייקערס, צו פארלענגערען זייער לעבען דורך פארקירצען די ארבייטס־צייט; צו מאכען קירצער דעם ארבייטס־טאג און אפצושאפען אווערטיים כדי די סיזאנס זאלען ווערען לענגער און מאנכע ארבייטער זאלען ניט ארבייטען צופיעל און צו לאנג און מאנכע זאלען ניט קענען מאכען קיין לעבען, ניט האבענדיג גאר קיין ארבייט.

דאס זיינען די גרונד־פרינציפען וואָרום מען פיהרט איין וואך־ארבייט.

ווען די ארבייטער קומען און ווילען צוריק איינפיהרען דעם זעלבען שטיק־סיסטעם, נאר אנשטאט צו דינגען זיך איבער'ן באנדעל, דינגען זיי זיך איבער דעם גאנצען קלאוק מייקער, צוברעכען זיי צוריק דעם סיסטעם און ווערען ווידער זייערע איינענע אקשיאנירען.

די ארבייטער דארפען, מוזען און וועלען קריגען גוטע ווייד־שעס איבער דעם מינימום, אבער דאס מוז געטאן ווערען מיט אויסרעכנונג, מיט איינענעהעניש, האבענדיג אין זינען ניט נאר די איבריגע ארבייטער, נאר די גאנצע אינדוסטריע, און נאר אויף אזא אופן קען מען ערווארטען צו רעארגאניזירען און אריינברענגען ארדנונג, אנשטאט כאאס, אין דער קלאוק מייקינג אינדוסטריע אין שיקאגא.

מאנכע קלאוק מייקערס, די וועלכע זיינען מעהר עגאאיסטיש, ווי יוניאניסטיש, וועלען זיכער פשט'לען און טרייען אויסטייטשען, אז מען מיינט דא צו באשיצען די מאנופעקטשורערס, ווען מען זאגט זיי, אז זיי דארפען ניט זיין איינגעשפארט און ניט פאדערען אזעלכע הויכע סקיילס, וועלכע די מאנופעקטשורערס קענען ניט געבען.

ווען דיזע ארבייטער וועלען זיך פארטראכטען אין דער פראגע, וועלען זיי קומען צום זעלבען באשלוס וואס יענער מיטגליד זייע־ער האט געטאן ווען ער האט געקענט קריגען עטליכע דאלער מעהר א וואך.

ער האט עס געטאן כדי די אנדערע קלאוק מייקערס זאלען ניט [illegible] צו הויכע סקיילס און אלע צוזאמען זאלען זיי ניט אפשטעלען די ארבייט אין גאנצען. דיזער קלאוק מייקער באגרייפט אז סוף כל סוף, ווען אלע קלאוק מייקערס וועלען ארבייטען רעגעלמעסיג, נאטירליך, ניט ארויסיאגענדיג זיך זייערע נשמות און דער סיזאן וועט זיין לענגער. די ארבייטס־צייט 44 שטונדען, און די אווערטיים באגרענעצט, וועט ער דורכשניטליך מאכען ניט ווייניגער ווי ער האט געמאכט דעם לעצטען סיזאן. זיין האנדלונג איז געווען אין אנקלאנג מיט דעם פרינציפ פון אמת'ען טרייד־יוניאניזם; „איינער פיר אלע און אלע פיר איינעם".

עס איז כדאי צו באמערקען, אז דאס וואס גענאסע זוסקינד שרייבט וועגען די קלאוק מאכער אין שיקאגא, קאן אויך גילטען פאר די קלאוק מאכער אין ניו יארק... דער רעדאקטאר פון די „גערעכטיגקייט" האט שוין דאס בעפאר אנגעוויזען אין זיין „נאטיץ ביכעל", דורך א געלונגענעם משל. אלע אונזערע קלאוק מאכער מעגען וועגען דעם א טראכט טאן.

*

אין טאראנטא, קענעדע, סטרייקען די קלאוק מאכער, און דער סטרייק אין דארט זעהר א פארביסענער. עס זיינען דארט דא איינינע גאנץ רייכע מאנופעקטשורערס וועלכע „קעמפען" זעהר איינגע'עקשנ'ט...

# ביי דער קלאוק פרעסער יוניאן לאקאל 35

יעצט, נאכדעם ווי דער גרויסער קאמף איז פאראיבער; יעצט, נאכדעם ווי אונזער עקאנאמישע מלחמה איז פארלויפיג פאראיבער, אבוואהל דא אדער דארטען וועלען מיר נאך אלין דארפען פיהרען קליינע מלחמה׳לעך, פאנגען מיר אן אריינצוגעהן צוריק מיט אונזער פרידליכער ארבייט. און געוועהנליך, נעמט אונזער אפיס אן דעם זעלבען כאראקטער. אלעס ווערט ביי אונז אין לאקאל צוריק איינגעשטעלט. אלע אונזערע אפיסערס זיינען צוריק אויף זייערע פלעצער. קאמפליינטס נעמען מיר אויף ווי בעפאר און אלע אונזערע קאמיטעס מיטען ווי געוועהנליך, אלעס ווערט צוריק איינגעשטעלט אויפ׳ן בעסטען שטייגער. יעדער מעמבער, וועלכער האט א קאמפליינט קען זיך ווענדען צו אונז אין אפיס. און עס וועט אלעס אטענדעט ווערען צו זיין צופרידענהייט.

אין דער יעצטיגער צייט איז אויך וויכטיג צו נעמען „סטאק“. עס איז וויכטיג אז מיר זאלען זיך צוזאמענקומען און צונויפרעדען זיך וועגען דער ווייטערדיגער ארבייט, וועגען אונזערע פלענער פאר דער צוקונפט. פיעלע פראגען, און וויכטיגע, האבען זיך פאר דער צייט אנגעקליבען. צום ביישפיעל, איינע פון די הויפט וויכטיגע פראגען איז די פראגע פון נעהמען שכירות איבער דעם סקייל, וועלכע פיעלע פון אונזערע מעמבערס פראקטיצירען. און פאר דיזען צוועק האט אונזער לאקאל באשלאסען צו רופען א דזשענעראל מעמבער מיטינג וועלכען וועט אפגעהאלטען ווערען. מאנטאג דעם 21טען דזשולי, גלייך נאך דער ארבייט, אין לייבאר טעמפעל, 14טע סטריט און סעקאנד עוועניו. עס איז איבריג צו זאגען, אז אונזערע מעמבערס וועלען אין מאסען אנפילען דעם האל. זיי וועלען האבען די מעגליכקייט זיך דורכצורעדען וועגען דעם און נאך אנדערע וויכטיגע פראגען.

פיעלע פון אונזערע מעמבערס האבען אלע מאל געטרוימט פון א לייבאר ביורא. פיעלע מאל איז שוין געמאכט געווארען א פארזוך און מיר האפען דאס דורכצופיהרען אין לעבען. מיר שיינט אז ס׳איז איבריג צו זאגען ווי שענדליך עס קומט אויס, אז נאך דעם ווי מיר זיינען ארגאניזירט 10 יאהר אין א יוניאן און מיר ווערען אויך פארערכענט פאר איינע פון די שטארקסטע יוניאנס, זאלען אונזערע מעמבערס נאך אלין דארפען שטעהען אין פארק, אדער אין 5טע עוועניו און זיך חנפ׳ענען צום מענעדזשער אדער צו א פארמאן ער זאל זיי געבען א דזשאב. אונזער לאקאל האט יעצט באשלאסען אונטער אלע אומשטענדען דאס אפצושאפען. און דארום האבען מיר באשלאסען אויפפאדערן אלע אונזערע מעמבערס מעהר אין פארק אדער אין 5טע עוועניו ניט צו געהן. זאלען זיי קומען זיך רעדזשיסטרירען אין דער יוניאן, און ווען א באס וועט דארפען א פרעסער זאל ער זיך ווענדען אין דער יוניאן. אלע אונזערע ארבייטסלאזע מעמבערס האבען זיך גלייך אפגערופען אויף אונזער אויפפאדערונג און זיי האבען זיך רעדזשיסטרירט. און פיעלע פרעסער זיינען אין מאסען אוועקגעשיקט געווארען צו דער ארבייט. און ווי עס צייגט אויס, וועט דאס געקרוינט ווערען מיט א סוקסעס. מיר פאדערען אויף נאך אמאל אונזערע מעמבערס ניט צו געהן אין פארק און זיך רעדזשיסטרירען. דיזע וועלכע וועלען דאס ניט טאן, אויב זיי וועלען אליין געפינען דזשאבס, וועלען קיין וואירקינג קארדס ניט קריגען, און מיר פאדערען אויך אויף אלע שאפטשערליימע, אז ווען א פרעסער קומט ארויף צו דער ארבייט, ניט לאזען זיך איהם שטעלען צו דער ארבייט ביז ער וועט ברייגנען א וואירקינג קארד. לאמיר זיך אביסעל אנשטרענגען און מיר וועלען פארווירקליכען אונזער אמאליגען טרוים.

מיר וועלען זיך אלע זעהן ביים נעקסטען דזשענעראל מעמבער מיטינג מאנטאג אבענד.

דזש. ברעסלאו,
מענעדזשער לאקאל 35.

# לײדיעס טיילארס באקומען וואקיישאן

די לײדיס טיילארס יוניאן, לאקאל 104 פון שיקאגא, האט אויסגעווירקט ביי אלע באלעבאטים פון די שעפער אויף רוזוועלט ראוד (12טע סט.) צו געבען זייערע ארבייטער איין וואך באצאהלטע וואקיישאן. דאס ווערט דארט באטראכט אלס זעהר אן אריגינעלער אויפטהו פון א יוניאן.

# קורצע שמועסען

## צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.

קלאוקמאכער. יע, מיר האבען עס געליינט. אבער אזוי ווי מיר האבען ניט קיין פלאץ פאר נארישע סקאנדאלכעלעך, אויפגעבלאזען פון פוסטע קעפ און אמאל אויך פון פראוואקאטארס, אום צו דיסקרעדיטירען די ארבייטער באוועגונג, האבען מיר עס איגנארירט. דער הענדביל, דורך וועלכען די פארזאמלונג איז איינגערופען געווארען, איז א שטיק עם־הארצות. דער טרייד־יוניאניזם גיט ניט די מאכט א קליינע גרופע פיהרער; עס איז די אומוויסענהייט פון די ארבייטער, וואס גיט איניגע דעמאגאגען די מאכט. און אזוי לאנג, ווי די ארבייטער וועלען זיין אומוויסענד און נאריש, וועלכען נאמען זייער ארגאניזאציע זאל ניט טראגען, וועלען אלין ניט די ארבייטער אליין האבען די מאכט, נאר א קליין הייפעלע דעמאגאגען, וועלכע וועלען, ווי אימער, אויסנוצען די ארבייטער, כלומרשט אין נאמען פון קלאסענקאמפף, פאר זייערע פערזענליכע אינטערעסען. ווייטער ווילען מיר אייך אויפמערקזאם מאכען, אז דער קלאסענקאמפף ווערט ניט פארשוועכט דורך דעם, וואס ער ווערט געפיהרט שטיל און אנשטענדיג. מען קען אנמאכען א טומעל, ווי ווילדע אינדיאנער, און דאך זאל עס ניט זיין קיין קלאסענקאמפף, און מען קען אנפיהרען העכסט־שטילע און דיפלאמאטישע קאנפערענצען און דאך זאלען זיי זיין דער סאמע עצם פון קלאסענקאמפף. און נאך עפעס ווילען מיר אייך זאגען, אבער דאס זאל זיין בסוד: מיר צווייפלען זעהר שטארק אין דעם געטריי, אז „די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט האבען ערוואכט און ווארפען פון זיך ארונטער די „שקלאפען־קייטען“. מיר האבען אורזאכען צו גלויבען, אז דער גאנצער שטורם דרעהט זיך ארום א שטיקעל ברויט מעהר, און מיר ערלויבען זיך צו דענקען, אז ווען זיי וועלען דערגרייכען נאר עטוואס עהנליכעס צו די עקאנאמישע צושטענדע פון די אמעריקאנער ארבייטער, וועט פון דער גאנצער „ערוואכונג פון די ארבייטער פון דער וועלט„ גאר וועניג־וואס בלייבען צו זעהן און צו הערען. נעמט ניט פאר אומגוט, וואס מיר פאראפענטליכען ניט אייער בריעף. ער איז אי זעהר שלעכט געשריבען, וואס דאס וואלט ניט געווען קיין חסרון, און ווי ער איז אינגאנצען אינהאלטסלאז, כאטש ער איז פול מיט גאנץ פוסטע, שוין פון לאנג אויסגעדראשענע פראזען. וועגען דאס אנדערע, זייענדיג אונז די אייגנצלהייטען ניט באקאנט. מיר וועלען עס גוט אונטערזוכען, אנפרעגענדיג ביי די פאראינטערעסירטע, און דאן, ניט פריהער, וועלען מיר אייך קענען געוויסענהאפט זאגען אונזער מיינונג, און, אפשר, אויך די ריכטיגע פאקטען פון דער גאנצער אנגעלעגענהייט.

מ. ה. ישורון. — איהר וועט טאן זעהר גוט אונז צוצושיקען אייער פראפאגאנדא מאטעריאל אהן אייערע בריוולאך. אייער טאן איז ניט פון א מענשען, וואס ווייס די ערשטע כללים פון העפליכקייט. מיר זיינען א י י ך גארניט שולדיג, און עס איז ניט אייערע ביזנעס אונז צו דערמאנען, וואס עס איז יע, און וואס איז ניט פון אינטערעס פאר די טויזענדע אידישע גארמענט ווארקערס. איהר פארשפארט אונז אויך צו „דאנקען“ ניט פריהער און ניט שפעטער. דאס, וואס מיר טוען אין דעם הינזיכט פון דערמאנען די לעזער וועגען דער וויכטיגקייט, אז זיי זאלען ווערען וואס שנעלער אמעריקאנער בירגער, איז עס ניט צוליעב אייך און ניט צוליעב אייער פראפאגאנדע.

ד. בלומבערג. — די ניגער־פראגע, לויט אונזער מיינונג, איז ניט אזא, וועלכע קען געלייזט ווערען פון א פעדעראל־געזעץ. געוויס איז דאס לינטשען פון א מענשען, מיט דער גאנצער טירישער ווילדקייט, פון וועלכער עס איז באגלייט, א שרעקליכער פלעק אויף אונזער ציוויליזאציע, אבער עס א׳ז שווער איינצוזעהן, ווי אזוי געזעצע קענען דערצו העלפען. אייגמאל פיהלען זיך דארט די ווייסע, אלס א העכערע ראסע, און באטראכטען די נעגערס נאך אלץ, אלס כמעט קיין מענשען ניט, קענען דא קיינע געזעצע ניט העלפען. פון דער אנדערער זייט, אזוי לאנג, ווי עס וועלען נאך זיין אזעלכע חיות מיט זייערע שוידערליך ברוטאלע אינסטינקטען צו פארגוואלטיגען און צו שענדען שוצלאזע פרויען, קען מען זיך קוים פארשטעלען, אז דער צארן פון א ווילדען צוזשעטען ווייסען מאב זאל קענען געצוימט ווערען דורך איזגענד וועלכען פעדעראלען געזעץ. ווען אין יעדער שטאדט און שטעדטעל וואלט מען געקענט האלטען אנגעגרייט א גענוגענדע צאהל סאלדאטען, וואס זאל העלפען דער שטרענגער דורכפיהרונג פון געזעץ, וואלטען דורך דעם אזעלכע ברוטאלע לינטשערייען ביז צו א געוויסען גראד געקענט פארמידען ווערען. אבער דאן ווייסט איהר ניט, אויב דער מיטעל גופא וואלט ניט געפיהרט צו אפטע שרעקליכע בלוטבעדער. דער איינציגער מיטעל, לויט אונזער מיינונג, אין דעם פאל, ווי אין פיעל אנדערע, איז מעהר און מעהר אויפקלערונג, מעהר אויסאײדלונג פון די זייטען סיי פון די שווארצע און סיי פון די ווייסע. געוויס, עס איז א לאנגער וועג, אבער עס איז ניטא קיין קירצערער. וואס אנבאלאנגט די דענקענדע און פיהלענדע ווייסע, די פארשטעהען געוויס, אז עס איז זייער פליכט און שולדיגקייט צו פראטעסטירען מיט אלע כוחות געגען אזעלכע שאנדטאטען, און ניט באגנוגענען זיך מיט דעם אליין, נאר געבען די פארפאלגטע און די אונטערדריקטע די גאנצע מאטעריעלע און גייסטיגע הילף, וואס זיי קאנען נאר.

מ. ק. — מיר וועלען דעם פלאן פאר די אייזענבאהנען ארומריידען אין אונזערע ארטיקלען איבער דער א. פ. ל. קאנווענשאן. מיר וועלען איבערגעבען דעם תמצית פון מר. פלאמבס רעדע. דא קענען מיר נאר זאגען, אז דער פלאן געפעלט אונז, און פארדיענט די פולסטע אונטערשטיצונג פון אלע דענקענדע מענשען. דער פלאן, ווי פארגעשלאגען, איז בשום אופן ניט א שטיק שטאאטס־סאציאליזם, ווי מען דענקט. ער ענטהאלט אין זיך גאר א היבש ביסעל סינדיקאליזם, אין דעם זין, וואס די ארבייטער, אלס אזעלכע, וועלען האבען א היבש ביסעל צו זאגען אין דער פיהרונג פון די באהנען.

מ. סלאווין. — מיר וועלען אין נעקסטען נומער דרוקען אייער בריעף, אבער וואס פאר א ווידערשפרוך איהר האט געפונען אין די עדיטאריעלס, קענען מיר נאך אלין ניט פארשטעהן. אין אלגעמיין איז אבער דער פונקט, וואס איהר רוהרט אן א זעהר וויכטיגער, און זיכער פארדינט ער א גאנץ גרינדליכע דיסקוסיאן. מיר לאדען דארום ניט בלויז אייך, נאר אלע אנדערע לעזער, וואס האבען צו זאגען זייער ווארט, צו באטייליגען זיך אין דער דעבאטע.

א. סטודענט. — עס איז געווען ווירקליך א קאמישע מיספארשטענדניס פון אונזער זייט. די פראגע פון פראפעשיאנעל (ניט פראפעשיאנעל) איידזשענטס איז געוויס א גאנץ וויכטיגע, אבער, דאכט זיך, ניט זעהר קיין ברענענדיגע. דערצו שיינט אונז איז ניט ראטזאם אויפצובעהמען פיעלע רעפארמען מיט א מאל. געוויס פון דעם שטאנדפונקט פון ריינעם אידעאליזם זייט איהר גערעכט. צו וואס זאל מען מאקי דוקא מוזען נעהמען א געוויסע צאהל ביזנעס־איידזשענטס פון א געוויסען לאקאל, און מוזען צופרידען זיין מיט די, וועלכע זיינען דא, אז אין אן אנדער לאקאל זיינען דא פיעלע באדייטענד בעסערע, וועלכע וואלטען זיך פיעל מעהר אויסגעצייכנט פאר זייער אמט, ווי די, וועלכע ווערען איצט באשטימט, לויט דער פראפארציע? אבער איהר פארגעסט, אז א לאקאל, ווי אן איינצעלנער, האט זיין געוויסען עגאאיזם, און דאס דארף געוויס גענומען ווערען אין אנבאטראכט, אפילו, ווען דער מאטעריאל פון דעם ביזנעס־איידזשענט זאל דורך דעם מוזען זיין אביסעל ערגער. מיר מאכען אייך אויפמערקזאם, אז פריהער איז טאקע געווען אזוי, ווי איהר שלאגט עס איצט פאר, אבער, ווי מיר הערען, האט עס ניט געארבייט, און מען האט געמוזט אננעהמען די איצטיגע מיטלען. עס איז כדאי אייך צו האבען אין זינען, אז די געפלאנטע רעפארם קען אוועקנעהמען ביי מאנכע זייער פרנסה, און עס איז ניט וואהרשיינליך, אז אזא מין אויסוואהל זאל זיי שטארק געפעלען. דערפאר דענקען מיר, אז דאס דארף גוט באטראכט ווערען. און דער בעסטער פלאן פאר דעם איז טאקע דער מיטינג פון דעם דזשאינט באארד.

מ. ש. — א גאנץ געלונגענער סקעטש, און וועט גאר קירצליך פאראפענטליכט ווערען. וואס אנבאטרעפט דאס אנדערע, האבען מיר פאר אייך די בעסטע ערקלערונג אין דער וועלט: אומשטענדען, און ז. וו. וועלכע אומשטענדען? דאס מוזען מיר איבערלאזען. ווען מיר וועלען אייך זעהן פערזענליך. פריהער אבער אדער שפעטער, אונזער צוזאג וועלען מיר האלטען.

# ביזנעס איידזשענטס פאר דער קלאוק־מאכער יוניאן

די קלאוקמאכער יוניאן פון ניו יארק דארף נייע ביזנעס איידזשענטס און עס ווערען איצט אויפגענומען אפליקיישאנס פאר דעם אמט פון מיטגליעדער פון די אלע לאקאלס, וואס שטעלען צוזאמען דעם דזשאינט באארד.

אלזא, די מיטגליעדער פון די דזשאינט באארד לאקאלס, וועלכע פיהלען זיך פעהיג צו פארנעהמען דעם אמט פון א ביזנעס איידזשענט אין דער יוניאן, האבען איצט א געלעגענהייט דאס צו טאן. די אפליקיישאנס קענען אויסגענומען ווערען ביז מאנטאג פארנאכט, דעם 21טען דזשולי, אין אפיס פון דזשאינט באארד, 40 איסט 23טע סט.

נאכדעם ווי די אפליקיישאנס וועלען אריינגעגעבען ווערען, וועלען די אפליקאנטען דארפען פארקומען פאר דער אפאינטמענט קאמיטע. אין דער קאמיטע אין פארטראטען צו איין מיטגליעד פון יעדען לאקאל אינ׳ם דזשאינט באארד און די דיסטריקט מענעדזשערס פון דער יוניאן. די אפאינטמענט קאמיטע שטעלט איינינע פראגען וועגען יוניאן־אנגעלעגענהייטען, און די אפליקאנטען, וואס קענען געבען א בעסערען, אינטעליגענטערען ענטפער, ווערען אפאינטעט. יעדער אפליקאנט דארף אבער קענען רעדען, לעזען און שרייבען ענגליש.

ווער עס פיהלט זיך פעהיג פאר דעם אמט האט נאך א געלעגענהייט ביז מאנטאג פארנאכט אויסצומאכען אן אפליקיישאן.

# קלאוקמאכער, פאהרט ניט נאך לאס אנדזשעלעס!

די קלאוקמאכער יוניאן פון לאס אנדזשעלעס, קאליפארניא, לאקאל 52, בעט אונז באקאנט צו מאכען, דאס אלס א רעזולטאט פון א לאקאוט אין א שאפ, זיינען דארט איצט אלע קלאוקמאכער אין סטרייק.

ווי דער שטייגער איז, טרייען די מאנופעקטשורערס צו קריגען אהין קלאוקמאכער דורך אדווערטייזמענטס און אגענטען און די יוניאן בעט די קלאוקמאכער פון אומעדום איצט למען השם ניט צו פאהרען אין לאס אנדזשעלעס.

זאלען דאס אלע קלאוקמאכער נעהמען אין אכט.

# א זיעג פאר דער פילאדעלפיער קלאוקמאכער יוניאן

בעת מיר געהען צום פרעס, איז אנגעקומען א טעלעגראמע פון פילאדעלפיא, דאס דער סטרייק, וואס די יוניאן האט דארט געפיהרט זייט די לעצטע עטליכע וואכען, אין די 14 קאנטראקטינג שעפער פון דער פירמע זייטשיק בראדערס, איז פאלשטענדיג געוואונען געווארען. די פירמע האט געסעטעלט מיט דער יוניאן און געגעבען א קעש סעקיוריטי, דאס אין אלע איהרע שעפער וועלען אפגעהיט ווערען די רולס פון דער יוניאן.

פאר דער פילאדעלפיער קלאוקמאכער־יוניאן איז דאס א גאנץ באדייטענדער זיעג.

# א בריוועל צום רעדאקטאר

ערלויבט מיר אויסצודריקען דורך דער „גערעכטיגקייט“, דאס די יוניטי־הויז קאמיטע באדויערט זעהר, וואס דורך א פארזעהן האט אונזער וויים־פרעזידענטין, מיס פאניא מ. קאהן, ניט ערהאלטען די איינלאדונג פאר דער עפענונג פון דער יוניטי־הויז, דעם 4טען דזשולי. מיר האפען, דאס מיס קאהן וועט קומען פארברענגען מיט אונז אין דער יוניטי הויז, אזוי גיך ווי זי וועט נאר האבען א געלעגענהייט צו פארלאזען ניו יארק.

רעבעקא סילווער,
טשערליידי פון דער יוניטי־הויז קאמ.

GERECHTIGKEIT Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Secretary-Treasurer; E. Lieberman, Business Manager.

Vol. I. No. 27. New York, Friday, July 18, 1919

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

# א באנקעט פון לאק. 9 לכבוד דעם זיעג פון דער יוניאן

פון א סטעף רעפארטער

דער עקזעקוטיוו באארד פון דער קלאוק־שניידער און פינישערס יוניאן לאָקאל 9 האט לעצטען שבת אוונט געגעבען א פיינעם באנקעט לכבוד דעם זיעג פון דער יוניאן, און די איינפיהרונג פון וואך־ארבייט אין דער קלאוק־אינדוסטריע. דער באנקעט איז געגעבען געווארען אין פראגרעס קאסינא, 28 עווניו „איי“, און דער איינגעטימער פון פלאץ, מר. קאהן, האט געטאן וואס ער האט נאר געקענט דעם עולם צו בעסטען צופריעדען צו שטעלען.

ווי עס שיינט, וועלען אנדערע לאקאלס פון דזשאינט באארד אויך פ..זוען „וויקטארי“ באנקעטען. אויך דער דזשאינט באארד האט אויף דעם לעצטען מיטינג באשלאסען צו פייערען דעם זיעג דורך א באנקעט. אומעטום, אין אלע ווינקעלעך פון דער קלאוקמאכער יוניאן, הערשט גרויס צופריעדענהייט מיט דעם רעזולטאט פונ'ם לעצטען סטרייק. די מאסען מיטגליעדער, ווי די אלע בעאמטע אין דער יוניאן זיינען העכסט באגייסטערט פאר דעם אויסגאנג פון סטרייק. אפילו די יעניגע, וועלכע זיינען געווען געגנער פון וואך־ארבייט ביז דער לעצטער מינוט, ווען דער סטרייק איז גערופען געווארען, גיבען שוין איצט אליין צו, אז זיי האבען געמאכט א גרויסען טעות און די שמחה מיט דער נייער ארבייטס־סיסטעם איז דעריבער אן אלגעמיינע, און עס וועלען מסתמא געמאכט ווערען באנקעטען נאך באנקעטען.

עס איז אבער גאנץ נאטירליך, וואס די קלאוק־שניידער און פינישערס יוניאן לאקאל 9 איז געווען די ערשטע צו מאכען אזא באנקעט. דאס האט זיך זעהר בולט ארויסגעוויזען אויפ'ן באנקעט גופא אין די רעדען פון ברודער א. באבישט, דער טאוסט־מייסטער און משערמאן פון אווענד; שוועסטער באקסט, וואס האט גערעדט אין נאמען פון דער ליידיעס ברענטש פון דעם לאקאל; ברודער דזש. האלפערין, דער מענעדזשער פון לאקאל, און ברודער ב. קוק, וועלכער האט גערעדט אין נאמען פון די בעאמטע פון לאק. 9. זיי האבען אלע ארויסגעדריקט דעם געדאנק, דאס אויב פאר די מיטגליעדער פון די אנדערע קלאוקמאכער לאקאלס איז וואך־ארבייט אפשר געווען בלויז א גוטער עקספערימענט, איז דאס אבער פאר די מיטגליעדער פון לאקאל 9 פשוט געווען א לעבענס־נויטווענדיגקייט. ווייל אונטער דעם אלטען סיסטעם האבען די פינישערס זיך געפלאגט מעהר פון אלעמען; אונטער דעם שטיק־סיסטעם איז לעצטענס שוין איינפאך געווען אונמעגליך א לעבען צו מאכען און די־פינישערס האבען איצטער ממש אפגעלעבט! ברודער האלפערין האט אנגעוויזען אויף יענע צייטען, ווען דער געדאנק פון וואך־ארבייט איז נאך געווען א גאנץ ווייטער חלום. ער האט אנגעוויזען ווי לאקאל 9 איז געווען דער ערשטער פון די שטיק־ארבייטער לאָקאלס אין דזשאינט באארד, וואס האט זיך אנגעכאפט פאר דער אידעע פון וואך־ארבייט און ווי די פארטרעטער פון לאקאל 9 זיינען דערפאר פארשריען געווארען פון די פארטרעטער פון די אנדערע לאקאלס. ברודער האלפערין האט גערעדט מיט פיעל ענטוזיאזם און ער איז פון עולם ווארים באגריסט געווארען.

גאנץ כאראקטעריסטיש איז געווען די באמערקונג פון שוועסטער באקסט, רעדענדיג פאר דעם ליידיעס ברענטש פונ'ם לאקאל. אויב, זאגט זי, די מענער פון לאקאל 9 פרעהען זיך מיט דער איינפיהרונג פון וואך־ארבייט, פרעהען זיך די פרויען־מיטגליעדער פון לאקאל 9 א סך מעהר. פריהער — מאכט זי — ווען די מיידלעך האבען געמוזט ארבייטען פאר די פינישערס, זיינען זיי געווען א „שקלאף ביי א שקלאף“. און איצטער, ארבייטענדיג דירעקט פאר דער פירמע, פיהלען זיי זיך א סך בעסער. די מיידלעך פיהלען איצט, אז זיי זיינען ארבייטער אין שאפ און ניט עפעס א צוטשעפעניש; זיי זיינען איצט א טייל פון די ארבייטער פון דער פירמע און זיי פיהלען זיך איצט ווי גלייכע בירגער, מיט גלייכע רעכטע.

אלס געסט אויף דעם באנקעט, זיינען געווען פרעזידענט ב. שלעזינגער, רעדאקטאר ש. יאנאווסקי, וויים פרעזידענט ס. זיידמאן, ע. ליבערמאן, דער מענעדזשער פון דער „גערעכטיגקייט“; מאקס דעניש, פון אינטערנעשאנאל אפיס; דער שרייבער פון די שורות, אלע בעאמטע פון דזשאינט באארד, די ביזנעס אייזשענטס פון דער קלאוקמאכער יוניאן און פארטרעטער פון כמעט אלע לאקאלס און דעם דזשאינט באארד.

ווי עס איז דער שטייגער אויף באנקעטען, זיינען געהאלטען געווארען קורצע רעדען. עס זיינען אבער דארט געווען צו פיעל רעדנער אום צו געבען אלעמען א ווארט און דער טאוסט־מייסטער האט זיך געמוזט באשרענקען דורך געבען דאס ווארט בלויז צו אייניגע.

ברודער ישראל פיינבערג, דער טשערמאן פון דזשאינט באארד, האט באגריסט די אנוועזענדע אין נאמען פון דזשאינט באארד. „מיר האבען אלע גענוג גרונד זיך צו גראטולירען מנט דעם זיעג!“ — רופט ער אויס, און פארענדיגט מיט דעם געדאנק, דאס דער זיעג פון די קלאוקמאכער אין ניו יארק איז ניט בלויז א זיעג פאר זיי אליין, זאנדערן א זיעג פאר אונזער גאנצער אינטערנעשאנאל יוניאן איבער'ן לאנד.

פרעזידענט שלעזינגער ווייזט אן, דאס די פראגע פון וואך־ארבייט איז אומעטום, ביי די קלאוקמאכער אין אלע שטעדט איבער'ן לאנד, געווארען די הויפט־פראגע פון טאג. ער דערצעהלט ווי די אידעע פון וואך־ארבייט באגייסטערט און באצויבערט די קלאוקמאכער פון אלע פראווינץ־שטעדט, וואו עס איז פאראן א קלאוק־צענטער, און ווי בארייטוויליג די ארבייטער זיינען אומעדום געווען צו קעמפפען דערפאר. ער דערצעהלט אויך וועגען דעם שעהנעם ארויסטריט פון די קלאוקמאכער אין שיקאגא, מאנטרעאל, טאראנטא און נאך אנדערע שטעדט; ווי בראוו זיי זיינען ארונטער סטרייקען פאר וואך־ארבייט און ווי שנעל זיי האבען זייערע קעמפפע געוואונען. „איהר, קלאוקמאכער פון ניו יארק“, — רופט ער אויס, — „האט אנגעצייכענט דעם וועג, און אלע קלאוקמאכער פון די אנדערע שטעדט געהען אין אייערע פוס־טריט. די וואך־ארבייט רעפארמע, וואס מיר האבען אויסגעקעמפפט, וועט פון אלע קלאוקמאכער אייביג דערמאנט ווערען מיט גרויס באגייסטערונג און מיט פיעל צופריעדענהייט.“

ש. יאנאווסקי, רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט“, האט באגריסט לאקאל 9 און די גאנצע אינטערנעשאנאל מיט'ן גרויסען און שנעלען זיעג. ער ווייזט אן, דאס ער איז אימער געשטאנען מיט די ארבייטער אין אלע זייערע קעמפפע פאר א שעהנערען און בעסערען לעבען, נאך איידער ער איז געווען דירעקט פארבונדען מיט דער אינטערנעשאנאל, און ער איז שטאלץ אויף זיין טייל ארבייט, אויף זיין בייטראג צו העלפען אויפקלעהרען די ארבייטער־מאסען, ניט נאר צו קעמפפען פאר וואך־ארבייט, זאנדערן פאר א שעהנערען און בעסערען לעבען אין אלגעמיין.

מאריס זיגמאן, דער דזשענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד, איז געווען אין זיעבעטען הימעל. ער האט אנגעפאנגען זיין רעדע מיט די ווערטער: „היינט איז ביי מיר דער גרעסטער יום־טוב אין לעבען!“ און זיין פנים האט טאקע ממש געשטראהלט פון פרייד. זייענדיג אן אגיטאטאר פאר וואך־ארבייט נאך אין דער צייט, ווען צו רעדען וועגען דעם צווישען קלאוקמאכער איז פשוט געווען א געפאהר, ווען מען איז דערפאר אויסגעלאכט און פארשפאט געווארען, — איז ער, נאטירליך, איצט שטאלץ און צופריעדען מיט'ן אויפטו, מיט דעם רעזולטאט פון דעם לעצטען סטרייק. ער דריקט אויס דעם געדאנק, אז וואך־ארבייט איז א רעפארמע, פאר וועלכער עס איז ווירקליך ווערט געווען צו קעמפפען און אלע די, וואס האבען געהאלפען די גרויסע רעפארמע דורכצופיהרען אין לעבען, וועלען אייביג קענען שטאלץ זיין אויף זייער ארבייט.

באגייסטערטע רעדען זיינען אויך געהאלטען געווארען פון ברודער מינקאוו, געוועזענער סעקרעטער פון לאקאל 9, דער „משיעך“ פון רעקארד דעפארטמענט פון אונזער אינטערנעשאנאל, און ברודער מ. דזש. רובין, דער פארטרעטער פון דעם „באארד אוו אפישיאלס“, א פאראיין פון אלע בעאמטע אין דער קלאוקמאכער יוניאן. דער „באארד אוו אפישיאלס“ האט צו דעם באנקעט צוגעשיקט א זעהר שעהנעם בוקעט בלומען.

ווי איך האב שוין באמערקט אין אנפאנג, זיינען צווישען די געסט געווען אהן עין הרע אזוי פיעל רעדנער, אז ווען מען זאל אלעמען געבען א „ווארט“, וואלט דער באנקעט געדארפט געדויערען כאטש א פאר וואכען. אחוץ דעם איז אויך געווען א מוזיקאלישער פראגראם, אונטער דער דירעקציאן פון שוועסטער פאניא מ. קאהען, און דער עולם האט געהערט א

---

# די קונסט פון רעדען

## א סעריע לעקציעס פאר די שעהנע רעדע־קונסט.

(פעליעטאן.)

פון עליאס ליבערמאן

לעסאן נומער דריי.

גענד־אטאקעס און ענטשולדיגונג.

חברים רעוואלוציאנערען!

מיר האבען גערעדט אין לעצטען לעסאן וועגען סטראטעגישער קריטיק. נאר דאס קלינגט דיפלאמאטיש. וואס האבען מיר געמיינט דערביי? — גאנץ פשוט — זידלעריי. רייך־זידלעריי איז א מין באמבע וועלכע אין געזעלשאפטליכען לעבען צורייסט דעם „שונא“ אויף שטיקלאך. ער, דער שונא, קען ניט ווידערשטעהן דעם פולווער־גערוך און פאלט. זידלעריי פאר אזא מין חברה־מאן איז דאסזעלבע וואס מאסטערד־גאז פאר'ן סאלדאט; אויב מען האט ניט קיין מאסקע אויפ'ן פנים — ברענט דאס אויס דעם שונא'ס געדערים.

די אויפגאבע פון יעדען רעוואלוציאנער מוז זיין צו אטאקירען, היינט ווארום ניט אטאקירען מיט אזא טויטגאז, ווי זידלעריי? שטעלט זיך פאר, צום ביישפיעל, איהר זייט ביי א מעמבער־מיטינג פון דער יוניאן. איהר קריגט דאס ווארט און איהר הויבט אן באלד צו שיסען בזה הלשון: די בעאמטע — די בלוט־זויגערס, פריהער די בעלי־בתים און נאכהער זיי. מיר הארעווען זיי אויף אונזער קארק, מיר גיבען זיי עסען, און וואס טוען זיי? — סמוקען די גראבע סיגארס און עסען די פעטע דינערס...

רעכנט איהר ניט, אז אזא מין גענד־אטאקע וועט אויסברענען דעם „שונא'ס“ געדערים און איבערלאזען איהם א קריפעל? און אז אזוי, וואס מיר ווילען! מיר, אלס רעוואלוציאנערען מוזען אונטערגראבען דעם „שונא'ס“ מאראל, דערשלאגען זיין מוח. דורך אונזערע שטענדיגע פלוצלינגע אטאקעס וועט דער „שונא“ פארלירען דעם חשק צו טאן עפעס, זיך אויסציהען אין זיין ארבייט. און דערפאר אריינטראכטענדיג זיך אין דער וואנדערבארער קראפט פון זידלעריי קענען מיר זיך ניט צוריקהאלטען פו'ן אויסשרייען מיט דער גאנצער שטארקייט פון אונזער אטעם: לעבען זאל זידלעריי! זאל איהר מאכט און איינפלוס פארשפרייטען זיך איבער דער גאנצער רעוואלוציאנערישער קעניגרייך, זאל זי זיך פרוכפערען און מעהרען, ווערען די שטאלץ פאר אונזער ווינקעל און דער שרעק פון אונזערע „שונאים“ — הוררעי — הוררעי.

נאר נייז, אונזער הארץ דערלאזט אונז ניט אפצופטר'ן אונזער שטארקסטע וואפע מיט עטליכע ווערטער בלויז. דאס וואלט געווען א באליידיגונג פאר איהר מאיעסטעט־זידלעריי, און דערפאר ווילען מיר זאגען: זידלעריי איז דער העכסטער אויסדרוק פון דעמאקראטי; זי מאכט ניט קיין אונטערשייד פון קליין ביז גרויס, פון וויסענדע ביז אונוויסענדע, פון געבילדעטע ביז ניט געבילדעטע, פון ערפאהרענע ביז אונערפאהרענע. זידלעריי — איז דער נאטירליכער אויסדרוק פון די וואס שטעהן אם נאהענטסטען צו דער נאטור... און וואס ווייטער פון דער פארדאמטער קאפיטאליסטישער ציוויליזאציאן, וואס איינער איז מעהר רעוואלוציאנער, אלץ אפטער און שטארקער באנוצט ער זיך מיט דער עספעראנטא־שפראך פון רעוואלוציאן — זידלעריי.

יא, זידעלט און אלע וועלען אייך פארשטעהן, אויך וואס פאר א שפראך איהר זאלט נאר ניט ריידען. זאגט אויף א ביזנעס־אייזשענט פון דער יוניאן, אז ער איז א גנב און — יעדער שוואך־קינד אין דער יוניאן וועט מיט אייך מיטפיהלען, ערקלערט מיט א דונער־שטימע, אז א יוניאן־פיהרער איז א פארפיהרער, און — א „סלעקער“ וועט אייך גלויבען; זאגט אויף א בעאמטען אז ער איז א געלד־גנמער, א דזשאב־האלדער און — א סקעב וועט מיט אייך איינשטימען; זידעלט איהם, רופט איהם נעמען, קריכט מיט אייערע שטיוועל אין הארצען אריין און — דער גאנצער מיטינג וועט שווייגען.

ווארום? ווייל זידלעריי איז א שפראך פון רעוואלוציאנערען, דער צייכען פון ראדיקאליזם, דער בעדזש פון פארטשריט; דער מעדאל פון העלדישקייט, דער אויסדרוק פון אינדיווידואליזם, די קעניגין אין דעם לאנד פון „פרייהייט“, די באגלייטערין פון אונפאראנטווארטליכקייט, די פאעזי פון ליידענשאפט, די עספעראנטא פון רעוואלוציאנערען. און דערפאר מיט'ן מאטיוו פון „לעבען זאל קאלומבוס“ זינגט:

לעבען זאל זידלעריי,<br>
זינגט זשע אלע צוזאמען,<br>
דער בעסטער מיטעל פון פארפיהרעריי,<br>
דער שטארקסטער פון אלע סמ'ען,<br>
א. ז. וו.

* * *

חברים רעוואלוציאנערען, —

מיר באמערקען מיט צופרידענהייט די גרויסע ביישטייערונג וואס מיר מאכען מיט אונזערע לעקטשורס פאר דער קונסט פון רעוואלוציאנערע שעהן־רעדנעריי. מיר זיינען שטאלץ אויף אונזער אויפטו און אויף אייער ערפאלג, מיר פיהלען אז דער צוקינפטיגער היסטאריקער וועט אפשאצען אונזער ארבייט לויט איהר ווערט.

מיר געפינען אבער פאר נויטיג שוין דא צו ציהען אייער אויפמערקזאמקייט צו א גרויסען פעהלער וואס מאנכע רעוואלוציאנערען באגעהן. מיר האבען געקראגען אינפארמיישאן פון זיכערע קוועלען אז מאנכע רעוואלוציאנערען ציינען ארויס א קרימינעלע שוואכקייט דערמיט, וואס ווען זיי פארגעהן אביסעל צו ווייט, הייבען זיי אן זיך ענטשולדיגען, און דאס איז ווירקליך געפעהרליך. היט זיך פון אט דער שוואכקייט. ענטשולדיגונג — איז א קאפיטאליסטישע אינסטיטושאן און באלאנגט צום מיטעל־אלטער. אין אונזער מאדערנער צייט טאר עס קיין פלאץ ניט האבען. ווארום ענטשולדיגען זיך? ווען א רעוואלוציאנער רעדט, איז דאך דאס אן אויסדרוק פון זיין נאטור — היינט ווארום ענטשולדיגען זיך? נו, און אויב איהר האט איינעם בעזידעלט וויפיעל אייער הארץ האט בעגלוסט, איז וואס? נו, און אויב איהר האט איינעם גערופען אלערליי סארטען נעמען, געמאכט איהם צו אש און בלאטע, גערופען איהם פייקער, פארפיהרער, דזשאב־האלדער, טאמאני־האל, פראוואקאטאר, קאלטשאק און א טוצען אנדערע נעמען, איז וואס? — דאס איז דאך געווען אן אויסדרוק פון אייערע געפיהלען — היינט ווארום שעמען זיך פאר'ן נאטירליכען אויסברוך פון נאטירליכע רעוואלוציאנערע געפיהלען! אי, איהר האט פרעמדע געפיהלען באליידיגט, ערנידריגט, באשמוצט, געטראטען מיט די פיס — איז וועמ'ס ארט עס און וועמען געהט עס אן? דער אמת'ער אינדיווידואליסט און דער אמת'ער רעוואלוציאנער (און ווי קען מען זיין א רעוואלוציאנער און ניט זיין קיין אינדיווידואליסט?) קימערט זיך ניט פאר א צווייטענס געפיהלען, ווען זיי שטעהן אין וועג פון פרייען אויסברוך פון פערזענליכע געפיהלען. אוועק מיט די אלטע פארשימעלטע טעאריעס פון אכטונג פאר א צווייטען.

דאס דערמאנט אונז אן ז'ער פארפוילטער און פארפיהרערישער ירושה פון „ואהבת לרעך כמוך“, וועלכע איז אריינגעשמוגעלט געווארען אין דער וועלט־פילאזאפיע דורך דעם אלטען וועלט־בארימטען רעאקציאנער, משה. פוי, א מאדערנעם מענשען מוז עקלען פון אזעלכע געדאנקען. דער וועג פון פראגרעס ליגט דורך רעוואלוציאן און די רעוואלוציאן מוז זיין א פאלשטענדיגע. ניט נאר דארפען אויסגעקארעניעט ווערען אלע געזעלשאפט־אינסטיטוציאנען, נאר אויך אלע פערזענליכע געפיהלען און באציהונגען מוזען רעוואלוציאניזירט ווערען. אלץ און אלעס מוז איבערגעקעהרט ווערען קאפויר. זידלעריי איז איינע פון די גלענצענדסטע מעטאדען דאס צו פארווירקליכען. די זידלעריי מוז אבער זיין א האהציגע, א פאלשטענדיגע, מיט א פולער מאס, און ניט באאיינפלוסט פון קיינע שוואכהערציגקייטען, ווי ענטשולדיגונגען; א. ז. וו.

האפענטליך אז איהר וועט ווערען דורכגעווייקט מיט דעם גייסט אין וועלכען דיזע לעקטשורס ווערען אייך געגעבען, פארבלייב איך אייערער ביז'ן נעכסטען לעסאן וועגען ליבע און האס.

גענען דער יוניאן. די גרויסע, רייכע מאנופעקטשורער האלטען אין צוויק די קלענערע און לאזען יענע אויך ניט סעטלען.

„דער אידישער זשורנאל" פון יענער שטאט זאגט אין אן עדיטאריעל, דעם 10טען דזשולאי, ווי פאלגט:

„אין דעם יעצטיגען קלאוק מאכער סטרייק, וועלכער קומט פאר ביי אונז אין שטאדט, איז זיכער ניטא וואס מקנא צו זיין, די קליינע מאנופעקטשורערס, וועלכע געפינען זיך צווישען האמער און דער קאוואדלע, באזונדערס די וועלכע זיינען נאך נעכטען געווען אפערייטארס און זיינען היינטיגע מאנופעקטשורער.

„יעדער סטרייק מיינט גרויסע פארלוסטען פאר'ן ארבייטס-געבער, פארלוסטען אויף פארשידענע געביטען, דער גרויסער מאנופעקטשורער קען אבער לייכט אויסהאלטען דיזע פארלוסטען, א זאך, וואס קומט אן גאנץ שווער דעם קליינעם מאנופעקטשורער מיט זיין אונבאדייטענדען קאפיטאל.

„דער קליינער מאנופעקטשורער ווייסט עס גאנץ גוט און ער וויל דארום שטענדיג שנעלער ענדיגען דעם סטרייק, און איז לייכטער גרייט נאכצוגעבען די פאדערונגען פון די סטרייקער.

„ביים יעצטיגען קלאוק מאכער סטרייק, זיינען אויך די קליינע פאבריקאנטען גרייט עס צו טאן, און א גרויסער טייל פון זיי וויל „סעטלען" אונטער אלע אומשטענדען. אבער מיט אמאל האבען זיי פאר זיך דערזעהן א נייע געפאהר. ווי מיר ווייסען פון א זיכערע קוועלע, האט מען די קליינע מאנופעקטשורער, א וואונק געטאן, דאס אויב זיי וועלען „סעטלען", וועט מען פון זיי אוועקנעמען דעם גאנצען קרעדיט, און דאס מיינט דאך פאר זיי א זיכערער אונטערגאנג.

„געפינען זיך דארום די נעכטיגע אפערייטארס און היינטיגע פאבריקאנטען אין א גאנץ ערנסטער לאגע, אזוי צו עס איז זיי זיכער ניט מקנא צו זיין.

„און וועלען, א דאנק דעם יעצטיגען סטרייק, און די פארביסענקייט וואס די מאנופעקטשורערס אסס'ן ציינט ארויס, פיעלע היינטיגע מאנופעקטשורער זיך דארפען צוריק איבערבעטען מיט דער מאשין, וועט עס ניט זיין קיין איבערראשונג".

עס פארשטעהט זיך, דאס די יוניאן אין טאראנטא איז גאנץ אויף דער וואך דער סטרייק זאל געוואונען ווערען טראץ די איינגעשפארטקייט פון די באסעס. אונזער אינטערנעשאנאל העלפט מיט מיט אלעס וואס מען קען נאר.

פרעזידענט שלעזינגער איז דארט לעצטע וואך געווען און אדרעסירט די סטרייקער. ער האט דארט אבער לאנג נישט געקאנט בלייבען צוליעב קליוולאנד, — ער האט די וואך געמוזט זיין אין קליוולאנד, ווייל דארט איז פארגעקומען פערהאנדלונגען מיט די מאנופעקטשורער.

די וואך איז אהין געשיקט געווארען וויס-פרעזידענט לעפקאוויץ. ער האט די לעצטע צייט געטאן ארגאניזאציאנס-ארבייט אין שיקאגא, און פון דארטען איז ער אפגעפאהרען נאך טאראנטא. אבער די אימיגריישאן בעאמטע פון קענעדע האבען איהם ניט אריינגעלאזען, כאטש ער איז שוין דארט א סך מאל געווען בעפאר, [illegible]טער'ן אויסרייד, אז זיי ווילען זעהן זיינע סיטיזען פייפערס. גראדע האט ער ביי זיך ניט געהאט די פייפערס און ער האט געמוזט בלייבען ווארטען פון דער זייט גרעניץ ביז ער וועט באקומען די פייפערס וואס מען האט איהם פון דאנען גלייך ארויסגעשיקט.

* * *

אין דער באסטאנער אויסגאבע פון'ם „טאג", זונטאג דעם 13טען דזשולי, שרייבט ברודער פרעד מאנסאן, דער ארגאניזער פון דעם רייןקאוט מאכער לאקאל 7:

„נאך א לאנגען קריזיס אין דעם רייןקאוט טרייד אין באסטאן ערווארטען מיר א גוטען פאל-סעזאן. דער פאקט, אז די רייןקאוט מאכער יוניאן איז איצטער מעכטיג און באפעסטיגט אלע איהרע פאזיציעס, איז א באווייז, אז דאס וואס עס איז אמאל געווען אוממעגליך איז יעצט יא מעגליך. אזוי האבען מיר יעצט ארגאניזירט דעם שאפ פון דעם גרויסען טראסט „די סטאנדערד ראבער קאמפאני", וועלכע האט פאלשטענדיג אנערקענט די יוניאן און מוז ניט ווילענדיג צוגעבען, אז דארט וואו דער ארבייטער שטעלט ארויס זיינע פאדערונגען קען מען זיך מיט זיי ניט שפיעלען.

„און דא געפינען זיך נאך אזעל-

# צוויי עקזעקוטיוו באארד מיטינגען פון לאקאל 25

א זיצונג פון'ם עקז. באארד פון דער לידיס וועיסט און דרעס מאכער יוניאן לאקאל 25 איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אבענד דעם 8טען דזשולי, אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סט.

שוועסטער ראוז פערר טשערלידי.

א קאמיטע איז ערשינען פון די ארבייטער פון מ. אלטמאנס שאפ, וועלכע זיינען מיט א צייט צוריק אויסגעשלאסען געווארען פון דער יוניאן פאר איבערטרעטען די רולס, און ניט אויספאלגען די ארדערס פון דער יוניאן. די קאמיטע פארלאנגט דאס דער ע. באארד זאל זיי אריינעמען צוריק אלס מעמבערס פון דער יוניאן. די עקז. באארד, אויסהערענדיג זייער ערקלערונג דאס דער גאנצער שאפ וועט אין דער צוקונפט אויספאלגען און אכטען יעדע רול און באשלוס פון דער יוניאן באשליסט דאס א 5-ער קאמיטע זאל ערוועהלט ווערען צו האבען א מיטינג מיט די ארבייטער פון דעם שאפ און צו האנדלען אין דער פראגע מיט פולמאכט. די קאמיטע באשטעהט פון די שוועסטער קאמין, רייך, מינטץ און די ברידער אונקער און גודמאן.

ברודער רייזבערג, מענעדזשער פון'ם אינדעפענדענט דעפארטמענט, באריכטעט וועגען די רעזולטאטען פון דעם שאפ פון דער לאנדאן דרעס קאמפ. צוליעב וועלכער אנגעלעגענהייט דער עקז. באארד האט צום לעצטען מיטינג ערוועהלט א ספעציעלע קאמיטע צו האנדלען.

אויף דער אויפפאדערונג פון בר. שלעזינגער, פרעז. פון אינטערנעשאנאל ווערט ערוועהלט א קאמיטע פון שוועסטער א. קראנהארדט און די ברידער גודמאן, רייזבערג, אונקער און י. שאפירא צוזאמען מיט איהם זיך צו טרעפען מיט א קאמיטע פון דער וועיסט און דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן, מיטוואך, 9 יולי, 1919, אום 3 אוהר נאכמיטאג אויפצונעמען מיט זיי פראגען בנוגע אונזער אינדוסטריע.

אויף דער אויפפאדערונג פון בר. י. האראוויץ, מענעדזשער פון דער דרעס קאנטראקטארס אסס'ן דיוויזשאן ווערט ערוועהלט א קאנפערענץ קאמיטע פון די שוועסטער קאמין, פערר און די ברידער וואסילעווסקי און אנטאניני צוזאמען מיט איהם אויפצונעמען מיט פארטרעטער פון דער דרעס קאנטראקטארס אסס'ן וויכטיגע פראגען וועגען דער דרעס אינדוסטריע.

א בריעף ווערט ערהאלטען און פארגעלעזען פון פריינד ווינטשעווסקי אין באצוג צום אפיס, און דער סעק. בר. שעהנהאלץ ווערט פון'ם עקז. באארד אינסטרואירט איהם צו ענטפערען.

עס ווערט פארגעלעזען דער באריכט פון דער 7נער קאמיטע וואס איז פון'ם עקז. באארד אינסטרואירט געווארען צו באטראכטען די רעקאמענדאציעס פון די איטאליענער טשערליים, אויף די פלענער פון רעקאנסטראקשאן פון א טרופע טעטיגע מיטגלידער פון אונזער יוניאן.

זיי ברענגען אריין א רייהע רעקאמענדיישאנס, וועלכע ווערען פון'ם עקז. ב. גרינדליך ארומגערעדט, נאר אזוי ווי עס איז געווען שפעט ווערט באשלאסען צו רופען א ספעשיל מיטינג פון'ם עקז. באארד פאר דאנערשטאג אבענד, 10טען דזשולי, 1919, כדי פארטצוזעצען דעם באריכט פון דער 7נער קאמיטע, אויף פארצונעמען אנדערע וויכטיגע ביזנעס.

---

דער ספעשיל מיטינג פון'ם עקז. באארד מיט ברודער ה. ליבערמאן אלס טשערמאן, ווערט אפגעהאלטען דעם 10טען דזשולי.

דער באריכט פון דער 7נער קאמיטע ווערט ווידער אויפגענומען. וויכטיגע פלענער בנוגע געוויסע ענדערונגען אין דער פארוואלטונג פון דער ארגאניזאציאן ווערען פארגעבראכט.

נאך א לאנגער און לעבהאפטער דיסקוסיאן, ארומרעדענדיג די פלענער, און די עקז. באארד נעמענדיג אין אנבאטראכט די וויכטיגקייט פון די פלענער, און אזוי ווי דער טערמין פון דער עקז. באארד האט זיך שוין לאנג געענדיגט, און דורך פארשידענע אורזאכען און פארזאנגען וואס די מעמבערס זיינען מיטגעטיילט געווארען אין די אפיציעלע רעפארטס פון'ם עקז. באארד דורך דער „גערעכטיגקייט" און אזוי ווי דורך דער צייט זיינען אויך אייניגע עקז. באארד מעמבערס אויסגעשלאסען געווארען פאר ניט אטענדען רעגעלמעסיג צו די מיטינגען, און אייניגע זיינען זיך צופאהרען פאר וואקיישאן, ווערט-דעריבער באשלאסען צו אינסטרואירען דעם סעקרעטער צו ארענזשירען מיטינגען פון די יעניגע ברענטשעס, וועלכע האבען ניט זייער פולע רעפרעזענטאציאן אין עקז. באארד און זעהען דאס דיזע ברענטשעס זאלען אויספילען זייערע קוואטאס ביז אלגעמיינע וואהלען וועלען פארקומען.

י. שעהנהאלץ, סעק.

---

כע, וועלכע ווילען ניט זעהן דעם פאקט און ווילען זיך מעסטען אין כחות. עס געפינט זיך ביי אונז א פירמע, וואס האט זיך ארויסגעארבייט אויף די ארבייטער'ס רעכנונג, און צו אונזער גרויסען באדויערען געוועזענע גענאסען, וועלכע האבען פארנומען היכע עמטער אין דער ארבייטער-באוועגונג, און יעצט האבען זיי פארגעסען וואס זיי זיינען געווען נעכטען, און ווען היינט שטעלען די ארבייטער זייערע ארויס מענשליכע פאדערונגען איז זייער ענטפער, אז זיי ווילען ניט פארהאנדלען מיט „אומוויסענדע באנדעס". און דאס זעלבע ענטפערען זיי צו דעם פארשטעהער פון דער יוניאן: זיי ווילען איהם ניט האבען ביי זיך אין שאפ. ווי עס ווייזט, וויל זיך די פירמא מעסטען אין כחות, מיר זיינען גרייט!"

עס פארשטעהט זיך, ס'איז ווירקליך „שטארק צו באדויערען", ווי ברודער מאנסאן שרייבט, וואס געוועזענע גענאסען האנדלען אזוי פארדארבען. דאס צייגט ווידער אמאל ווי מענשען, מעגען זיי זיך האבען וועלכע אידעען עס איז קאנען ארונטערזינקען אויב זיי ווערען נאר פארבלענדעט פון'ם שיין פון גאלד. אבער פארצווייפלען וועגען דעם איז ניטא וואס.

ל. פ—ג.

# צווישען די קלאוקמאכער אין באסטאן

א שמחה, זאגט מען, אהן א פארשטערונג איז קיין שמחה ניט. די באסטאנער קלאוק מאכער קענען דאס באשטעטיגען. די שמחה פון'ם דזשאינט באארד איבער דעם געוואונענעם סטרייק' איז אביסעל פארשטערט געווארען היינטיגע וואך.

ווי באוואוסט האבען די מאנופעקטשורערס דא געגרינדעט אן אססאסיאיישאן, ווי נאר זיי האבען דערהערט די פאדערונגען פון די ארבייטער. א קאמיטע פון די דזשאינט באארד האט מיט זיי קאנפערירט, און נאך פיעלע ארגומענטען האט די יוניאן געסעטעלט מיט די מאנופעקטשורערס אסס'ן. דער סטרייק איז געוועזען פאלקאם. די ארבייטער האבען געוואונען. וואכען-ארבייט, מינימום וויידזש סקייל, א 44 שטונדיגע וואך, — אלעס איז געוואונען געווארען. עס האבען זיך נאר אפגעשטעלט עטליכע קליינע מאנופעקטשורלעך — קליינע סוחרים'לעך — האבען זיי שוין געמוזט נאכגעבען.

איז אבער די צרה וואס עס זיינען דא פאראן מאנכע בעלי בתים וואס ביי זיי איז א ווארט קיין ווארט ניט, זיינען זיך מיט אמאל מיישב צוויי פון די סאמע רעכטע מאכערס פון דער אסס'ן און ברעכען זיך אפ פון זייער ארגאניזאציע. זיי ווילען ניט, און פארטיג. אי וואס זיי זיינען אליין געווען ביים אפמאך, האבען זיך אליין געדונגען. נו, האט איהר ביי זיי אן עולה.

די צוויי בעלי בתים זיינען גאלדמאן און זימערמאן, און סילווערמאן און בארבעל, ביידע פון די גרעסטע שעפער אין באסטאן. זיי האבען געמאכט א לאקאוט אויף זייערע ארבייטער אויף וועלכען די יוניאן האט געענטפערט מיט א סטרייק, און דער סטרייק אין זייערע שעפער געהט אן. די שעפער ווערען געפיקעט און די באסעס קענען קיין ארבייט ניט מאכען.

די יוניאן האט אויסגעפונען אז זיי טרייען צו מאכען זייערע ארבייט אין ניו יארק. ניו יארקער ארבייטער גיט אכטונג! אויב זיי וועלען אדווערטייזען פאר ארבייטער, געהט ניט. דאס איז סקעב-ארבייט.

אויסער דעם איז דער זיעג אין באסטאן פאלקאם. אלע ארבייטער זיצען שוין ביי די מאשינען און געניסען פון די העכערע וויידזשעס און קירצערע שטונדען. עס שטעלען זיך נאר אפ געצעהלטע פון די אנגעלאפענע אין צייט פון סטרייק, וועלכע זיינען צוגעצויגען געווארען דורך די הויכע פרייזען און האבען ארויסגענומען אפליקיישאנס. הונדערטער זיינען זיך אנגעלאפען. אנדערע זיינען שוין באזארגט מיט ארבייט אבער די פראבלעם צו פארזארגען די אלע נייע און גוט-געווארענע מעמבערס איז א גאנץ שארפע.

מיר האבען דא געהאט א גאסט לעצטע וואך. ברודער זיידמאן, אונזער וויס-פרעזידענט פון ניו יארק האט דא אפגעשטאפט אויפ'ן וועג קיין וואוסטער. ברודער זיידמאן האט אונז צוגעזאגט, אז פרעזידענט שלעזינגער וועט קומען צו אונז אין באסטאן אין גיכען. מיר ווארטען אויף ברודער שלעזינגער צו אונטערשרייבען דעם פיינאל אגרימענט. מען פלאנט דא א גרויסען באנקעט פאר די געלעגענהייט.

א קאנפערענץ מיט די בעלי בתים לעצטען פרייטאג האט געצייגט אז די פארהעלטניסע מיט די אסס'ן זיינען פריינדליך. די האפנונגען זיינען גוטע פאר א רוהיגען סיזאן.

ברודער דזשייקאב וואהייט, מענעדזשער פון די באסטאנער דזשאינט באארד און אב. ראטשטיין, ביזנעס אגענטס, זיינען זעהר ביזי. אלע סטרייקען און זיי דארפען ארבייטען. זיי זאגען אבער, אז די ארבייט איז זיי אנגענעהם.

די איבערגעבענהייט פון ברודער קורלאנד, פרעזידענט פון די דזשאינט באארד איז מערקווירדיג. מיט אלעס קומט מען צו איהם. די בעלי בתים האבען פאר איהם גרויס דרך ארץ. ווען די יוניאן וואלט געגעבען מעדאלען צו גוטע מלחמה-גענעראלען וואלטען מיר אויך געדארפט אויסטיילען אויסצייכנונגען צו די ברידער בערקאוויץ, א. ראבינס, מיס סטערנס, מילער און אנדערע.

עטליכע קליינע שאפקעס דא האבען געטריט ארויסגעבען ארבייט, האט מען זיי גלייך געסטאפט.

א באסטאנער.

# אן אפיעל פון דער וועיסט און דרעס מאכער יוניאן אין שיקאגא

שוועסטער און ברידער:

מיר, די וועיסט און דרעס ארבייטער פון שיקאגא, זיינען ערב א דזשענעראל סטרייק. אונזערע אויסזיכטען אויף א זיעג זיינען גלענצענד. אונזער ארגאניזאציאן איז שטארק און די באגייסטערונג צווישען אונזערע ארבייטער איז זעהר, זעהר גרויס.

די בעלי בתים זיינען פארצווייפעלט. זיי מאכען גרויסע אנשטרענגונגען צו ארגאניזירען אן אססאסיאיישאן אבער מיט ווייניג ערפאלג. אייניגע האבען געשיקט אגענטען אין דער איסט צו פרואווען קריגען ארבייטער צו סקעבען דורך דער צייט פון א סטרייק. מיר ווייסען אז זיי וועלען דארט אזעלכע ניט געפינען. מיר געפינען אבער פאר נויטיג צו ווארנען אלע ארבייטער וואס ארבייטען ביי וועיסטס און דרעסעס, ניט צו פאהרען איצט קיין שיקאגא זוכען ארבייט אונטער קיינע אומשטענדען, אמווייניגסטענס ביז דער סטרייק וועט זיין פאראיבער.

אין דער לעצטער צייט האבען פיעלע בעלי בתים גענומען סטראשען אז זיי וועלען קויפען אדער מאכען זייער ארבייט אין ניו יארק, פילאדעלפיא און אנדערע שטעדט אין דער איסט. ס'איז קיין צווייפעל, אז יעצט, ערב דעם סטרייק, און אין דער צייט פון סטרייק, וועלען זיי מאכען אלע אנשטרענגונגען צו קריגען זייער ארבייט געמאכט אין אנדערע שטעדט. מיר בעטען דארום אלע טשערליידי, פרייז קאמיטעס און מעמבערס פון אונזער אינטערנעשיאנאל בכלל צו זיין זעהר פארזיכטיג און תיכף מעלדען אזעלכע פעלע אין אפיס פון זייער יוניאן.

שוועסטער און ברידער, זייט פארזיכטיג! מאכט ניט אונזער ארבייט און מיר וועלען אייך אלעמען גאר אין גיכען איינלאדען צו פייערען אונזער גרויסען זיעג.

אין נאמען פון לאקאל 100, שיקאגא, א. ל. ג. וו. י.

י. האכמאן, דזשענעראל ארגאניזער.

# נאסען-בילדער

פון א. ל. וואלפסאן

אויסגעמאטערט,
אויסגעהונגערט,
אפגעריסען,
הויל און נאקעט
מיט א שייך־באקס
אויף די פלייצעס
שטעהט א אינגעלע
אין גאס.

אויף זיין פנים
זעהט מען דייטליך,
ווי דער הונגער
האט בארבאריש
איינגעקנייטשט
זיין יונגען שטערען.
אלט געמאכט איהם
פאר דער צייט.

שעה'ען לאנגע
שטעהט דער אינגעל
און ער קען
קיין סענט פארדינען;
און פון זיינע
מיעדע אויגען
פאלען טרעהרען
שטראמען־ווייז.

און די קליינע
הענטלאך זיינע,
שווארץ און בלאטיג
און צושפאלטען,
האלט דאס קינד
פון נויט און עלענד
צום פארקריך שוין
אויף דער גאס.

# די טעטיגקייט פון ריינקאוט מאכער, לאקאל [illegible] פון שיקאגא

פון ווס. שיעף.

א קליינער לאקאל פון ריינקאוט מאכער, עקזיסטירט אין שיקאגא פאר די לעצטע 7—8 יאהר. און פאר דער צייט פון זיין עקזיסטענץ האט דער קליינער לאקאל באוויזען דורכצומאכען פארשידענע ערפאלגרייכע סטרייקס מיט וועלכע אפילו גרעסערע לאקאלס וואלטען געמעגט שטאלצירען.

דאס איז געלונגען א דאנק דעם וואס, ניט קוקענדיג אויף דער פארהעלטניסמעסיג אונבאדייטענדער צאהל פון זיין מעמבערשיפ, פארמאגט דיזער לאקאל א גרויסע צאהל איבערגעבענע און קאמפסלוסטיגע מיטגלידער.

די גאנצע ענערגיע פון לאקאל ווערט פארווענדעט אויף ארגאניזאציאנס ארבייט: צו ארגאניזירען די נאן־יוניאן שעפער אין און ארום שיקאגא. די מעמבערס פון לאקאל 54 זיינען כמעט אלע קלאסען־באוואוסטזיניג אין פולסטען זינען פון ווארט; זיינען טיעף איבערצייגט אז דער ערפאלג אדער דורכפאל אין די קעמפע צווישען זיי און זייערע בעלי־בתים איז מעהר אפהענגיג אין דער צאהל פון די נאן־יוניאן שעפער אין און ארום שיקאגא ווי אן די יוניאן לייטע אליין.

אונזער הויפט ארבייט דארף איצט זיין צו ארגאניזירען דעם טרייד.

דאס ערשטע אויף דער פראגראם איז אונזער קאמף מיט דער פירמא ק. ב. שיינס אין שיקאגא, וועלכער איז פון דער יוניאן אנגעפיהרט געווארען פאר די לעצטע עטליכע יאהר, און אפגעקאסט אונז גענוג מיה און געלד, וועלכער איז, אבוואהל, נאך ניט קיין געוואונענער, אבער אויך פאר קיין מאל ניט קיין אויפגעגעבענער. ווייל מיר זיינען כמעט ווי זיכער, אז אין זעהר ניכער צוקונפט וועט דער שאפ זיין פאלשטענדיג ארגאניזירט.

נעקסט קומט די פירמא ראזענוואלד און וועיל אין שיקאגא. מיט דער הילפע פון פרעזידענט פון דער אינטערנעשיאנאל האבען מיר דעם קאמף אנגעפאנגען און פארטגעזעצט. דיזער קאמף האט אונז אפגעקאסט — שוין ניט אריינרעכענענדיג די אונערמידליכע ארבייט פון אונזערע אייגענע באיעס — די סומע פון עטליכע הונדערט דאלער פון דער טרעזשורי, פון אונזער לאקאל יוניאן, צו וועלכע סומע קיין איין־אייגציגער סענט איז ניט ביינעשטייערט געווארען פון אויסערליכע קוועלען.

דער קאמף איז א געוואונענער פון דעם שטאנדפונקט פון די ארבייטער פון דעם אויבענגערמאנטען שאפ, וועלכע האבען געקראגען שעהנע עטליכע הונדערט דאלער „בעק פעי"; פאר אונזער לאקאל אבער איז דאס וויים נאך ניט קיין זיעג.

די אויבענגערמאנטע פירמא (ר. און וו.) האט דעם שאפ איהרען אין שיקאגא איבערגעגעבען צו די שער־האלדערס אונטער די מענעדזשמענט פון דעמזעלביגען פריהערינען מענעדזשער איהרען, מר. קעסלער. און אליין האבען זיי געפונען פאר נויטיג אריבערצוטופען און אויפעפענען א שאפ אזש אין וויסקאנסין. הפנים זיי דענקען, אז די האנד פון דער אינטערנעשיאנאל וועט זיי דארט ניט גרייכען.

מיר אבער רעדנען, אז אונזער אינטערנעשיאנאל האט יעצט א געלעגענהייט איבערצוצייגען מירום רובוק'ס משפחה, אז פאר איהר עקזיסטירען ניט קיין געאגראפישע גרענעצען. און זי קען גרייכען זייערע ריינקאוט שעפער אין ווייטוואטער וויסקאנסין, פונקט ווי זי האט געקאנט באזיגען זייערע קלאוקס שעפער אין שיקאגא - איללינאיז.

יעצט עטליכע ווערטער וועגען רייסין וויסקאנסין: א סך קרעדיט פאר דעם זיעג איבער דער „שיקאגאר־רעבער־קלאדינג", קומט מיס איידא גלייטס, וועלכער ס'איז געלונגען דורך איהר וואונדערליכער ארגאניזאציאנס ארבייט ארונטערצונעמען און אנצוהאלטען דעם שאפ אין סטרייק ביז צו א זיעג. אבער א חוץ איהר קאן אונזער ארגאניזאצ. קאם. אנווייזען א ליסט פון א גאנצער רייהע נעמען פון אונזערע „באיעס", וועלכע זיינען דארט געווען און מיטגעהאלפען אין צייט פון סטרייק און אונזערע פינאנץ־ביכער פון לאקאל 54 ציינען, אז דער סטרייק האט אונז אפגעקאסט קנאפע 400 דאלער, אהן וועלכע דער סטרייק וואלט אפשר געווען א פארלוירענער, פונקט ווי אהן דער אונערמידליכער ארבייט פון מיסס גלייטס.

ואחרון אחרון חביב. יעצט קומט מילוואקי, וואו דער פאפולערער סעם מייערס האט אויפגעעפענט א שאפ, ווי זיין שטייגער איז, פון ניט קיין גאנצע 100 פראצענט יוניאן לייטע. א חוץ סעם מייערס וואקסען אין מילוואקי קליינע בעדרום קארפארייש־אנדלעך אויף דעם אלטען ניו יארקער סטייל — ווי אויף הייוועז; ניט אריינרעכענענדיג די שעפער פון פארט וואשינגטאן, אקלאהאמא און ווייטוואטער, וויסקאנסין, וואו די צאהל ניט־ארגאניזירטע ארבייטער וואקסט פון טאג צו טאג, ניט האבענדיג דארט קיין יוניאן.

עס פארשטעהט זיך אז אזא קליינער לאקאל, ווי אונזערער קאן ניט טראגען אויף זיך די לאסט פון ארגאניזירען דעם טרייד אין דער גאנצער מידל־וועסט: וויסקאנסין און אהייא סייטס.

צי קען דען אזא קליינער לאקאל ווי אונזערער טאן די ארבייט פאר וועלכע עס פאדערט זיך די אויפמערקזאמקייט פון דעם אינטערנעשיאנאל אפיס?

און אז די איסטערן לאקאלס האבען אליין ניט געקאנט לייזען די פראגע האבען מיר געהאט א לעבעדיגען ביישפיעל פון'ם לעצטען ריינקאוט מאכער קאנפערענץ אין ניו יארק, וואו אונזער לאקאל איז געווען פארטראטען דורך א דעלעגאט. יענער קאנפערענץ איז געווען גערופען פאר דעם צוועק צו טרייען אנפאנגען א גרעסערען ארגאניזאציאנס־קאמפיין איבער'ן לאנד. לײדער, אבער, איז נאך אלעס ווי בעפאר, די ארבייט ועהט זיך נאך ניט...

(שלוס אויף זייט 17.)

איהם. איך האב דיך אמאל באלידיגט פאר אלעמען אין די אויגען, איך האב עס ניט פארגעסען — אויסער דעם, האסטו שטענדיג אזוי ליעב געלעגט פאצא'ן. איך האב דאס באמערקט. די אלטע מארי האב איך אויך ניט פארגעסען. אייל זיך צו.

נאכט. א פינסטערניש פארדעקט די וועלט, העל איז אין הימעל; מיט שטערען לייכט דער הימעל.

איך זיץ אויף דער באנק אונטער'ן בירקען־בוים און קוק אויפ'ן שלאס.

איך שמייכעל. א קליינע פרייד. הערסטו דען, וואס עס קלאפט אין מיין הארץ?

איך טראכט וועגען א קליינעם געצעלט אין וואלד. איך טראכט וועגען א פנים'ל ביים שיין פון ליכט. ווי גוט וועט זיין, ווען איך וועל האבען א רעכט צו קוקען אויף דעם פנים. געדאנקען שוועבען דורך מיין קאפ. ווי שעהן זיינען פרויען.

איך קוק אויף אלע פענסטער פון שלאס. מען זעהט נאך קיין זאך ניט.

מיט אמאל ווערט ליכטיג איין פענסטער, א צווייטעס, א דריטעס. שויבען קלינגען און עס רייסט זיך ארויס א פלאם.

אין פייער איז דער שלאס.

מיט אמאל עפענט זיך די טיר און־מיט א גרויס געשריי לויפט ארויס א פיגור אין איין העמד. דאס איז די אלטע מארי. שרייענדיג לויפט זי איבער דער לאנקע, איבער'ן וועג, זי לויפט אין וואלד אריין. מיט א רויטען פייער לויכט דאס העמד און עס ווארפט זיך ארום איהרע דארע פיס.

איך האב אינגאנצען פארגעסען אן איהר.

— — — — — — — — — — — —

א הערליכער פריהמארגען. דער רויך לעגט זיך איבער'ן וואלד.

איך געה ארויס פון וואלד אויף דער לאנקע; מארי אקערט.

— אט בין איך, מארי!

מארי פארדעקט דעם פנים מיט'ן פארטוך און צוויאמערט זיך. „אוי, הערר, הערר, וואס האט איהר געטאן?

— זעהסטו שוין איצט, אז איך האב דיך ליעב? — פרעג איך שטיל. — איך בין גראד אונטער דיינע פיס.

— אוי, הערר, וואס האט איהר געטאן?

אונטערטעניג שטעה איך פאר איהר. די קוה דרעהט אום דעם קאפ און קוקט אויף מיר. א פויגעל זינגט. ווי נעכטען, הערט זיך איצט פון דער ווייטען א פאסטוכ'ס פייפעל.

— הער זיך איין, מארי, — זאג איך, — וויין ניט. פ'ארא גוט הארץ האסטו פארט, מארי. איך האב דיך ליעב — נו —?

מארי וויינט אין פארטוך אריין.

— אוי, הערר, הערר, וואס איהר האט דא אפגעטאן?

— בארוהיג דיך, מארי. זעהסט, איצט וועלען מיר האבען א שטיבעל, א קוה. גוט וועט אונז זיין.

מארי שאקעלט מיט'ן קאפ.

איך פיהל, ווי איך ווער בלייך. עפעס בליקט דורך דורך מיין קאפ.

איך זאג:

— זאג, מארי, וואס איז עס מיט דיר? דו קענסט מיך ניט ליעב האבען? איך האב עס איצט באמערקט נאך דיינע אויגען, איינגעבארג — כא־כא־כא, וואס זאג איך? — מארי שאקעלט דעם קאפ.

— א, הערר, הערר.

שווייגענדיג שטעה איך. מיינע צייהן ציטערן. א שרעק נעמט ארום מיין נשמה.

— זאג, מארי, דו האסט ליעב א צווייטען? — פרעג איך זי שטיל — זיי אפגעהערציג.

מארי שאקעלט מיט'ן קאפ.

— יא, — זאגט זי יאמערענדיג, — וואס האט איהר אפגעטאן, הערר!

— בארוהיג זיך, מארי. אויב אזוי — זיי געזונט.

— גיב מיר דיין האנט, מארי. ווילסט ניט?

מארי נעמט ארויס די האנט פון אונטער'ן פארטוך און דערלאנגט מיר.

— זיי געזונט, מארי.

איך געה אוועק. איך מאך א פאר שריט און קעהר זיך אום ווידער צוריק. איך האב עפעס אין קעשענע פאר איהר. מארי שטעהט נאך אלץ אויפ'ן זעלבען ארט און האלט דאס פנים פארדעקט מיט'ן פארטוך און וויינט.

— מארי, — זאג איך, — איך וויל אלענפאלס דיר עפעס שענקען. זאג, געפעלט דיר דאס?

איך נעם ארויס פון דער קעשענע דאס קליינע גרינע וואזעלע.

— אט נעם עס דיר. דו קענסט אין דעם אריינשטעלען בלומען, וואס דיין געליעבטער וועט דיר שענקען. ווילסט עס ניט?

מארי נעמט ארויס א שעהנע, פארברענטע האנט פון אונטער'ן פארטוך און איך גיב איהר דאס וואזעלע.

— זיי געזונט, מארי!

איך קוק אויף איהר נאך אמאל — דערנאך געה איך אוועק אין וואלד.

איך קוק זיך אום. מארי שטעהט נאך מיט'ן פארטוך ביים פנים.

די צווייגען פארדעקען זי.

איך געה ארויס אויפ'ן וועג און לאז זיך ארונטער אין טאל. די זון געהט אויף פון אונטער'ן בארג.

איך געה און איך געה. פיעלע געדאנקען שוועבען ארום אין מיין קאפ. איך געה אלץ ווייטער און ווייטער. איך בין נאך אביסעל טרויעריג, אבער גיך וועט דאס פאריבער.

איך געה מיט גיכע טריט.

איך וואוין איצט אין א סטעפ, וואו בלענדענדיג שיינט די זון און דאס מינדסטע גרעזעל ווארפט א שארפען שאטען פאר זיך.

עס איז נאכט. איך ליג אין גראז מיט הענט פארלייגט אונטער'ן קאפ און קוק אויף די שטערען, וואס שווימען אין הימעל. און א שטערען אויפ'ן צפון־מעריב'דיגען הימעל זעה איך.

נאכט. מען הערט קיין קלאנג אין דער סטעפ, פייערליך און הערליך שיינען די שטערען אין הימעל. דער טוי נידערט אראפ אויף דער ערד.

ע נ ד ע.

גוטען קאָנצערט פון קלאַסישע מוזיק. עס איז נאָר א שאָד געווען, וואָס די גוטע זינגער האָבען ניט באקומען גענוג צייט דורכצופיהרען די גאנצע פּראָגראַם.

א באזונדער פיטשור אין דעם קאָנצערט איז געווען דער יונגער גאָלדבערג, א טאַלאַנטפולער פּיערעל־שפּיעלער, דער זוהן פון דעם ביזנעס־איידושענט א. גאָלדבערג, פון לאָקאַל 35. ער האָט געשפּיעלט אייניגע נומערען, וואָס האָבען ארויסגערופען א סך באוואונדערונג צווישען עולם און ער איז גאנץ ווארים אויפגענומען געוואָרען.

אייגענטליך איז אויף דעם באנקעט געווען צוויי־ערליי קאָנצערטען. עס איז אויך געגעבען געוואָרען א „קאָנצערט" פון א טרופּע לצים אונטער דער פיהרערשאַפט פון ברודער י. מ. אשפּיז. די טרופּע האָט געזונגען אייגענע פאַרפאַסעכצען, ספּעציעל געשאַפען אום אריינצוקיבעצען כמעט אלע אנוועזענדע. דאָס האָט ארויסגערופען פיעל שפּאַס און הארציגען געלעכטער. די לצים־טרופּע איז אויך פאר א ווײלע ערנסט געוואָרען און געזונגען די פאָלגענדע „וואָך־ארבייט ליעד", וואָס מיר דרוקען דאָ איבער, ניט וויסענדיג ווער עס איז דער פאַרפאַסער דערפון. די ליעדער הינקט אפילו אונטער, וואָס אנבאַלאַנגט פּאָעזיע און ריטהם, אָבער אלס א ספּעציעלע „באַנקעט־ליעד" מעג דאָס אייבערגעדרוקט ווערען פאַר דער אייביגקייט.

## וואָך־ארבייט ליעד

(צו זינגען מיט דעם מאָטיוו פון פּרוג׳ס 2 טראָיקעס).

אין א ראָד האָבען מיר געדרעהט זיך 9 יאָר
נאָכאַנאַנד,
דאָס לעבען איז אונז נמאס געוואָרען,
אָפּריישאָרס ווי פערדלאַך געווען זיינען
געשפּאַנט,
שטענדיג גרייט און פאַרטיג צום פאָהרען.
אן אינדוסטריעלע א חיות, נאָר זעץ זיך
און פאָהר,
יעדער ווערט א באָס און פיהרט א שליטען:
א קאַטער, א פּרעסער פאַרטנערס א פּאָר,
אן אָפּריישאָר מיט א פינישער אין מיטען,
די יוניאָן האָט געוואָרפען זיך, געזוכט א וועג,
נאָר ווייט איז געווען די נסיעה,
מען האָט געסטרייקט און געסעטעלט...
געסעטעלט און געסטרייקט...
שאַפּ־ארבייט געוועזען איז די תליה...

מיר האָבען פּרינציפּען דיסקוטירט נאָכאַנאַנד
ביז די זאַך איז אונז נמאס געוואָרען,
מיר האָבען פאַרניכטעט דאָס אַלטע מיט גוואַלד,
און זיינען יעצט ווי ניי געבאָרען...

מען כאַפּט נים מעהר קיין באַנדלאַך,
מען יאָגט זיך נים ווי פערד,
פאַרשוואונדען דער אומזיסטער צאָרן,
מען צעהלט אָנשטאָט באַנדלאַך יעצט נאָר
טעג,
און טעג פאַרוואַנדלען זיך אין יאָהרען...

זינגט, קלאָוקמאַכער, אייער יוניאָן א לויב־
געזאַנג,
און זייט זיך היינט שטאַרק משמח,
איהר האָט באַגראָבען א פגר, אן אַלטע קלאָג,
דורך אייניגקייט און יוניאָנס כח.
נעהמט זיך פאַר די הענט און געהט א
קאַראַהאָד,
און זינגט לעבעדיג אלע אינאייניעם.

זאָל שוין אויך דערמאָנט ווערען, אז פּרעזידענט שלעזינגער, ברודער זיגמאַן און ברודער האַלפּערין האָבען באקומען שעהנע פּרעזענטען.

שלעזינגער און זיגמאַן האָבען באַקומען רעזאָלוציאָנען פון אנערקענונג און דאַנקבאַרקייט פון לאָקאַל 9. די רעזאָלוציעס זיינען אין ענגליש, קינסטליך אויסגעאַרבייט מיט קינסטליכע בוכשטאַבען, און סיי שלעזינגער, סיי זיגמאַן זיינען געווען שטאַרק ענטציקט פון דעם שעהנעם, אָריגינעלען פּרעזענט.

ברודער האַלפּערין האָט באַקומען א וויקטראָלא מיט א סעט גוטע רעקאָרדס. ווי איהר זעהט, אַלזאָ, איז דאָס, ארום און ארום, געווען א גאנץ פיין באַנקעטעל.

ברודער אב. באַראָף, אונזער סעקרעטער־טרעזשורער, האָט צוגעשיקט די פאָלגענדע באַגריסונגס־טעלעגראַמע:

„וויקטאָרי באַנקעט לאָקאַל 9:

„טייערע פריינד! פון דער טיעפעניש פון מיין הארצען באַגריס איך אייך צו אייער שמחה. אן ערנסטע קראַנקהייט האָט פאַר מיר געמאַכט אונמעגליך פריהער אַנטייל צו נעהמען אין אייער גרויסען קאַמפּף און איצטער בייצוואוינען אייער שמחה און פייערען מיט אייך צוזאַמען אונזער אלעמענס גרויסען זיעג. פאָרווערטס, שוועסטער און ברידער, צו נאָך גרעסערע זיעגע!

„לאַנג זאָל לעבען אונזער אינטערנעשאָנאַל לײדיעס גארמענט וואָירקערס יוניאָן!
א ב. ב א ר א ף."

# אינגעבאָרג

**א ראָמאַן פון ב. קעללערמאַן**

(שלוס).

— מיר וועלען עס דורכשטופּען דורך דער טיר. איהם וועט עס זיין זעהר אנגענעהם.

אין א פאַר רגע׳ס ארום האָט עמ׳יז דורכגעשטופּט צייטונגען. עס האָבען זיך באוויזען דינע, בלייכע פינגער־שפּיצען.

די דאַמע האָט שטיל געזאָגט:

— מיר טוט וועה דאָס הארץ פאר איהם.

זי האָט דאָס געמיינט מיך... מיר האָט עפּעס צוזאַמענגעקוועטשט דעם האַלז.

דאָס זיינען געווען גרויסע ענגלישע צייטונגען. א וויזיט־קאַרטעל איז געלעגען צווישען זיי. „מיר קומען נאָר וואָס פון לאָנדאָן. א הערצליכען גרוס."

איך האָב דורכגעלעזען די צייטונגען. „טריסטאַן און איזאָלדע" — הערר הונט — אינגעבאָרג הונט — גיזעלהער. באַגייסטערונג, טריאומף! —

מעהר איז קיין זאַך ניט פאָרגעקומען אין דעם יאָהר. איבריגענס, ס׳איז אָנגעקומען א בוך פון קאַרל׳ן. קאַרל׳ס א ניי בוך. דאָס בוך האָט זיך גערופען „דער שטורעם."

נאָך וואָס — די אייכען־בוימער האָבען גערוישט, געוויינט זיך און געלאַכט! — דאָס איז אַלעס!

א יאָהר איז פאַריבער.

איך האָב פאַרגעסען ווי אזוי. דערנאָך האָב איך ווידער גענומען קוקען אויף דער וועלט מיט אנדערע אויגען. —

ווידער איז דער פריהלינג געקומען. ווידער געקומען.

39.

פריהלינג.

איך זיץ אויפ׳ן פליגעל פון מיין הויז און רויכער א קליינע לולקע. פרעהליך הויבט זיך פון דער לולקע דער רויך. די זון לייכט, גרין איז די וועלט, גרין און דורכזיכטיג, ווי גלאָז, זיינען לאָנקע און די בלעטער פון די אייכען־בוימער. בלויז אין דורכזיכטיג גלאָז, איז דער הימעל. די זון לייכט. פייגעל זינגען. טוי טריפט פון די בוימער.

— איך רויכער מיין לולקע און שמייכעל.

הערליך איז די וועלט! שעהן איז דאָס לעבען! באלויכטען און גרין ליגט פאר מיר אויסגעשפּרייט דער טאָל.

פון וואַלד וועהט א קליינע פאָהן.

אויפ׳ן וועג בליהען ד׳ עפּעל־בוימער. א וואַנדערער שלעפּט זיך איבער׳ן וועג, א געלער באַנד אין זיין הוט גלאַנצט, ווי א רייף פון א קרוין.

„רוה און שעהנהייט נידערט פון הימעל אראָפּ אויף דער ערד," טראַכט איך ביי זיך. די זון גיסט הייסען וויין פון בעכערס אויף דער גאַנצער וועלט, ווי פריהער.

איך שמייכעל.

עס קלינגט אין וואַלד, אין טאָל.

פון באַרגיגען וועג לאָזט זיך אראָפּ א מיידעל — א שלאַנק פויעריש מיידעל; מיט א ווייס טיכעל האָט זי פאַרבונדען דעם קאָפּ, א פּעקעל האַלט זי אין דער האַנט. גאָלד שטראָמט פון אונטערן טיכעל ארויס.

זי נויגט זיך צו מיר, איהרע ציין און אויגען גלאַנצען.

קינד, קינד, וואָס פינקעלסט דו מיט די אויגען און וואָס שמייכעלסט דו? מעגליך, דו געהסט אין וואַלד אריין אויסזוכען דיר א געליעבטען? ס׳איז פריהלינג, היט זיך, מיין טייערע!

— גוט מאָרגען! — שרייט דאָס מיידעל מיט א קלינגענדיגער שטימע.

איך שטעל זיך אויף. די שטימע —

וואָס האָט עס מיט אמאָל דאָס בלוט מיר א זעץ געטאָן אין קאָפּ אריין?

און איך שמייכעל און לאָז ארויס א געשריי, ווי א פאַלק, וואָס שטעהט אין דער לופט.

איך געה אריין אין הויז און רייס ארויס פון מיין קאָפּ אלע גרויע האָר.

. . . . . . .

דעמערונגען נידערען אויפ׳ן טאָל; אלץ איז שטיל, עס שלאָפט דאָס דאָרף.

איך זיץ ביים קוואַל, וואָס שטראָמט ווייס אונטער דעם דאָרף, דאָרט ביי דעם געצעלט.

דער קוואַל רוישט און מיין הארץ ציטערט.

א מיידעל געהט ארויס פון געצעלט מיט א קרוג אין דער האַנט.

איך שטעל זיך אויף.

— גוטען אָוונט, מאַרי!

דאָס מיידעל ציטערט אויף און קוקט זיך איין פון אונטער׳ן טיכעל. אויפ׳ן טיכעל — העל־בלויע שטערען. גאָלד שטראַלט פון אונטער׳ן טיכעל.

— גוטען אָוונט, שוואַגער.

— א שעהנער אָוונט, מאַרי.

— יאָ!

— ווי גוט איז איצט, מאַרי! ס׳איז פריהלינג. איך בין אהער געקומען כדי דורכצוריידען זיך מיט דיר. א דורכגעהער האָט מיר געזאָגט וואו דו וואוינסט איצט.

אפשר וויל איך איהר זאָגען עפּעס וועגען אינגעבאָרג? — ניין, ניין! לאָמיר ניט ריידען וועגען אינגעבאָרג. לאָמיר רעדען וועגען אונז ביידע, מאַרי!

אָבער אזוי ווי דו רעדסט וועגען אינגעבאָרג, קען איך דיר אויך עפּעס מיטיילען וועגען איהר. זיי שטאָלץ מיט דיין אינגעבאָרג; דו הערסט? זי איז דאָך דיין שוועסטער! אלע פאַרעהרען זי, בויגען זיך פאר איהר. — אָבער לאָמיר ניט רעדען וועגען איהר, לאָמיר רעדען וועגען אונז ביידען!

מאַרי גיסט אויס דאָס וואַסער פון׳ם פולען קרוג; קלינגענדיג זינגט און לאַכט דאָס וואַסער.

וואָס פאַרלאַנג?

רעדען מיט איהר!

פון געצעלט הערט זיך א שטימע:

— דער באַלעבאָס רופט.

מאַרי געהט אוועק.

— — — — — — — — —

אין וואַלד ליגט א קליין פעלד, מאַרי אַקערט עס; די קוה שלעפּט דאָס אַקער־אייזען.

איך געה ארויס פון וואַלד מיט׳ן ביקס אויפ׳ן אַקסעל.

— אָט בין איך ווידער דאָ, — זאָג איך מיט א פרעהליכער שטימע. אונבאַצוואונגען און יונג מאַך איך מיין שטימע.

מאַרי שווייגט.

— ניט לאַנג צוריק האָט דער באַלעבאָס בעשטערט — כאַ־כאַ! א שעהנער טאָג היינט, ניט אמת? די גאַנצע וועלט לאַכט.

איך קוק ארונטער מאַרי׳ס ווייסען טיכעל.

יאָ, איך בין צו איהר געקומען, ספּעציעל צו איהר, זאָג איך, און לייג צאַרט מיין האַנט אויף איהר אַקסעל.

צושראָקען קוקט מאַרי אויף מיר; עפּעס גלאַנצט אין איהרע אויגען.

יאָ, איך בין ספּעציעל צו איהר געקומען.

— איך האָב דיך ליעב מאַרי. גלויבסטו עס?

גיך לאָזט מאַרי אראָפּ דעם קאָפּ. העל־בלויע שטערענדלעך זעהען זיך אויף מאַרי׳ס טיכעל.

— איך האָב דיך ליעב, מאַרי, — וואָס זאָגסטו דערצו? קיינמאָל — קיינמאָל האָב איך א מיידעל ניט אזוי הייס ליעב געהאַט.

איך זאָג דאָס גאַנץ שטיל און שמייכעל נים מעהר. מיינע אויגען זיינען פייכט.

— גאָט איז מיט איך, פריץ —

— כאַ־כאַ־כאַ, דו הערסט ניט, וואָס איך זאָג דיר? דו וועסט אריין אין מיין הויז און ווערען די הארין, מאַרי, זאָג בלויז —

מאַרי קוקט אויף מיר און איהר פּנים ווערט בלייך, ווי איהר טיכעל.

שטיל איז ארום. א פויגעל זינגט. פון דער וויטען שפּילט א פּאַסטוך אויף א פייפעל.

דו—דו־דו־דו—דו־דו — קלינגענדיג רופט צו ליעבע און גליק.

פּאַמעלעך טרעט מאַרי צוריק, ווי זי וואָלט זיך געשראָקען פאר מיר.

איך שמייכעל.

— דו ביסט בלייך געוואָרען, מאַרי. איך האָב דיך איבערגעשראָקען. ווי אומגעשיקט איך בין.

איך בעט זי זאָל מיר געבען איהר האַנט.

— ניין, ניין!

מאַרי טרעט אָפּ אויף צוריק. זי באַטראַכט זיך, לאַנג באַטראַכט זי זיך, אז מיר ווערט אָנגעשווער. ענדליך הויבט זי אָן רעדען און דאָס בלוט קומט צוריק אין איהרע באַקען.

איך בעט אייך, געהט אוועק, דאָס איז אונמעגליך, — זאָגט זי גיך. — זעהט אַליין, איך בין א דיענסט און איהר — א פּירשט, איהר האָט א שלאָס, וועלדער, פעלדער —

ליעב און צערטליך רעדט מאַרי.

— כאַ־כאַ! — לאַך איך.

איך גיב א שאָקעל מיט׳ן קאָפּ און געה אוועק. א געדאַנק האָט דורכגעבליצט דורך מיין קאָפּ.

— צום ווידערזעהן, מאַרי. — איך פאַרשווינד אין וואַלד.

מען דאַרף ניט זיין אזוי ציטערדיג מיט מיידלעך, מיט געוואַגטקייט און שנעלקייט איז מען שטענדיג ביים ציעל.

איך קעהר זיך אום אהיים. איך שרייב א בריעף און פאַרשטעמפּעל איהם מיט מיין הערב.

איך געה ארויס אויפ׳ן הויף מיט׳ן בריעף. איך געה צו צום טיך און קלאַפּ אָן.

דער גלח געהט ארויס און נעמט אראָפּ דעם הוט.

איך זאָג צו איהם: — זעהסט דעם בריעף? טראָג איהם אוועק אין שטאָדט אריין. ער איז אדרעסירט צום נאָטאַר. פאַרליר איהם נים, פאַר דיר איז אויך עפּעס באַשטימט אין

זייערע הויזדעשעם, איז עס לעווים ער־וואס. וואס דארף אויפגענומען ווערען מיט באגייסטערונג.

אמת, מיר ווייסען, אז די ארבייטער זיינען איצט שטארק פאר א סטרייק. מיר זיינען זיכער, אז ברודער פערל־שטיין, דער מענעדזשער פון דער קלאוק־מאכער יוניאן פון קליוולאנד, האט ניט איבערטריבען אויף דאס מינדעסטע, שרייבענדיג אין לעצטען נומער „גערעכ־טיגקייט", אז „דער עולם איז דא אזוי שטארק פאר א סטרייק, אז איך פיהל, אז ווען די לאגע זאל זיך דא אויסדרע־הען אזוי, אז עס זאל געסעטעלט ווערען אהן א סטרייק, וועט אונזער עולם זיין שטארק דיסאפאינטעט". אבער דאך גלויבען מיר, אז אויב עס וועט זיך דאך אויסדרעהען, און אלעס וועט זיך ענדיגען פריעדליך, דארפען עס די ארבייטער ניט באדויערען.

די ארבייטער אין קליוולאנד וועלען מוזען זיך דאס מאל באהערשען. זיי וועלען געוויס זיך בארעכנען, אז די אומ־שטענדען אין קליוולאנד זיינען גאנץ אנ־דערע, ווי אין ניו יארק, און דאס וואס מען קען און עס איז ראטזאם צו טאן אין ניו יארק, קען ניט — יעדענפאלס, ניט אזוי לייכט — געטאן ווערען אין קליוולאנד.

נאטירליך, ווען עס וואלט ניט גע־ווען קיין אנדער ברירה, ווען די באסעס וואלטען געבליבען אזוי פאר׳עקשן׳ט, ווי מיט עטליכע יאהר צוריק, דאן וואלט דער סטרייק געוויס אויסגעבראכען, און מסתמא וואלטען די ארבייטער, נאך א שווערען ענטשלאסענעם קאמפף, איהם געוואונען. דער פאקט, דאס די באסעס אליין זיינען זעהר, זעהר ניט גענייגט צו דערלאזען צו א סטרייק, איז א סימן, אז זיי געדענקען נאך דעם קלאוקמאכער־סטרייק פון עטליכע יאהר צוריק, כאטש זיי זיינען דאן ארויסגעקומען די זיגער. אבער אונטער די אומשטענדען, ווען די באסעס גיבען זיך אין דעם פאל אונטער, און עס וועט אהן א סטרייק עטאבלירט ווערען אין קליוולאנד א מאשינעריע, וועלכע זאל שנעל פארהאנדלען איבער אלערליי סכסוכים, וואס קענען פארקו־מען צווישען באס און ארבייטער, דאן איז ווירקליך נארניט צו באדויערען דעם פאקט, וואס א שווערער קאמפף מיט אלע זיינע ליידען ווערט אויסגעמידען.

אודאי קען מען ניט ערווארטען, אז די קליוולאנדער קלאוקמאכער זאלען אויספיהרען שוין באלד צו ארבייטען פונקט אונטער די זעלבע באדינגונגען, ווי די קלאוקמאכער פון ניו יארק. מען דארף פארשטעהן דעם גרויסען אונטער־שיעד אין דער ארבייט פון ביידע שטעדט, אום צו ווייסען ווי כמעט אונמעגליך דאס איז. העכסט וואהרשיינליך וועט נאך מוזען פארבייגעהן א היבש שטיקעל צייט, איידער די קלאוקמאכער אין קליוולאנד וועלען דערגרייכען אלעס דאס, וואס די קלאוקמאכער אין ניו יארק הא־בען שוין דערגרייכט, אבער זיכער זיי־נען מיר, אז דערגרייכען וועלען זיי עס.

דאס איז אלץ גערעדט, אויב די סא־מע וויכטיגסטע פאדערונגען פון די קלאוקמאכער אין קליוולאנד וועלען נאכ־געגעבען ווערען פון די באסעס פרידליך. אלע וואהרשיינליכקייטען זיינען פאר דעם. ווען ניט, וואלטען זיי ניט דער־לאזען, אז דזשאדזש מעק זאל ווערען איינער פון דעם באארד אוו רעפערים. אויך זיי קענען איהם, און זיי ווייסען, אז ער וועט געוויס ניט פארשווייגען די מינדעסטע עולה פון דער זייט פון די באסעס צו די ארבייטער, און אויך ניט פארקעהרט. נאר דאך, אויב עס זאל אין דעם לעצטען מאמענט זיך ארויסווי־זען, אז די באסעס ווילען ניט נאכגע־בען די וויכטיגסטע פאדערונגען פון די ארבייטער, דאן זיינען מיר זיכער, ווע־לען די ארבייטער אין קליוולאנד זיי גע־בען א קאמפף, געגען וועלכען דער קאמפף פון עטליכע יאהר צוריק וועט אויסזעהן ווי א קינדער־שפיעל, און דאס מאל וועט־לען די זיעגער זיין די קלאוקמאכער, און ניט די באסעס.

## דער סטרייק אין טאראנטא.

דער קאמפף פון די קלאוקמאכער אין טאראנטא שיינט צו זיין א פיעל שווע־רערער, ווי מיר האבען עס געגלויבט אין אנפאנג. דארט זיינען די באסעס שטארק פאר׳עקשנ׳ט נעגען דער איינפיהרונג פון וואך־ארבייט און נעגען די אלע אנדערע פאדערונגען פון די קלאוקמאכער. דאס מיינט אבער ניט, אז מיר האבען דעם מינדעסטען צווייפעל אין דעם אויסגאנג פון קאמפף. דער קאמפף וועט געוואו־נען ווערען, ווייל די קלאוקמאכער פון טאראנטא זיינען ענטשלאסען איהם צו געווינען. די באסעס ווייסען עס נאך ניט, און זיי מעגען גלויבען, אז פארצי־הענדיג דעם סטרייק, קענען זיי אפשר אפשוואכען די קלאוקמאכער אין זייער ענטשלאסענהייט. זיי וועלען זיך אבער באלד איבערציינען, אז זייער האפנונג איז א פאלשע און דאן וועלען זיי נאכ־געבען, פונקט ווי עס האבען געטאן און געמוזט טאן די באסעס פון ניו יארק, באסטאן, באלטימאר, שיקאגא, מאנט־רעאל און נאך אנדערע שטעדט.

# קאנגרעסלייט מיט יוניאן ביכלאך אין קעשענע

פון ב. מיימאן

.1

### האנ. דזשאהן ג. קופער — פון אינ־דזשין צום קאנגרעס

ווען איך האב קאנגרעסמאן דזשאהן ג. קופער, פון אהייא, געפרעגט צו ער איז א יוניאן מאן, האט ער מיר געענטפערט: „יעס, און איך בין שטאלץ דערויף". אז דער „איך בין שטאלץ דערויף" איז ניט בלויז א פראזע האט מען געקענט זעהן פון דעם קאנגרעסמאן׳ס מינע, פון זיין אויסגלייכען זיך און פון דעם גלאנץ פון זיינע אויגען. ער איז א יוניאן־מאן. פאר יאהרען לאנג איז ער געווען א מיט־גליעד פון איינער פון די אייזענבאהן־בראדערהודס און נאך איצטער האליובעט ער זיך מיט דעם יוניאן־ביכעל אין זיין פאקעט.

קופער איז אין גאנצען 47 יאהר אלט, אבער ער ארבייט שוין מעהר ווי א דריט־טעל יאהרהונדערט. ער האט אנגעפאנ־גען צו ארבייטען ווען ער איז אלט געווען אין גאנצען 13 יאהר. צוערשט האט ער געארבייט אין די שטאל־פאבריקען. דער־נאך איז ער געווארען א פייערמאן אויף א טריין. שפעטער איז ער דערהויבען גע־ווארען צו דער שטופע פון לאקאמאטיור־אינדזשיניר. ביי דיעזער ארבייט איז ער פארבליבען ביז ער איז ערוועהלט געווא־רען צום קאנגרעס. אין נאוועמבער, 1914, איז ער ערוועהלט געווארען אלס קאנ־גרעסמאן, אבער ער איז פארבליבען ביי זיין דזשאב ביז דעם 4טען מארטש, 1915, דעם טאג ווען עס האבען זיך אנגעהויבען זיינע וויידזשעס אלס קאנגרעסמאן. ביי איהם אין אפיס, אין וואשינגטאן, העננט נאך איצטער א בילד פון איהם אין די בלויע „דזשאמפערס" מיט א לאנ־גען אויל־קען אין דער האנד אוילענדיג דעם אינדזשין פון א פענסילוועניא רייל־ראוד קאמפאניע צוג, וועלכען ער האט געטריבען אין די גוטע אלטע צייטען. איך ברענג דאס אלעס אום צו ציינען, אז קו־פער שעהמט זיך ניט מיט זיין פראסטער באשעפטיגונג איידער ער איז געווארען א געזעצמאכער נאר, פארקעהרט, אז ער שטאלצירט ביז א געוויסען גראד מיט דעם.

גלייך פון דעם ערשטען בליק אויף דיעזען קאנגרעסמאן זעהט איהר, אז ער איז אן ארבייטער. בלויע אויגען און א גוטמוטיגער פריינדליכער פנים, א געזונ־טער קערפער וועלכער שיינט צו זיין גוט ענטוויקעלט, אבער וועלכער האט ניט אויף זיך די סמנים פון דעם אויסגערוהטען, וואוילגעהענדען פאליטישען. ער האט אויך קיין פיצעל סימן ניט פון דער כיט־ראסט, וואס די מעהרסטע פון אונזערע פאליטישענס באזיצען. ער מאכט מעהר דעם איינדרוק פון אן אפענהערציגען, עהרליכען ארבייטער, וועלכער ווייס ניט פון קיין חכמות און האט ניט וואס צו באהאלטען. אפילו נישט קיין אויסער־געוועהנליכער אינטעליגענטער ארבייטער, נאר טאקע פשוט אן ארבייטער און שוין.

די סאמע ערשטע זאך האב איך גע־בעטען מר. קופער׳ן ער זאל מיר געבען זיין באגריף פון אן אמת׳ען ארבייטער־קאנגרעסמאן. דאס הייסט, וואס אייגענט־ליך דארף א קאנגרעסמאן טאן אום מיט רעכט זיך צו קענען רופען אן ארבייטער־פארטרעטער אין קאנגרעס פון די פאר־אייניגטע שטאאטען.

דיעזע פראגע איז א ביסעלע א צו ברייטע און עס איז ניט אזוי לייכט צו ענטפערען אויף איהר. איך האב פאר־שפראכען דעם קאנגרעסמאן איהם צו פרע־גען שפעטער אביסעל מעהר ספעציפישע פראגעס, אבער צוערשט וואלט איך וועל־לען האבען אן אלגעמיינעם באגריף פון זיין מיינונג איבער די פליכטען, וואס אן ארבייטער, איבערהויפט א יוניאן מאן, באזיצט ווען ער קומט אריין אין קאנגרעס.

מר. קופער האט דאן אוועקגעלעגט אלגעמיינע רולס: אן ארבייטער אין קאנגרעס דארף די גאר ערשטע זאך זיין „פעיר" צו אלעמען. ער טאר ניט זיין פארביסען פארטייאיש, ווייל דאן וועט ער צושטערען זיין אייגענע ווירקונג און מעהר שאדען די ארבייטער ווי נוטעס ברענגען. „עס זיינען אין די ארבייטער־רייהען פא־ראן פונקט אזוי פיעל עקסטרימיסטען, ווי אין די אנדערע שיכטען פון דער געזעל־שאפט, — האט געזאגט דער קאנגרעס־מאן — אן ארבייטער אין קאנגרעס טאר ניט זיין פון דעם עקסטרימען־סארט. ער מוז זיין א מענש, וואס קען נעהמען אין אנבאטראכט די אינטערעסען פון די אנ־דערע טיילען פון דער געזעלשאפט. ער מוז זיין אזוי אונפארטייאיש ווי א שטערב־ליכער קען זיין. נאטירליך דארף אן אר־בייטער, איבערהויפט איינער וואס איז אליין א יוניאן־מאן, אימער אין זינען הא־בען צו ארבייטען פאר דעם פארבעסערען די אומשטענדען פון די ארבייטער; צו קריגען בעסערע שכירות פאר זיי; צו קריגען קירצערע שטונדען און אין אלגע־מיין צו פארבעסערען זייער לאגע. ווען עס קומט אן ארבייטער־געזעץ, דארף ער נאטירליך זוכען די טובה פון די ארביי־טער, אבער ער טאר זיך אויך ניט לאזען אין גאנצען מיטרייסען; ער טאר ניט פארלירען דאס גלייכגעוויכט."

דיעזע אלגעמיינע מיינונג וועגען פיינ־קייט ניט א גאנץ קליינעם באגריף פון קאנגרעסמאן׳ס ספעציעלע ארבייטער אנ־זיכטען. דיעזער אלגעמיינער פיינקייטס־באגריף קען זיין אויך ביי א פאבריקאנט, א סוחר און אפילו ביי א פראפעסיאנעלען פאליטישען. איך האב דארום געשטעלט מר. קופער׳ן אייניגע דעפיניטיווע פרא־געס, וואס זיינען פון אינטערעסע פאר די ארגאניזירטע ארבייטער.

פראגע: „מר. קופער, דענקט איהר ניט, אז ווען די ארבייטער וואלטען גע־האט אן אייגענע פארטיי און דער ארביי־טער־קאנגרעסמאן וואלט ערוועהלט געווא־רען דירעקט פון די ארבייטער, אלס ארבייטער און ניט אלס רעפובליקאנער אדער דע־מאקראט, אז די ארבייטער וואלטען געקענט מעהר ערווארטען פון איהם?"

אנטווארט: „ניין; איך גלויב אז עס איז איצטער פיעל בעסער פאר די אר־בייטער זיך צו האלטען ביי די אלטע פאר־טייען. זיי קענען פיעל מעהר געווינען פון די שוין עקזיסטירענדע גרויסע פאר־טייען ווי פון אן אייגענער ארבייטער־פארטיי."

פראגע: „וואס האבען די ארבייטער ביז איצט געקראגען פון די אלטע פאר־טייען?"

אנטווארט: „וועל, ביז איצטער איז געווען אן אנדער צייט, ווי עס פאנגט זיך יעצט אן. די רעפובליקאנישע פארטיי רעאליזירט, אז די ארבייטער פראבלעמע איז יעצט די וויכטיגסטע אויף דער וועלט, אז עפעס מוז געטאן ווערען פאר די אר־בייטער און איך בין זיכער, אז זיי וועל־לען עפעס טאן".

מר. קופער דערצעהלט מיר, אז ביים פארטיי־קאנפערענץ פון זיין פארטיי, — דאס הייסט, די רעפובליקאנישע פארטיי, — האט ער זיי געזאגט, אז די ארבייטער וועלען איצטער פאדערען מען זאל זיי שיינקען מעהר אויפמערקזאמקייט ווי מען האט דאס פריהער געטאן און אז ער איז זיכער, דאס די רעפובליקאנער וועלען דאס פון היינט און ווייטער שוין טאן.

איך האב געפרעגט דיעזען ארבייטער־קאנגרעסמאן צו ער וואלט אינדארסירט א לייבאר פארטיי אין אמעריקא, אויף די פרינציפען פון דער לייבאר פארטיי אין ענגלאנד? ער האט מיר געענטפערט, אז ער איז ניט באקאנט מיט דער לייבאר פארטיי פון ענגלאנד און קען דארום ניט געבען קיין מיינונג מכח איהר, אבער אז אין אלגעמיין איז ער א געגנער פון א באזונדערער ארבייטער פארטיי, אשטייגער למשל, ווי די וואס האט זיך געגרינדעט אין שיקאגא. ער גלויבט באמונה שלמה, אז די רעפובליקאנער פארטיי איז גוט גע־נוג, נאר וואס זשע דען, דאס יא: „די ארבייטער דארפען לאזען הערען פון זיך".

מיר איז אויך געווען אינטערעסאנט צו וויסען דעם ארבייטער קאנגרעסמאן׳ס מיינונג איבער רעגירונגס־אייגענטום, האב איך איהם א פרעג געטאן צו ער איז פאר „גאווערנמענט אונערשיפ" אדער דא־נעגען? ער האט מיר געענטפערט, אז ער איז ענטשיעדען נעגען גאווערנמענט אונ־ערשיפ. ער איז נעגען דעם פרינציפ אויך, אבער הויפטזעכליך איז ער נעגען דעם פון פראקטישען שטאנדפונקט.

דערביי איז כאראקטעריסטיש ווי מר. קופער רעדט פון רעגירונגס־אייגענטום. זייענדיג ביי טרייד אן אייזענבאהן־אר־בייטער און האבענדיג דארטען געארבייט ביי א צוואנציג יאהר צייט, איז ער דורכ־געקנאטען און דורכגעוויקט מיט דער „אייזענבאהן פסיכאלאגיע", אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען. ווען ער רעדט פון רעגירונגס־אייגענטום, רעדט ער בלויז פון רעגירונגס־אייגענטום פון אייזענבאהנען. דיעזע אינדוסטריע פארנעהמט ביי איהם דעם אויבען־אן און ער טראכט נאר ווענען דיעזער אינדוסטריע און ניט פון קיין אנדערער. און רעגיע־רונגס־אייגענטום פון אייזענבאהנען, — גלויבט מר. קופער, — איז א „פעיליור".

אלס ארבייטער, ווי עס שיינט, האט דזשאהן ג. קופער באלאנגט צו דעם קלאס ארבייטער, וואס זיינען פאלקאם צופריע־דען מיט זייער שיקזאל. זייענדיג פון די בעסער באצאהלטע ארבייטער, פיהלט ער זאגאר א געוויסע מאס דאנקבארקייט צו זיינע בעלי בתים. ער זאגט, אז די פענ־סילווייניא רעילראוד קאמפאניע האט איהם אלע מאל „געטריט זעהר גוט", און אז ער קען איהר בלויז מכיר לטובה זיין. פארקעהרט, אונטער רעגירונגס־אייגענ־טום, האט ער מורא, וועט קומען די הער־שאפט פון פאליטישענס, מיט׳ן טאן טובות צו פאליטישע פריינד און נעהמען נקמה פון פאליטישע נעגנער. „איך דארף דאך אייך ניט דערצעהלען וואס הייסט פאלי־טיקס", זאגט ער צו מיר. „איהר זייט דאך שוין לאנג דא אלס צייטונגס־מאן און ווייסט וואס עס טוט זיך אין די פא־ליטישע קרייזען. איהר ווייסט, אז די הערשאפט פון פאליטישענס איז פיעל ער־גער ווי די הערשאפט פון די פריוואטע בעלי בתים."

אויף דעם בין איך מיט איהם פאל־קאמען איינפארשטאנדען. אבער וואס איז עפעס מכח רעגירונגס־אייגענטום אין פרינציפ, אונטער א בעסערער רעגירונג? איבערהויפט מאך איך מר. קופער׳ן אויפ־מערקזאם, אז זיין אייגענע יוניאן, די אינ־דזשינירס יוניאן, ווי אויך די אנדערע גרויסע און מעכטיגע רעילראוד בראדער־הודס זיינען איצטער פאר רעגירונגס־אייגענטום. אויף דעם זאגט דער קאנ־גרעסמאן, אז ער איז מיט זיי ניט איינ־פארשטאנען. אלמאי איז ער ניט איינ־

# GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly.

Published every Friday by the International Ladies Garment Workers Union office, 31 Union Square, New York, N. Y.

B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.

Subscription price paid in advance, $1 per year.

VOL. I. No. 27 — FRIDAY, JULY 18, 1919

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919


## פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

### ריקאנסטראקשאן אויף דעם פראגראם פון דעם דזשאינט באארד.

מיר זיינען געווען לעצטען שבת מיט א באזוך אויף דעם מיטינג פון דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוק, סוט און ריפער מאכער יוניאן, און, מערקווירדיג, אנשטאט צו הערען די ערווארטעטע זעלבסט-לויב-געזאנגען, וואס דאס וואלט, אפשר, געווען אזוי נאטירליך און פארצייהליך נאך אזא זיעג, האבען מיר געפונען אלע דעלעגאטען שטארק פארנומען מיט דער ארבייט פון ריקאנסטראקשאן.

עס איז דאך געמאכט געווארען א גאנצע רעוואלוציע אין דער אינדוסטריע. וואך-ארבייט אנשטאט שטיק-ארבייט; זיכערע באשטימטע וויידזשעס אנשטאט די אונזיכערע און זיך אימער-ענדערענדע „פארדינסטלעך" פון פריהער. אנשטאט איין פראטעקטיוו אסס'ן האט איצט די יוניאן צו טאן און צו פיהרען פאראהאנדלונגען מיט גאנצע דריי — נאטירליך מוז די גאנצע מאשינעריע שטארק געענדערט ווערען, אום צו זיין צוגעפאסט צו די נייע באדינגונגען. און ניט נאר מוז פיעלעס געענדערט ווערען, נאר פיעלעס נייעס מוז צוגעגעבען ווערען, כדי עס זאל אלעס ארביטען, ווי עס איז נויטיג. דערפאר פארנעהמט איצט דער פונקט „ריקאנסטראקשאן" דעם סאמע אויבען-אן אויף דעם פראגראם פון דעם דזשאינט באארד.

און, אויב אונזערע איינדריקע נארען אונז ניט, וועט אויך אט די רעקאנסטראקשאן - פעריאדע פאראיבערגעהן אזוי שטיל ווי די גאנצע רעוואלוציע אין דער אינדוסטריע. ווארים די מייסטע פיהרער און טוער פארשטעהען די נויטווענדיגקייט פון אט דער איבערבויאונג פאר די ווייטערע טעטיגקייט פון דער יוניאן. און אויב דורך דער איבערבויאונג קען מאנכער פערזענליך עטוואס באריהרט ווערען, סיי אין דער הינזיכט פון זיינע מאטעריעלע אינטערעסען און סיי פון אמביציע, גלויבען מיר ניט, אז דאס זאל שאפען, כאטש נאר אויף א ווייל‏ע, עטוואס בייז בלוט; ווארים אלע פארשטעהען די אונבאדינגטע נויטווענדיגקייט פון אט דער דאזיגער איבערבויאונג.

לאמיר זיך פארשטעלען, אז צוליעב אט דער איבערבויאונג וועלען איינעגע יוניאן-בעאמטע מוזען פארלירען זייערע עמטער, אדער, אפשר, וועלען מוזען איבערנעהמען אן אנדער סארט אמט; אנגענומען, אז א געוויסער אפיס וועט אין גאנצען געפונען ווערען פאר איבעריג, אדער אז זיין טעטיגקייט וועט דורך די נייע אומשטענדען מוזען שטארק באשרענקט ווערען. קען זיין, אז אונטער אנדערע אומשטענדען וואלט אזא מין איבערבויאונג געפיהרט צו רייסערייען, צו טומעל. מיר גלויבען אבער ניט, אז דאס וועט זיין דער פאל אין דער קלאוקמאכער יוניאן. דארט, אויב איינער אדער עטליכע וועלען זיך מוזען צוריקציהען, וועלען זיי עס געוויס טאן אהן איבעריגע גערעדעריי און מורמלעריי, ווי דענקענדע מענשען טוען עס אימער, ווען זיי זעהען איין די נויטווענדיגקייט פון אן אלגעמיינער ענדערונג.

מיר מיינען דערמיט ניט צו זאגען, אז עס וועט טאקע קומען צו א נייעג אויף פארשיעדענע אמטען. אונזער איינדרוק איז נאר א פארקעהרטער. אין מאנכע יוניאנס מעג זיין די פראגע א גאנץ ברענענדיגע: וואו נעהמט מען גענוג עמטער און כבוד פאר אלע די, וועלכע זיינען אזעלכע שטארקע בעלנים אויף דעם. אין דער קלאוקמאכער יוניאן האבען מיר מורא, וועט עס באלד זיין פארקעהרט; די פראגע וועט זיין: וואו נעהמט מען מענשען, וועלכע זאלען וועלען זיין בעאמטע? איצט, אז אן ארבייטער פארדיענט אזעלכע גוטע ווידזשעס אין אזעלכע פארהעלטניסמעסיג-קורצע שטונדען, וועט עס ווערען אלץ שווערער און שווערער צו קריגען די ריכטיגע מענשען פאר יוניאן-אמטען. אפילו אין פריהעריגע צייטען האבען נאר פיעלע גוטע טיכטיגע יוניאן-בעאמטע רעזיגנירט און האבען, צום שאדען פון דער יוניאן, איהר פארלאזען, נעהמענדיג זיך צו אנדערע טעטיגקייטען, אין וועלכע זיי האבען א גאנץ היבשען ערפאלג. איצט מעג מען דאס זיכער ערווארטען. און עס קען שטארק געמאלט זיין, אז די יוניאן זאל האבען פאר די נאהענטע צוקונפט פאר זיך א שווערע אויפגאבע, ווי ניט דערלאזען דערצו, אז די בעסערע און די פעהיגערע פיהרער און טוער זאלען פארלאזען די יוניאן. נאר, ווען אפילו עס זאל אויסקומען, אז דורך די איבערבויאונג זאל מאנכער פון די בעאמטע מוזען ארויספאלען, וועט עס געוויס ניט פאראורזאכען די מינדעסטע אונצופרידענהייט, און די איבערבויאונגס-ארבייט וועט אנגעהן אזוי שטיל און אזוי גרינגליך, ווי עס קען נאר זיין.

און אז מיר האבען שוין יא דערמאנט די וויכטיגקייט פון אנהאלטען די טיכטיגע און פעהיגע יוניאן-טוער, האלטען מיר פאר אונזער חוב אויפמערקזאם צו מאכען די יוניאן אויף צוויי אורזאכען, ווארום איינינע גאנץ גוטע, גאנץ פעהיגע טוער האבען איהר פארלאזען.

אזוי וויט, ווי מיר האבען עס געקענט אויסגעפינען, זיינען דא צוויי אורזאכען פאר דעם.

די ערשטע אורזאכע איז די, וואס די יוניאן-מיטגליעדער האבען ביז איצט ניט געפיהלט די נויטיגע אכטונג צו דעם יוניאן בעאמטען. זעלטען, זעלטען, ווען די יוניאן האט אנערקענט און אפגעשעצט איינעמס ארבייט. אין אזא אטמאספערע קען לאנג ניט לעבען א מענש, וואס טוט געטריי זיין ארבייט און איז דערצו נאך א ביסעלע עמפינדליך. ווען אנשטאט די פארדיענטע אנערקענונג און אכטונג קומט איינעם אוים צו הערען אונפארדיענטע פארווירפע פון די זעלבע, וועלמען ער האט אזוי געטריי געדיענט, איז עס שווער פאר איינעם לאנג אויסצוהאלטען, ווי פליכט-געטריי ער זאל ניט זיין. א מענש איז א מענש. יעדער וויל מיט רעכט א ביסעלע אנערקענונג פאר זיין ארבייט. און ווען דאס פעהלט, איז עס ניט קיין וואונדער, אז עס זאל איהם ענדליך דערעסען די גאנצע ארבייט. און ער זאל זיך נעהמען „צו טאן עטוואס פאר זיך"?

די צווייטע אורזאכע איז די, דאס דער יוניאן-בעאמטער איז קיינמאל ניט צו גוט באצאהלט געווארען פאר זיין ארבייט. אבער אין דער לעצטער צייט איז זיין לוין ווירקליך א זעהר מאגערער אין פארגלייך מיט די פארדיענסטען פון די ארבייטער. און ער קען טאקע קוים א לעבען מאכען.

מיר וואלטען דארום געזאגט, אז ווי באלד עס איז שוין יא די רייד פון „ריקאנסטראקשאן", מוז אויך אין דער הינזיכט, אין די שייכות פון די יוניאן-מיטגליעדער צו זייערע יוניאן-בעאמטע, איינטרעטען א באדייטענדע ענדערונג. די יוניאן-מיטגליעדער וועלען טאן זעהר גוט, ווען זיי וועלען אויפהערען אפילו נאר אין שפאס צו רופען דעם יוניאן-בעאמטען מיט די זעהר ניט שעהנע נעמען: „פאראזיט", „פייקער" א. ז. וו. ווער, ווער, אבער פאר די קלאוקמאכער, פאר וועמען די יוניאן האט אזוי פיעל אויפגעטאן, די דארפען געוויס פיהלען פאר זייערע טוער און פיהרער די העכסטע אכטונג, און ניט נאר פיהלען עס אין הארצען, נאר טאקע ארויסווייזען זיי אט די אכטונג, אז די טוער און פיהרער זאלען עס וויסען.

און דאן מוזען די געהאלטען פון אלע בעאמטע באלד באדייטענד געהעכערט ווערען, אויף אזוי פיעל געהעכערט ווערען, אז זיי זאלען ניט האבען קיין חשק צו איבערבייטען עס אויף אן ארבייט, וואס באצאהלט זיך מאטעריעל פיעל בעסער.

דאס זאגען מיר ניט בלויז אין די אינטערעסען פון די יוניאן - טוער. נאך אלעמען זיינען זיי איינצעלנע מענשען, און יעדער פון זיי קען, ווי מען זאגט עס, זיין שטעדטעל אליין באשטעהן. דאס זאגען מיר אין די אינטערעסען פון דער יוניאן, פון איהר אלץ ווייטערער און שטארקערער געדייהונג.

פארשטעהט זיך, אז מיט די קליינע דיוס, וואס די מיטגליעדער פון די פארשיעדענע לאקאלס צאהלען איצט, קען מען ניט פיעל אויפטאן; אבער, ווי מיר האבען עס שוין אנגעוויזען אין א פאריגען נומער „גערעכטיגקייט", איז עס שוין צייט, אז אויך אין דער הינזיכט זאל עס אנדערש ווערען. די דיוס מוזען באדייטענד געהעכערט ווערען. די פראגע פון דיוס ווערט פארהאנדעלט פון דעם דזשאינט באארד. לויט מיר האבען געהערט, האבען זיי בדעה צו העכערען די דיוס בלויז אויף פינף סענט פער מיטגליעד, און די 5 סענט זאלען בילדען מיט זיך אן עמוירדזשענסי-פאנד, אבער דאס אי זוויים ניט גענוג. ווי ברודער העלער האט זיך ריכטיג אויסגעדריקט אויפ'ן מיטינג פון דזשאינט באארד: „אז מען נעהמט שוין יא עפעס טאן אין דער הינזיכט, טו זאל עס ניט זיין קיין האלבע ארבייט. זאל געטאן ווערען אזוינס, וואס זאל האבען א ממשות."

עס וואלט אבער געווען אן אונרעכט, אז צוליעב דער גרויסער ארבייט פון דעם פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל זאל פארדונקעלט אדער פארקלענערט ווערען די ארבייט פון די, וועלכע האבען איהם אזוי טיכטיג מיטגעהאלפען. מיר גיבען דארום דא די נעמען לכל-הפחות פון די, וועלכע זיינען געשטאנען אין די סאמע פאדערשטע רייהען פון קאמפף, און עס טוט אונז ווירקליך לייד, וואס מיר מוזען אויסלאזען די הונדערטע און הונדערטע אנדערע, וואס האבען פארהאלפען צו דעם גרויסען זיעג.

די דזשענעראל סטרייק קאמיטע איז באשטאנען פון פאלגענדע פערזאנען:

בענדזשאמין שלעזינגער, דזשענעראל טשערמאן; ה. סקוהלמאן, וויים טשערמאן; לואיס גאלד, סעקרעטער.

סעטעלמענט קאמיטע: ס. גלאסמאן, טשערמאן.

פיקעט קאמיטע: ה. נודעלמאן, טשערמאן; באראוויץ, סעקרעטער.

פינאנס קאמיטע: ה. סקוהלמאן, טשערמאן; גאלוב, סעקרעטער.

לאא קאמיטע: ב. פאגעל, טשערמאן; פינקעלשטיין, סעקרעטער.

הילף קאמיטע: סילווערמאן, טשערמאן; ה. ר. פער, סעקרעטער.

ארגאניזיישאן קאמיטע: מ. קאהן, טשערמאן; מענדעלבאום און פיינבערג, אסיסטענטס.

רעליעף קאמיטע: מ. ברוידע, טשערמאן; גאלדפים, סעקרעטער.

אינפארמיישאן ביורא: מיס הינדסעל.

קאמפליינט ביורא: י. מאלאף, טשערמאן; ראמען, סעקרעטער.

אוט אוו טאון קאמיטע: נעלסאן, טשערמאן; רובין, סעקרעטער.

אראנזשמענט קאמיטע פאר רעדנער: טשערמאן, ב. שיפער.

אסיסטענט מענעדזשער צו דיסטריקט קאמיטע: גענאסע לעפקאוויץ, פון ניו יארק, מיטגליעד פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד.

---

## קרעדיט די, וועמען קרעדיט קומט.

דער גרויסער זיעגרייכער קלאוקמאכער קאמפף אין שיקאגא איז פון אונז באהאנדעלט געווארען ווייט ניט לויט ער האט עס פארדיענט. א ביסעל איז שולדיג דער אומשטאנד, וואס שיקאגא איז פארט א טויזענד מייל פון ניו יארק, און מיר קענען ניט וויסען אזוי גענוי אלע איינצעלהייטען און זיי גלייך איבערגעבען פאר די לעזער, ווי מיר קענען עס טאן אין דעם פאל פון א קלאוקמאכער-סטרייק אדער ליידיעס וועיסט מייקערס סטרייק אין ניו יארק. א ביסעל איז אויך שולדיג דער אומשטאנד, וואס דער סטרייק האט זיך געענדיגט אין פארלויף פון א פאר טעג. געוויס, אין די פאר טעג האבען די פיהרער פון סטרייק ארייגעלעגט וואכען און מאנאטען פון ענערגיע און ארבייט. אבער אין דער צייטונג לאזט זיך עס ניט אזוי לייכט איבערגעבען, איבערהויפט, ווען עס פעהלען די נויטיגע אינפארמאציאנס-קוועלען.

מיר ערקלעהרען דאס אלעס, כדי די בראווע קלאוקמאכער פון שיקאגא און זייערע טיכטיגע פיהרער זאלען ניט דענקען פאר א מאמענט, אז מיר פיהלען צו זיי, ווייל זיי זיינען פון דער ווייטענס, קעלטער ווי צו די וואס זיינען נעהנטער צו אונז. מיר פיהלען צו זיי די זעלבע צוגעבונדענקייט און פריינדשאפט, ווי צו די מיטגליעדער פון ניו יארק. און מיר פיהלען זיך פונקט אזוי שטאלץ מיט זייער קאמפף און זייער זיעג, ווי מיט'ן קאמפף און זיעג פון די ניו יארקער קלאוקמאכער, נאר די ווייטקייט אין שטח. און דאס, וואס אין שיקאגא האט זיך ניט געפונען קיינער, צוליעב פארשטענדליכע אורזאכען, וואס זאל אונז באריכטען לאנג און בריים איבער אלץ, וואס דארט איז פארגעקומען, האט אונז, צו אונזער טיעפען באדויערען, געשטערט צו שילדערען דעם קאמפף און זיין זיעג, לויט ער האט עס ווירקליך פארדיענט.

איין זאך וויסען מיר, אז קיין גליקליכערע מענשען אין יענעם טאג, ווען דער סטרייק האט זיך געענדיגט, זיינען אין שיקאגא ניט געווען, ווי די טויזענדע מיטגליעדער פון דער קלאוקמאכער יוניאן און זייערע פיהרער. דאס איז געווען קלאר צו זעהן אויף דעם גרויסען, אמת-ענטוזיאסטישען מיטינג, אויף וועלכען עס איז געמעלדעט געווארען דער גרויסער זיעג, און דאן דער באנקעט, אויף וועלכען דער צענטער איז מיט פולען רעכט געווען בענדזשאמין שלעזינגער, דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל.

---

## א ווארט צו די קלאוקמאכער אין קליוולענד

ווערהרענד די דאזיגע צ"ילען ווערען געשריבען, ווייסען מיר נאך ניט דעם רעזולטאט פון די פארהאנדלונגען פון דער קאנפערענץ צווישען די פארשטעהער פון דער יוניאן פון איין זייט און דער באסעס אסס'ן און די באארד אוו רעפערים פון דער אנדערער זייט. מיר האפען, אז עס האט זיך אלעס „אויסגעפרעסט" און אז דער ערווארטעטער סטרייק איז אויסגעמידען געווארען.

מיט ריכטער מעק אן דער שפיצע פון דעם באארד אוו רעפערים דארף מען ערווארטען, אז פון איצט אן און ווייטער וועט עס זיין פיעל אנדערש, ווי עס איז ביז איצט געווען; אז עס וועט זיין א ווירקליכע ארביטריישאן, אן ארביטריישאן, וואס וועט ארביטרירען, און דאס די מייסטע ארבייטער קריוודעס וועלען גוט געמאכט ווערען.

דזשאדזש מעק האט זיך ארויסגעוויזען ביז איצט צו האבען א גאנץ טשארקע פארשטענדניס פאר די נויטען פון די ארבייטער, און אין קיין פאל האבען די ארבייטער קיינמאל קיין חרטה ניט געהאט, ווען זיי האבען זיך פארלאזען אויף זיין אונפארטייאישען אורטייל. עס איז אונמעגליך זיך פארצושטעלען, אז אין קליוולאנד זאל ער האנדלען אנדערש.

עס איז אמת, אז ביז איצט איז די ערפאהרונג פון די קליוולענדער קלאוקמאכער מיט ארביטריישאן געווען זעהר ניט קיין אנגענעהמע, און דערפאר האבען זיי אזוי פעסט באשלאסען אויפצונעהמען איצט דעם קאמף. אבער מיר דענקען, אז עס דארף בשום אופן ניט פארדריסען די קלאוקמאכער פון קליוולאנד, אויב עס האט זיך אזוי געמאכט, און דער קאמפף איז אויסגעמידען געווארען, אויב דאס איז ווירקליך דער פאל.

מען דארף ניט פארגעסען, אז א קאמפף, און איבערהויפט אין קליוולענדער קלאוק-אינדוסטריע, איז א זעהר ריזיקאלישע זאך. פיעלע אומשטענדען אין קליוולאנד האבען זיך פאראייניגט, אום צו מאכען א קאמפף אין קליוולאנד פון די קלאוקמאכער שווערער, ווי אין אירגענד אן אנדער שטאדט. די קלאוקמאכער אין קליוולאנד ווייסען דאס גאנץ גוט; און דערפאר, אויב א קאמפף אין קליוולאנד קען אויסגעמידען ווערען, און די ארבייטער זאלען דאך געווינען, אלס ערשטען שריט, די אנערקענונג פון דער יוניאן, דאס רעכט פון קאלעקטיוו בארגיינינג, און דערצו נאך א העכערונג אין

וועלען אליין איבעריג, נים בעסער ווערן.
און קוקען מיר זיך צו צו דעם וואס עס קומט פאָר אין אנדערע לענדער, וואו אידען לײַדען, זעהט זיך אויך א האָפנונג אויף בעסערע צייטען.

אין דעם נייעם שטאַאט טשעכאָ-סלאָוואקיא פאַרפאָלגט מען איצט אויך אידען. אבער, ווי אין אוקראינא, איז דאָס אויך א רעזולטאַט פון דער בלינדקייט פונ'ם המון, און דערפאַר זיינען די אויסזיכטען אויף דער צוקונפט נים פינסטער. די רעגירונג פון טשעכאָ-סלאָוואקיא האָט פּאַקטיש שוין אנערקענט דאָס רעכט פון די אידען אויף נאציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, און גענומען שרים צו דורכצופיהרען אין לעבען.

אויך אין רומעניען, אין דעם לאַנד פון דעם איינגעזעסענעם אנטיסעמיטיזם, זיינען דאָ אויסזיכטען, וואס טרייסטען. די רומענישע רעגירונג, ווערט געמאָלדען, הים געוויסענהאַפט אָפּ די פאַרפליכטונגען, וואס זי האָט געגעבען דעם פרידענס-קאָנגרעס אין פּאַריז, און דערלאָזט נים צו קיין אידען-פאַרפאָלגונגען. זי באַשיצט אפילו די אידען, ווען די פּאָליאַקען גרייפען אָן.

אבער דאָס איז נים אלץ. אויך אין רומעניען וועלען אידען קריגען נאציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. ערשטענס: ווייל דער פריעדענס-קאָנגרעס פאַרלאַנגט דאָס פון דער רומענישער רעגירונג; צווייטענס: ווייל די רומענישע אידען אליין פאָדערען עס.

אָט לעז איך אין „לע פּעפּל זשוויוו" („דאָס אידישע פאָלק") א פראַנצויזיש-אידישע שריפט וואס ערשיינט אין פּאַריז, אז די מעהרסטע אידישע אָרגאַניזאַציאָנען אין רומעניען זיינען איצט פאַראייניגט און זיי פאָדערען נאציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע. אפילו די רומענישע אסימילאַטאָרען זיינען איצט צוגעשטאַנען צו אָט דער פאָדערונג. זיי האָבען איינגעזעהן, אז אָהן נ א צ י א נ א ל ע רעכט וועלען די רומענישע אידען אויך נים האָבען קיין מענשליכע רעכט און זיי האָבען דעריבער אויפגעגעבען דעם קאַמף געגען דעם פאַרלאַנג פון די אידען אין דער גאַנצער וועלט צו זיין אנערקענט אלס באַזונדערע נאציאָנאַליטעט.

איך קוק נים דורך ראָזעווע ברילען. איך זעה גאַנץ גום די שוואַרצע כוואַליעס וואס הענגען אומעטום איבערן אידישען קאָפּ. אבער איך זעה אויך דעם ליכטיגערען אונטערשלאַק, וואס אונטער אָט דער כמאַרע.

און דער ראָזינער ליכטיגער אונטערשלאַק זאָגט מיר:

דאָס אידישע פאָלק אין אייראָפּא וועט אויפגעריכט ווערען. די קריגס-און בלוט-פּסיכאָלאָגיע וועט פאַראיבער און דאָס אידישע לעבען וועט רוהיגער ווערן. און נים בלויז דאָס. א נ י י ע ע פּ אָ כ ע וועט זיך אָנהויבען פאַר'ן אידישען פאָלק: די עפּאָכע פון נאציאָנאַלער, אינעווייניגסטער זעלבסטשטענדיגקייט, די עפּאָכע פון נאציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

# די פאַרביטענע דרעס

(א טראַגי-קאָמעדיע פון דער צוקונפט.)

פון ל. באַראַדולין

(שלוס.)

דערנאָך האָט מען אין אָט דעם צימער אָנגעהויבען טראָגען פּאַסאָנען און דרעסעס און ציינען דער מרס. גאָלדסמיט. און ביז זי האָט אויסגעקליבען אזא דרעס, וואס האָט איהר געפעלען, איז אַריבער מעהר ווי א שטונדע. און אונטען, אין א ווינקעלע פון צימער, איז געשטאַנען א קליין מאַשינקעלע, און זיין וויזער האָט זיך גערוקט מיט יעדער מינוט אלץ ווייטער און ווייטער; און יעדער מינוט באַזונדער האָט געמיינט 15 פראַנק, וואס דער קאָסטאָמער פון דרעס מוז באַצאָהלען.

אין דער צייט, ווען די הויכע לײדי האָט געערערט מיט זיין „אידענע", האָט מר. גאָלדסמיט זי באַטראַכט און באַמערקט, אז זי איז פון דער זעלבער הויך און די זעלבע פיגור, ווי ביי מיס שוואַרץ. ער וואָלט געקענט קויפען נאָך א דרעס לוים אָט דער לײדי'ס פיגור, — געוועהנליך, א ביסעל א ביליגערע דרעס — און אָוועקשיקען דער מיס שוואַרץ. און אויב דאָס וועט נים ווייכער מאַכען איהר האַרץ, איז די וועלט קיין וועלט נים!

און מר. גאָלדסמיט האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי גליך פון אייראָדראָם וועט ער פריהער פאַרפאָהרען אין אָפיס און באַהאַלטען ביי זיך דאָס קעסטעל מיט דער דרעס פאַר מיס שוואַרץ. דערנאָך וועט ער קומען אהיים און אָפּגעבען די צווייטע דרעס זיין „אידענע". דערנאָך וועט ער קומען צוריק אין אָפיס, אַריינרופען די מיס שוואַרץ און וועט איהר ציינען, ס'א שעהנעם פּרעזענט ער האָט איהר געבראַכט פון פּאַריז. יענע וועט זיך רויטלען, וועט זיך קווייקלען, זי וועט כלומרשט נים וועלען, אבער ער וועט איהר איינרעדען. און קיין סך איינרעדען וועט מען דאָך נים דאַרפען: א קלייניגקייט — א דרעס פון דער בעסטער מאַדיסטין אין פּאַריז! און דערנאָך, ווען זי וועט שוין צונעהמען און זאָגען „דענקס!", וועט ער... וועל — מען וועט שוין זעהן; וואס עס וועט זיך לאָזען, דאָס וועט מען טאָן...

ווען זיי זיינען ארוים פון צימער און מען האָט אָנגעהויבען איינפּאַקען די דרעס, האָט מר. גאָלדסמיט ערקלעהרט, אז ער וואָלט געוואָלט נאָך א דרעס פאַר א פּערזאָן, וואס איז נאָך דער פיגור עהנליך צו איהר, וואס האָט מיט איהם פאַרהאַנדעלט די גאַנצע צייט. יענע האָט א זוך געטאָן און געפונען א גאַנץ שעהנע רויטע טיולענע דרעס פאַר א גאַנץ פּאַסענדען פּרייז. יעדע פון די דרעסעס האָט מען אַריינגעלעגט אין א באַזונדער קעסטעל; די רויטע דרעס פאַר מיס שוואַרץ האָט מען ארומגעבונדען מיט א רויטען באַנד, און די שוואַרצע דרעס, פאַר מרס. גאָלדסמיט, האָט מען ארומגעבונדען מיט א בלויען באַנד, און ער אליין, מר. גאָלדסמיט, האָט גוט אכטונג געגעבען, אז קיין טעות זאָל נים פּאַסירען.

פינף אזייגער פאַרנאַכט רעם. זעלבען טאָג האָט זיך מר. גאָלדסמיט געזעצט אין דיריזשיבעל און איז אָפּגעפאָהרען קיין ניו יאָרק. אויפ'ן וועג האָט ער אָפּגערופען די „אירענע", האָט איהר אָנגעזאָגט, אז מען זאָל נאָך איהם שיקען זיין אויטאָמאָביל, אז ער וועט זיין אין דער היים שבת אזייגער 10 אין דער פריה. אָנגעקומען איז ער קיין ניו יאָרק 8 אזייגער אין דער פריה. בשעת ער האָט געוואָלט ארויסגעהן, האָט ער געמוזט פאַרבייגעהן א בעאַמטען פון קאַסטאָם-הויז און אָפּצאָהלען די ציגזען פאַר די זיידענס, וואס ער האָט געבראַכט פון אויסלאַנד. די בעאַמטע האָבען געמוזט אויפעפענען די קעסטלאָך, אָפּוועגען די קליידער און דאַן צוריק אַריינלעגען אין די קעסטלעך. נו, און אז דאָ האָט פּאַסירט א טעות, אז מען האָט פאַרביטען די דרעסעס, אַריינגעלעגט זיי אין די פאַרביטענע קעסטלעך און ארומגעבונדען מיט די פאַרביטענע באַנדען — דאָס דאַרף מען דאָך דעם לעזער נים דערצעהלען. און וואס פאַר א פּנים וואָלט דער פּערפאַסער פון אָט דער גאַנצער געשיכטע געהאַט, ווען אָט דער טעות וואָלט נים פאָרגעקומען?

באַפרייט זיך פון די בעאַמטע, האָט זיך מר. גאָלדסמיט אָראָפּגעלאָזען מיט'ן עלעוויטאָר, ארויסגעגאַנגען אין גאַס, אַריינגעזעצט זיך אין א פאַרמאַכטען אויטאָמאָביל, וואס האָט אויף איהם געוואַרט און איז אוועקגעפאָהרען אין אָפיס. דאָ האָט איהם באַגעגנט די מיס שוואַרץ. ער האָט זי אַריינגערופען צו-זיך אין צימער, האָט איהר אָפּגעגעבען דעם פּרעזענט. זי האָט זיך גערויטעלט, געקוועקעלט, אבער דאָך צוגענומען און געזאָגט „דענקס!" און אלעס, וואס מר. גאָלדסמיט האָט דערוויל עררייכט, איז, וואס איהם האָט זיך איינגעגעבען א גלעט טאָן איבער איהר ווייסער האַלז. צו ערהויכען מעהר האָט ער געלאָזט אויף שפּעטער.

א צופריעדענער מיט'ן פּאַריזער „דיעל" און מיט זיך און מיט אלעם און אלעמען, איז מר. גאָלדסמיט געקומען אהיים. די „אירענע" האָט איהם באַגעגענט זעהר פריינדליך, האָט ארויסגעכאַפּט דעם פּרעזענט און איז אַוועק צו זיך אין בעדרום אָנצומעסטען די פּאַריזער דרעס. און ער אליין האָט זיך האָט זיך דערווילע ברייט צוזעצט אין עס-צימער ביי דעם רייך-צוגעגרייטען טיש מיט די בעסטע מאכלים, וואס זי האָט געגרייט פאַר איהם א גאַנצען פריהמאָרגען און האָט זיך ערנסט גענומען צו דער אכילה.

ער איז נאָך נים אריינגעדרונגען גענוג טיעף אין דעם קורס פון עסען, ווי פּלוצים האָט זיך באַוויזען זיין „אירענע". זי האָט זיך געוואָרקעלט פון זיים צו זיים, ווי א פּעטע קאַטשקע. דורך דער דיקער שיכטע פּודער האָט מען נים געקענט זעהן, ווי שוואַרץ איהר פּנים איז געווען פון אויפרעגונג. זי האָט גאָר נים געזאָגט. זי איז גאָר צוגעגאַנגען צום טיש, מיט בײדע הענד אָנגענומען דעם שנעעווייסען טישטוך און מיט אלע קרעפטען א ציה געטאָן צו זיך. און אלעס, וואס איז געשטאַנען אויפ'ן טיש, האָט זיך איבערגעקעהרט, זיך צוזאַמענגעמישט און איז געוואָרען א גערייכטע קאַשע. די געקאָכטע אייער, דאָס טעפּעל זיסע קרים, די הייסע קאַפע, די קייקס, וואס זי האָט אליין געבאַקען, די צוקער, די געהאַקטע הערינג, — אלעס, אלעס האָט זיך אויסגעמישט, זיך צוגאָסען, פאַרגאָסען זייגע קליידער, דעם טיש, דעם טישטוך און דעם פּאַרקעטענעם פלאָר. און א קלינגערי פון צובראָכענע געפעס האָט שיער פאַרטויבט די אויערען.

אָן ערשטוינטער און אָן אָפּגעבריהטער פון די הייסע קאַפע, איז מר. גאָלדסמיט אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט.

— וואָס איז דער מעהר? סיידי! סיידעלע! וואָס איז מיט דיר! וואָס האָט פּאַסירט?

אבער סיידי האָט נים גערעדט. זי האָט זיך ווילד ארומגעקוקט און מיט די אויגען געזוכט וואס צו כאַפּען אין די הענד און וואַרפען איהם אין קאָפּ אַריין. די קריגעלעך, די גלעזער, די טעלער און די פלעשע פון צוקער זיינען געלעגען צובראָכען אויפ'ן דיל. עס זיינען דאָ געשטאַנען טייערע כינעזער וואזעס, זיינען זיי אבער געווען צו שווער אויפצוהויבען. אויפ'ן פלאָר האָט זיך געוואַלגערט א זילבערנע קריגעלע פאַר מילך. עס וואָלט געווען נים שלעכט, אבער ווער קען עס זיך אָנבויגען נאָך דעם!

און מר. גאָלדסמיט האָט זיך געוואָרפען און געבעטען רחמים צו ערקלעהרען, וואס האָט דאָ פּאַסירט. און זעהענדיג, אז זי האָט נים וואס צו וואַרפען אין קאָפּ, האָט די העלדישע מרס. גאָלדסמיט אָנגעהויבען וואַרפען ווערטער.

— דו גראָבער חזיר! דו כלב! דו הונט איינער! דו טריפניאַק! דו אזעלכער און אזעלכער! דו וועסט חוזק מאַכען פון מיר?! דו מיינסט איך בין דו מרס. זאָלצמאַן?! איך וועל דיר שוין ציינען! איך וועל דיר שוין באַווייזען! ווארט נאָר אוים!...

— אבער אום גאָטעס ווילען — וואָס האָט פּאַסירט?

— דו פרעגסט נאָך?! דיר האָט זיך פאַרוואָלט א פאָהר טאָן קיין פּאַריז און א לעב טאָן דאָרטען מיט די אויסגעלאַסענע מאַדיסטקעס און דערנאָך חוזק מאַכען פון מיר?! זעהט נאָר, מענשען, וואס ער האָט מיר געבראַכט!...

און אזוי רעדענדיג איז די צוקאָכטע מרס. גאָלדסמיט ארויסגעלאָפען אין צווייטען צימער און באַלד געקומען צוריק האַלטענדיג הויך אין האַנד עפּעס א רויטע זאַך. און ווי נאָר מר. גאָלדסמיט האָט עס דערזעהן, איז איהם פינסטער געוואָרען אין די אויגען. דאָס איז דאָך געווען די רויטע טיולענע דרעס, וואס ער האָט געקויפט פאַר מיס שוואַרץ. מיט א מאָל האָט ער פאַרשטאַנען, אז ער האָט פאַרביטען ביידע דרעסעס, און איצטער מעג ער ערוואַרטען דאָס ערגסטע פון ביידע זייטען...

וואָס ווייטער איז געווען קען איך דאָ נים דערצעהלען, ווייל מיין האַרץ לאָזט מיר איינפּאַך נים. נאָך אלעמען איז דאָך אויף איהם אויך א רחמנות: ער איז דאָך נים מעהר ווי א מענש. און וואס איז ער געבאָך שולדיג, וואס דער אויבערשטער האָט איהם באַשאַפען מיט אזא גרויסען קערפּער, וואס גאָרט נאָך אזוי פיעל קנישעקלעך און שמשאוו און מיט אזא ברייטע האַרץ, וואס דורשט נאָך אזוי פיעל ליעבע? דער רחמנות צו איהם איז נאָך גרעסער דערמיט, וואס מען האָט איהם באַלד געמוזט אַריינלעגען אין בעט א פּאַראַליזירטען. זיין פּעטקיים איז פון יענעם מין, וואס קען נים פאַרטראָגען א צו שטאַרקען קלאַפּ. און וואָלט עס פאָרגעקומען אין די פינסטערע יאָהרען פון 1919 אָדער 1920, וואָלט ער שוין לאַנג געלעגען אָן אויסגעצויגענער, אבער אין אונזערע צייטען, ווען די עלעקטריציטעט טוט אויף אזוי פיעל וואונדער, האָט מען געפונען מיטלען איהם צו ראַטעווען. מען האָט באַלד גערופען די גרעסטע עלעקטראָטעראַפּעטיקער פון שטאָדט, מען האָט איהם עלעקטריזירט און געבראַכט צום לעבען. די דאָקטוירים האָבען זיך נאָר געוואונדערט, וואס ער איז אזוי צובלוטיגט און צוקראַצט. מען האָט זיי געפּרואווט ערקלעהרען, אז דאָס איז פון דעם פאַלען, און כאָטש לוים אלע סימנים האָט זיך עס ביי זיי אויפ'ן שכל נים געלעגט, אבער אזוי ווי מען האָט זיי אנשטענדיג באַצאָהלט, האָבען זיי שוין מעהר קיין פראַגעס נים געשטעלט. און אין דער אמת'ן, קיין פינגער-צייכענס זיינען דאָך נים פאַרבליבען, טו וואס אַרט עס זיי?

איצטער איז איהם שוין א סך בעסער. ער געהט שוין צו ביסלעכווייז אַרום, און די דאָקטוירים גיבען האָפנונג, אז ער וועט אין גיכען ווערען פאָלקאָם געזונט. און אין דער ווירקליכקייט וואָלט ער, א דאַנק די עלעקטרישע מיטלען, שוין לאַנג געזונט געוואָרען, אבער יעדעס מאָל, ווען ער דערמאָנט זיך, מיט וואָס פאַר א פּנים די מיס שוואַרץ וועט איהם באַגעגענען, גיט איהם א וואָרף אין א [illegible] קעלט; עס כאַפּט איהם אַרום א [illegible] שווייס, און דאָס שטערט איהם צו ווערען פאָלקאָם געזונט.

---

איצט, נאָך דער מלחמה, פאַרפלייצען פעלקער און לענדער.

איהר געדענקט דאָך נאָך מסתמא:

בעת דער מלחמה האָט מען רק געמעלדעט, אז די איטאַליענער האַלטען אין איין איינגעמען בערג-שפּיצען. אי דאָס, איז אפילו די מעשה מיט די איינגענומענע בערג-שפּיצען מיוסטענס געווען א פאַנטאַזיע. און ווי לאַנג קריגט מען עס משוגע'נערהייט אויף בערג-שפּיצען און מען שפּייזט זיך מיט בלאָפס און פאַנטאַזיעס? איז ענדליך געקומען דער שלום, ווייל מען זיך אָראָפּגעלאָזען אין די טאָלען אין באמת מאַכען איינגענעמען פעלקער און לענדער.

דערצו נאָך עפּעס.

לצים דערצעהלען, אז ווען מען פלעגט אין צייט פון קריג שיקען אין שלאַכט אַן איטאַליענישען סאָלדאַט, פלעגט מען פון איין זיים נעבען איהם אוועקשטעלען אַן ענגלישען סאָלדאַט און פון דער צווייטער זיים א פראַנצויזישען. דאָס — זאָגען ווייטער די לצים — האָט מען געמאַכט אויס מורא, אז דער איטאַליענער וועט, חלילה, פאַלען חלשות פאַר שרעק; טאָ זאָל זיין איינער, ווער עס זאָל איהם מונטערען.

אזא בלבול האָבען לצים אויסגעטראַכט אויף איטאַליען און איטאַליען מוז זיך איצט אונבאַדינגט ריינוואַשען און באַווייזען, אז זי איז העלדיש גענוג אָהן חלשות-טראָפּען אַריינצושפּריצען אין פיומע, פאַרכאַפּען דאַלמאַציען און אַריינכאַפּען א שטיק פון קליין-אזיען.

און אז מען לאָזט נים שפּריצען און אַריינכאַפּען און אַרויסווייזען העלדענטאַטען איז מען ברוגז.

אָדער נעמען מיר, לטשל, בעלגיען.

בעלגיען האָט אויך טענות און זעהר גערעכטע טענות. טענה'ט זי אזוי:

בעלגיען — זאָגט זי — האָט בייב סאַמע אויסברוך פון דער מלחמה אויסגעקוילעט מוליאָנען דייטשען... אין די עליים-ציימונגען. איהר געדענקט דאָך? דאַן איז בעלגיען געווען אזוי ריין און אזוי אונשולדיג און אזוי גרויזאַם פאַרגוואַלטיגט, אז זי איז געווען דער בעסטער מיטעל פאַר מלחמה-אַגיטאַציע. אָהן דעם געשריי: „געדענקט בעלגיען!" וואָלט די מלחמה פאַרלאָרען א היבשען טייל פון איהר שעהנקייט, גערעכטיגקייט און דעמאָקראַטישקייט. און דאַן האָט בעלגיען דעם שעהנסטען קעניג איבער דער גאַנצער וועלט, און עס איז פשוט געווען א נחת איהם אַרומצופיהרען איבער אייראָפּא און דורך איהם אַרויסרופען טרערען ביי אלע ווייבער.

און פאַר דעם אלעמען האָט בעלגיען צוגעשטעלט אזא ביל:

מען זאָל איהר אָפּגעבען די גאַנצע דייטשע קאָנטריבוציע. און איהר נאָך צולעגען עקסטרא א פאַר דאָלאַר — „פאַר ע גוד מעזשור". און מען זאָל איהר שענקען דאָס גאַנצע געלט, וואָס זי האָט געליהען ביי די עליים. — זי האָט פּיינט, זאָגט זי, צו טראָגען חובות אויפ'ן קאָפּ. און דאַן וויל בעלגיען, מען זאָל איהר נאָך צוליהען עטליכע דאָלאַר— זי האָט ליעב, זאָגט זי, צו האָבען א פאַר איבעריגע סענטען אין הויז, און זי האָט, זאָגט זי, בכלל ליעב, עס זאָל זיך ביי איהר פיהלען שפע און הרחבת ידים. און דעריבער פאַרלאַנגט זי דייטשע קאָלאָניעס און א שטיקעל דייטשלאַנד און א פּיצעל האָלאַנד און גאַנץ לוקסעמבורג און דעם טייך שעלט און אביסעל פון דעם טייך רײַהן און נאָך א פאַר קלייניגקייטען. און אגב וויל זי, אז דייטשלאַנד זאָל איהר אַריינשיקען אומזיסט קוילען, און אמעריקא, זאָל, למען השם, נים אויפהערען צו שיקען שפּייז. און נאָך און נאָך. א קאָלאָסאַלער אַפּעטיט ביי דער קלײנער בעלגיען.

אָט דאָס וויל בעלגיען. און אז מען גיט איהר נים אלץ, וואָס זי וויל, איז זי ברוגז,

אזוי איטאַליען, אזוי בעלגיען, אזוי פּוילען, אזוי אלע, אלע.

אלע מחותנים זיינען ברוגז. גאַנץ חתן'ס צד בלאָזט זיך.

אבער וואו האָט איהר אַמאָל געזעהן א חתונה אָהן ברוגז'ע מחותנים, אָהן מחלוקת, אָהן קריגערייען, אָהן טענות ומענות?

פאר'שמאנגען מיט גאמפערס'עס שטעלונג
געגען פראהיביבישאן.
אויף דער פראגע וואס ער גלויבט
וואלט געווען די בעסטע זאך באלד צו
טאן פאר די ארבייטער, האט מר. קופער
געענטפערט, אז די בעסטע זאך באלד צו
טאן פאר די ארבייטער וואלט געווען צו
פאסען א פעדעראלען געזעץ פאר אן 8-
שטונדיגען ארבייטס-טאג. „נאר ניט
דורך קיין באזונדערע סטייט-געזעצע זאל
דאס קומען", ערקלעהרט מיר מר. קופער,
„נאר א פ ע ד ע ר א ל ע ס געזעץ, דאס
הייסט א געזעץ געמאכט פון קאנגרעס
פאר דעם גאנצען לאנד, א געזעץ וואס
זאל אויסמיידען קאנקורענציע צווישען די
פארשיעדענע שטאאטען און זאל פארזי-
כערען אן 8-שטונדיגען ארבייטס-טאג פאר
אלע אמעריקאנער ארבייטער. אט דאס
איז וויכטיג צו טאן פאר די ארבייטער
וואס אם שנעלסטען. דאס וואלט פיעל
געהאלפען איינצושטילען די אונרוהיגקייט
צווישען די ארבייטער."

אן אכט-שטונדיגער ארבייטס-טאג, א
ביסעלע בעסערע וויידזשעס און בעסערע
באהאנדלונגען פאר די ארבייטער — וויי-
טער געהט ניט די השגה פון דיעזען קאנ-
גרעסמאן מיט דעם יוניאן-ביכעל אין זיין
פאקעט. עס איז דער באגריף פון דעם
געוועהנליכען קאנסערוואטיווען ארבייטער
וואס קען ניט זעהן ווייטער ווי זיין נאז.
דיעזער קאנגרעסמאן איז ניט מעהר איינ-
טעליגענט און ער האט ניט קיין גרעסערע
השגה פון דעם געוועהנליכען ארבייטער.
מר. קופער איז א גוטער, געטרייער יוניאן
מאן, אבער ער איז געגען דער גרינדונג
פון א „לייבאר פארטיי", ווייל ער גלויבט
אז די רעפובליקאנישע פארטיי איז גוט
גענוג און ער איז זיכער זאגאר אז זי וועט
טאן גענוג צו פארבעסערען די לאגע פון
די ארבייטער. ער איז פאלקאמען צו-
פריעדען מיט דער „עק-פאליטיק". פון די
ארבייטער, וועלכע גיט איינינגע פיהרער
א געלעגענהייט צו ווערען קנאקערס אין
פאליטיקס. מר. קופער איז געגען רע-
גירונגס-אייגענטום, ווייל ער גלויבט, אז
די פריוואטע בעלי בתים זיינען גוט גע-
נוג און פיין גענוג צופריעדען צו שטע-
לען זייערע ארבייטער. אט האט ער דאך
געארבייט פאר דער פענסילווייניא רעיל-
ראוד קאמפאניע און ער איז געווען גאר
צופרידען פון איהר און האט זיך, ברוך
השם, גאנץ פיין ארויפגעארבייט. פון
דער ענגלישער לייבאר פארטיי, כאטש מר.
קופער איז אליין געבוירען געווארען אין
ענגלאנד, האט ער קיין שום ידיעה נים.
אט דאס איז דער פארטרעטער פון אר-
בייטער, וואס די רעפובליקאנישע פארטיי
ערוועהלט צום קאנגרעס פון די פאראיי-
ניגטע שטאאטען.

אין די נעקסטע פאר ארטיקלען וועלען
מיר אייך פארשטעלען די אנדערע קאנ-
גרעסליטע, וואס זיינען די שטאלצע באר-
זיצער פון יוניאן-קארדס.

# דער אידישער גייסט אונטער דעם פאגראם בייטש

פון א. גלאנץ.

**True translation filed with the Postmaster at New York City, on July 18, 1919, as required by the Act of Congress, approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."**

פון איירעפא קומען אן אזוי פיעל
טרויעריגע נייעס וועגען דער לאגע פון
די אידען, אז עס איז שוין כמעט קיין
כח ניטא צו לעזען אדער צו שרייבען וועג-
גען דעם. און דערפאר, אז עס קומט אמאל
אן א מעהר פרעהליכע נייעס, גיט עס
די מעגליכקייט אפצואטעמען, און מען
כאפט זיך אן אן דעם.

איינע פון אזוינע פרעהליכע נייעס
איז די ידיעה וועגען דער ברייטער קול-
טורעלער טעטיגקייט וואס די אידען אין
אוקראינא פיהרען איצט אן.

און אוקראינא! אין יענעם לאנד,
וואו די פאגראמען טראגען נאך אפטמאל
א שרעקליכערען כאראקטער איידער די
פאגראמען אין פוילען; אין דעם לאנד,
וואו לויט באריכטען זיינען אויסגעקוי-
לעט געווארען איבער הונדערט טויזענד
אידען; אין דעם לאנד, וואו אלערליי
כוליגאנישע באנדעס הערען ניט אויף
צו טעראריזירען די אומגליקליכע, געפיי-
ניגטע אידישע באפעלקערונג — אין אט
דעם לאנד וואקסט און אנטוויקעלט זיך
די אידישע קולטור! אין דעם לאנד קא-
נען נאך די אידען טראכטען וועגען גרינ-
דען אידישע אוניווערזיטעטען, גימנאזיעס,
שולען, קינדערגארטענס, א. ד. ג.

אין קיעוו, ווערט געמאלדען, איז ניט
לאנג צוריק אפגעהאלטען געווארען א
קאנפערענץ פון דער אידישער קולטור
ליגע. די קאנפערענץ האט אנגעהאלטען
פיער טעג צייט און די באריכטען, וואס
זיינען דארט אפגעגעבען געווארען הא-
בען באוויזען ווי טעטיג עס זיינען די או-
קראינער אידען, ווי שטארק זיי זיינען
אין דער נשמה, כאטש מען הערט ניט אויף
צו פייניגען זייער קערפער.

צו דער קולטור-ליגע געהערען פיער
אידישע פאלקס-אוניווערזיטעטען, דריי
גימנאזיעס, צוועלף געוועהנליכע שולען,
צוואנציג ביבליאטעקען, פינף און זיבע-
ציג קינדערגארטענס, צוואנציג דראמאטי-
שע שולען, דריי שוישפיעלער טרופען, עט-
ליכע מוזיקאלישען שולען א. ד. ג.

ווי די אמאליגע אידען פון טויזענ-
דער יאהרען צוריק האבען, זעהענדיג זיך
ארומגערינגעלט מיט שונאים פון אלע זיי-
טען, האבען באשלאסען צו באפעסטיגען
דעם אידישען גייסט, די דאמאלסדיגע אי-
דישע קולטור, אזוי טוען עס היינט צו
טאג די אידען פון אוקראינא, קודם כל
זוכען זיי צו באפעסטיגען די גייסטיגע פא-
זיציעס, שאפען שפייז פאר דער אידישער
נשמה. זיי ווייסען: בלויז דאס וועט
קענען געבען מוט דעם געמאטערטען אי-
דישען גוף ער זאל זיין אימשטאנד אויס-
צושטעהן אלע צרות און בלייבען לעבען.

איינער פון די פיהרער פון אט דער
אוקראינישער אידישער קולטור-ליגע איז
דער באקאנטער, טאלאנטפולער אידישער
שרייבער ב ע ר ג ע ל ס א ן. לויט ווי
מען גיט איבער, ארבייט ער מיט אלע
כחות קולטורעל און גייסטיג צו קרעפטי-
גען די אידישע באפעלקערונג אין קליין-
רוסלאנד, און ווי עס זעהט אויס, גע-
לינגט איהם און זיינע מיטהעלפער זייער
גרויסע אויפגאבע.

דער פאקט, וואס די צאהל קינדער-
גארטענס, וועלכע זיינען אנגעשלאסען אן
דער קולטור-ליגע איז א גאנץ גרויסע, בא-
ווייזט די באמיהונגען פון די פיהרער פון
דער סימפאטישער באוועגונג צו ערציהען
פון קינדהייט אויף א נייעם אידישען דור,
א דור פון זעלבסטשטענדיגע אידען און
פרייע, פארטגעשריטענע מענשען.

די אידישע קולטור-ליגע אין אוקראי-
נע איז אן אפיציעלע אינסטיטוציע. די
הוצאות ווערען געדעקט פון דער אוקראי-
נישער רעגירונגס-קאסע. אין אוקראינא
האבען אידען אויטאנאמיע.

עס איז איינער פון די טראגישע ווי-
דערשפרוכען פון אונזער צייט און פון
אונזער געשיכטע, וואס וועהרענד די ר ע-
ג י ר ו נ ג אין אוקראינא איז גראד סימ-
פאטיש צו די אידען און גיט זיי פולע,
גלייכע רעכט, מאכען די אומוויסענדע
מאסען פאגראמען און שחיטות.

אבער דערין איז אויך פאראן א טרייסט.
די פאגראמען אין אוקראינא זיינען פארט
ניט מעהר, ווי א רעוואלט פון אומווי-
סענהייט. ווערט זיך נאר די לאגע איינ-
שטעלען אין אוקראינא, וועט דאס צו-
יושעטע בלוט פון דעם בלינדען המון
אפגעקיהלט ווערען, וועלען די אידען לע-
בען פריי און רוהיג אין אוקראינא. זיי
וועלען דארט לעבען אין פולער אינעווע-
ניגסטער אויטאנאמיע און ווערען א פעס-
טונג פון דער נייער אידישער קולטור.

עס איז א פרעהליכע ידיעה, די, וועל-
כע איז אנגעקומען פון אוקראינא און אן
אמת'ע אפפרישונג אין דער שטיקענדער
לופט פון כסדר'דיגע פאגראם-נאכריכטען,
וועלכע הערען ניט אויף צו קומען פון
איירעפא.

אבער אפילו אין יענע לענדער, וואו
די פאגראם-כוואליעס הערען ניט אויף
צו בושעווען, וועט עס אויך מוזען ווערען
אנדערש. אב. קאהאן טעלעגראפירט פון
ווארשא, אז ניט קוקענדיג אויף אלע צרות
וואס הערשען איצט אין פוילען פאר אי-
דען, וועט די לאגע זיך פארט אויסגליי-
כען. און עס זעהט אויס, אז ער איז
גערעכט.

אמת, נאך מאכען די פאליאקען מער-
דערליכע פאגראמען. דער פוילישער סיים
וויל אלץ ניט צוגעבען, אז אין פוילען
זאלען אידען האבען גייסטיגע אויטאנא-
מיע. די פוילישע פארלאמענטאריער, מי-
שטיינס געזאגט, זיינען געגען דעם פונקט
פון דעם פריעדענס-אפמאך, וועלכער
צווינגט די פאליאקען צו פארזיכערען די
רעכט פון די נאציאנאלע מינאריטעטען,
די אידען אריינגערעכענט.

איך בין אבער פארט ניט פעסימיס-
טיש. איך גלויב פארט אז די פאליאקען
וועלען זיך בארוהיגען, אז זיי וועלען אנ-
פאנגען צו פארשטעהען מעהר, און דאן
אויך איינזעהן, אז פאר זיי אליין לוינט
בעסער צו לעבען בשלום מיט דער דריי-
מיליאניגער אידישער באפעלקערונג פון
פוילען.

לעצטענס האבען זיך גענומען באווי-
זען סמנים פון דעם. די פוילישע סא-
ציאליסטען האבען גענומען דרייסטער
ארויסטרעטען געגען דער פאגראם פאלי-
טיק. דער פארבאנד פון די פוילישע דע-
מאקראטישע פארטייען האט ארויסגעלא-
זען אן אויפרוף און א פאדערונג, אז די
פאגראמען מוזען אויפהערען; אז די אי-
דען האבען א רעכט אויף אונענדליכער
זעלבסט פארוואלטונג, און אז די פא-
ליאקען דארפען דאס אנערקענען.

נאך זעהען מיר, ווי דער פוילישער
סאציאליסטישער פיהרער ד א ש י נ ס-
ק י טרעט ארויס געגען אידישער קולטו-
רעלער אויטאנאמיע אין פוילען. נאך
וועט עס נעמען א לאנגע צייט, ביז אלע
פאליאקען וועלען פארשטעהן און אנערקע-
נען די אידישע פאדערונגען. אבער קו-
מען וועט די צייט דאך. און אפשר שנע-
לער, ווי מיר מיינען איצט.

די אידען איז יעדענפאלס געלונגען
אויפצוועקען די עפענטליכע מיינונג פון
דער וועלט צו אונזערע ליידען און פאר-
לאנגען. דער פריעדענס-קאנגרעס אין פא-
ריז האט באשלאסען צו צווינגען די פא-
ליאקען אנשטענדיגער צו ווערען אין בא-
צוג צו אידען, און די פאליאקען וועלען
סוף כל סוף מוזען פאלגען — אויב זיי

# ברוגז'ע מחותנים

(פעליעטאן.)

פון א. וואהלינער

**True translation filed with the Postmaster at New York City, on July 18, 1919, as required by the Act of Congress, approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."**

האט איהר שוין אמאל געזעהן א חתונה
אהן ברוגז'ע מחותנים, אהן מחלוקת, אהן
קריוודעס, אהן טענות ומענות?

„חתן-צד בלאזט זיך" — איז שוין אן
אלט ווערטעל. די מחותנים פון חתן'ס צד
זיינען תמיד די מיוחסים, און מיוחסים מו-
זען זיין אונצופרידען און מוזען זיך בלא-
זען. דעם האט מען געגעבען דעם עק פון א
פיש און יענעם האט מען גלאט אפגעגעבען
ווייניג כבוד. זיצט איין מחותנת'טע און בלאזט
זיך און א צווייטע כאפט די קינדערלאך, זא-
לען לעבען און — אט נעהמט זי און געהט
שוין.

מחותנים און הויפטזעכליך פון חתנ'ס
צד האבען שוין אזא טבע: זיך צו ברוגז'ן.
און מחותנים בכלל האבען א טבע צו זיין אומ-
צופרידען. און ביי יעדער שמחה מוזען זיין
שטיקלאך מחלוקת.

און אזוי אויך ביי דער שלום-שמחה. די
מחותנים האפערן זיך און קריגען זיך און
זיינען ברוגז און ווילען אנטלויפען פון דער
שמחה.

האט כינא זיך פאר'עקשנ'ט: זי וויל ניט
אונטערשרייבען. און דער רומענישער פרעמ-
יער בראטיאנא נעמט און אנטלויפט. וואס
איז? מען האט איהם געגעבען אן עק-שטיק
און די פיש-גארנירטע אידען-רעכט. און
איטאליען האט זיך צוכליפעט אין א וויי-
קעל: מען האט זי געקריוודעט און מען האט
איהר דערלאנגט א קלענער שטיק פלאדען ווי
אנדערע מחותנים. און בעלגיען — אויך.
און פוילען טענה'ט: מען האט אנגעריהרט
איהר פאנסקי האנאר, ווייל מען שטעלט אי-
דע אידען אונטער'ן אינטערנאציאנאלען שוץ.
און אזוי אלע.

און הויפטזעכליך קומט דער רוגז צו-
ליעב דעם, וואס מען האט דעם און יענעם
מחותן ניט גענוג אנגעשטאפט די קישקע,
כאטש ניט יעדעס פאלק האט א וואלפישען
אפעטיט און ניט יעדעס לאנד האט א מאגען
פון א שטרויס-פויגעל.

א שטרויס-פויגעל, זאגט מען, קען שלינ-
גען משוועקעס, זיי איבערקאבען און פאר-
דייהען. איינער, וואס האט זיך צוגעוועהנט
צו רעסטאראן-מאכלים, זאגט מען, קען אויס-
געצייכענט פארדייען אלע זאקען און פארד-
קען. און אנדערע, פארקערט, האבען פאר-
צערטעלטע מאגענס. למשל: ראקעפעלער. ער,
זאגט מען, קען מעהר ווי א ביסקוויט ניט
אראפשלינגען, כאטש ער קען אונבאשטראפט
שלינגען אויל-גריבער און אייזענבאהנען.

אזוי פויגלען, אזוי מענשען, אזוי מיליא-
נערען. און אזוי אויך פעלקער.

פראנקרייך, למשל, האט קיין עין הרע, אן
אויסגעצייכענטען אפעטיט און א געזונטען
מאגען שלינגט זי איין די דייטשען אין
עלזאס-לאטרינגען און זי פיהלט עס אפילו
ניט. און זי שלינגט איין די דייטשען פון
סאארברוקען און גארבים. און זי זופט מיט
א פולען מויל דייטשע קאלאניעס און מער-
קישע פראווינצען — אזא אפעטיט האט זי.
און ענגלאנד, הערט זיך, האט אויך ניט קיין
שלעכטען אפעטיט און ניט קיין שלעכטע פאר-
דייאונגס-אפאראט. אבער פראנקרייך און
ענגלאנד זיינען דוקא צופרידען. ווייל זיי
זיינען ניט נאר געהויבענע מחותנים, נאר זיי
זיינען אליין געווען די סארווערס. און דאריי-
בער זיינען זיי דוקא ניט צווישען די ברוגז'ע.

ברוגז זיינען אנדערע.

אבער וועגען דעם — שפעטער. דערווייל
האלטען מיר ביי מאגענס און ביי אפעטיטען.
און לאמיר ניט אוועק פון דעם ענין.

און איך זאג אזוי:

פאראן פעלקער, וואס קענען, ווי די גע-
וויסע גרויסע שלאנגען, ווי די באא-קאנ-
סטריקטארס, למשל, איינשלינגען א גאנצען
אקס און דאן שלאפען זיי איין מיט א שלאף
פון אונשולד ביז זיי הונגערען זיך ווידער
אויס און דארפען א נייעם אקס. זיי זיינען
פון די אמת'ע פרעסער און קיין זאך שאדט
זיי ניט. נעהמט, למשל, ענגלאנד. זי בא-
קומט אפילו אמאל עגיפטישע קרעמפס און
אינדישען בויך-וועהטאג. אבער דאס איז גאר-
ניט.

און פאראן, ווידער, פעלקער, וואס קענען
שלינגען, נאר קענען ניט פארדייען. און זיי
מוזען געבאך אפט אויסברעכען דאס פאר-
שלונגענע. אדער אמאל נאך ערגער: מען מוז
זיי מאכען א געפעהרליכע אפעראציע. אזוי,
למשל, איז עס געווען דער פאל מיט דער צא-
רישער רוסלאנד, מיט עסטרייך, מיט טערקיי
און מיט דייטשלאנד.

און פאראן אזעלכע פעלקער, וואס קענען
אפילו ניט אראפשלינגען קיין פרעמדען און
קיין איבעריגען ביסען. אט האט, למשל,
דענמארק זיך אנגעזאגט פון א טייל דייטשע
שלעזוויג. עס איז א הארטער ביסען — האט
זי געזאגט — און זי האט מורא, אז עס וועט
איהר, חלילה פארשטאפען. א מין ראקעפעלער-
שער מאגען ביי דענמארק.

און ווייטער זיינען פאראן פעלקער, וואס
זיינען אזעלכע פרעסער ווי וועלף און מען
מוז זיי אפט אפ שפייזען. למשל: מען ווי-
קעלט פאר זיי איין א הארטע פרוזשינע אין
שמאלץ און מען פארפיהרט זי. און אז דער
וואלף שלינגט איין דאס דאזיגע מאכל, גלייכט
זיך די פרוזשינע אויס אין זיין מאגען און
צורייסט דעם פרעסער די געדערים. אזא פרו-
זשינע, זאגט מען, כאפט אריין פוילען מיט
אוקראינא און איטאליען — מיט דער פיעל
געגארטער פיומע, וועלכע זי וויל אריינכא-
פען.

און פאראן פעלקער, וואס מוזען נאך יע-
דען שלונג און נאך יעדען ביס נעמען א פיל
פון שטארקע פראזען וועגען פעלקער-רעכט און
וועגען גערעכטיגקייט. דאס העלפט זייער אפע-
טיט און זייער פארדייאונג.

פאראן, בקיצור, פארשידענע פעלקער מיט
פארשידענע אפעטיטען און פארשידענע מא-
גענס. פונקט ווי מענשען. אבער פונקט ווי
מענשען, האבען פעלקער ליעב זיך צו ברוגז'ען
אויף א שמחה און האבען חשק איינצושלינ-
גען אלע בעסטע מאכלים און דעם גרעסטען
כבוד.

און דערפאר די אונצופרידענהייט מיט
די באשלוסען פון דער שלום-קאנפערענץ און
מיט די שלום-אפמאכען. און אויב איהר וועט
זיך טיעפער אריינטראכטען אין דעם ענין,
וועט איהר אפשר איינזעהן, אז די טענות פון
די מלחמה-מחותנים זיינען דורך און דורך
גערעכטע.

נעהמען מיר, למשל, איטאליען.

איך זאג:

איהר. קענט דאך ניט פארלאנגען, אז אי-
טאליען זאל שטענדיג פארבלייבען אויף איין
ארט. גענוג, אז זי האט זיך פאר דער גאנצער
צייט פון דער מלחמה ניט א ריהר געטאן פון
ארט. סיידען זי האט בארעכט „צוליעב
סטראטעגישע אורזאכען" אנטלויפען פון די
דייטשען און עסטרייכער. נא לאזט זי כאטש

# די פרויען וועלט

פון ראזע בעדריק (בלינדער).

## בארימטע ענגלישע שעהנהייט, העלדין פון פיעלע אריסטאקראטישע גט-פראצעסען, ענדיגט מיט זעלבסטמארד

אַ לעבען פול מיט ראמאנטישע אוואנטיורען, ליעבעס-אינטריגען, אפענע און באהאלטענע סקאנדאלען, סענזאציאנעלע גט-פראצעסען, סעקצועלע אויסגעלאסענקייט און אומבאגרעניצטע פארשווענדערישען לוקסוס, האט זיך געענדיגט מיט דעם זעלבסטמארד פון דער בארימטער ענגלישער שעהנער אריסטאקראטקע, מרס. מעיבעל לואיזע אטהערטאן עליאט, וועלכע האט פאראכטאגען מיטוואך, דעם 9טען יולי, אין איהר רייכער לאנדאנער היים, מיט א קויל פון א רעוואלווער צושמעטערט איהר אייגענעם שארבען.

דער זעלבסטמארד האט אויפגערודערט גאנץ אייראפא, אמעריקא און, אפילו, אפריקא. אין יעדען פון די דריי וועלט-טיילען האט מעיבעל לואיזע געשפיעלט ליעבעס, געפיהרט ראמאנען, געלעבט און געהולטאיעוועט אויפ'ן העכסטען שטייגער מיט באראנען, לארדען און הויכע מיליטערישע בעאמטע, פון וועלכע זי האט תמיד געהאט א רייכען אויסוואהל.

אין 1892 האט זי געהייראט מיט קוירנעל טהאמאס דזש. אטהערטאן, א יחסנ'ישען ענגלישען אריסטאקראט און גוט-באזיצער. דער דאזיגער קוירנעל איז אליין אויך געווען ניט קיין פארשלאפענער חברה-מאן, דאך, איז אפילו פאר איהם זיין ווייבעל'ס „פרייע" באנעהמונג צו אנדערע מענער געווען שוין א ביסעל צו פריי... און ער האט אין עטליכע יאהר ארום זי אנגעקלאגט אין געריכט און געפאדערט א גט. אלס גרונד פאר זיין פאדערונג האט אטהערטאן אנגעגעבען זיין ווייבעל'ס אונטרייהייט צו איהם, און האט דערצעהלט וועגען א „זעהר אינטימען" ראמאן, וואס זי פיהרט מיט דעם יונגען ענגלישען לארד, קאפיטאן יארדע-בולער, מיט וועמען זי איז די לעצטע צייט געווען אין גאר-גאר נאהענטע באציהונגען. און ניט נאר מיט דעם קאפיטאן אליין, נאר אויך מיט אנדערע מענער. צווישען די לעצטע האט אטהערטאן אנגערופען א פאר באקאנטע צאצקעדיגע אריסטאקראטלעך אזש פון מצרים.

ווי קומט זי קיין מצרים?

זי איז אמאל געפאהרען אהין זיך „ערהאלען" און האט דערוויל דארט פארקניפט א פאר לינקע ראמאנען...

אויפ'ן פראצעס האט די שעהנע מעיבעל לואיזע — פארשטעהט זיך — געלייקענט שטיין און ביין, גע'טענה'ט, אז זי איז אומשולדיג ווי א מלאך. דאס האט איהר אבער ניט געהאלפען. זי האט דעם פראצעס פארלארען. דאס געריכט האט איהר מאן באוויליגט א גט, און מעיבעל איז ניט-ווילענדיג ווידער געווארען א פרייער פויגעל.

איהר געליעבטען, דעם קאפיטאן בולער, צוליעב וועמען זי האט דעם פראצעס פארשפיעלט, האט הפנים ניט געשמעקט דער עפענטליכער סקאנדאל, אין וועלכען זיין נאמען איז אריינגעצויגען געווארען, און כדי ארונטערצונעהמען פון זיך דעם פלעק, האט ער זיך פון דער געוועזענער מרס. אטהערטאן אין גאנצען אפגעטרייסעלט און געהייראטה אן אנדערע. דאס האט אונזער מעיבעל לואיזע'ן שטארק פארדראסען. איז זי ניט קיין פוילע, און קלאגט איהם אן אין געריכט פאר „ברעטש אוו פראמיס".

דער דאזיגער פראצעס האט אמאלט אויפגעשטורעמט גאנץ ענגלאנד. די געקריוודעטע און „אומשולדיג גע'גט'ע" מרס. אטהערטאן האט זיך איצט אין געריכט שוין מודה געווען, אז זי האט געפיהרט א ליעבע און געלעבט אלס מאן און ווייב מיט דעם אנגעקלאגטען קאפיטאן בולער אין דער צייט ווען זי איז געווען פארהייראט צו קוירנעל אטהערטאן. און האט גע'טענה'ט, אז דער קאפיטאן האט איהר אין א פאריזער האטעל בפירוש צוגעזאגט מיט איהר צו הייראטען, אויב זי זאל ווען עס איז צוליעב איהם פארלירען איהר געזעצליכען מאן. זי האט אפילו געבראכט באווייזען צו באשטעטיגען דעם אנגעקלאגטען'ס אינטימע פארהעלטניסען מיט איהר. די דאזיגע „באווייזען" זיינען געווען א נייער קוואל פון די ווילדסטע סענזאציעס פאר דער ענגלישער און פראנצויזישער פרעסע.

אויך אט דעם פראצעס האט די שעהנע מעיבעל-לואיזע פארלארען. אבער דאס איז פאר איהר ניט וויכטיג געווען. זי האט אין אמת'ען גאר קיינמאל ניט געוואלט ווערען קאפיטאן בולער'ס געזעצליכע פרוי. זי האט נאר געוואלט זיך נוקם זיין אן איהם פאר זיין אפטרייסלען זיך פון איהר, — און דאס האט זי אויסגעפיהרט. דערמיט האט זיך געענדיגט איהר פראצעס נומער צוויי.

אין א קורצער צייט ארום קאכט עס ווידער אין ענגלאנד מיט אן אריסטאקראטישען גט-פראצעס. און ווידער איז די שעהנע מעיבעל-לואיזע די צענטראלע פיגור אינ'ם פראצעס.

איינער א קאפיטאן סטוירלינג, אויך א באוואוסטער ענגלישער אריסטאקראט, קלאגט אן אין געריכט זיין יונגע פרוי, א געוועזענע אמעריקאנער אקטריסע, און פאדערט, אז דאס געריכט זאל בטל מאכען זיין הייראט מיט איהר, און איהם באוויליגען א גט. ער באווייזט מיט עדות, אז זיין אמעריקאנער ווייבעל פיהרט א לינקען ראמאן מיט לארד נארטלענד, א באקאנטען „תכשיט" אין דער ענגלישער אריסטאקראטיע.

טענה'ט מיסעס סטוירלינג, די געוועזענע אמעריקאנער אקטריסע (פארזיכטיג, ליעבע לעזער, פארפלאנטערט זיך ניט צווישען אט די אריסטאקראטען, אריסטאקראטקעס און געוועזענע אקטריסעס, און צומישט ניט זייערע לינקע ראמאנען), אלזא, טענה'ט מרס. סטוירלינג: הלמאי איז איהר מאן, אט דער „פרומער" קאפיטאן סטוירלינג, אזא „נאהענטער מחותן" מיט · מרס. מעיבעל-לואיזע אטהערטאן, וועלכע איז, אגב, איצט שוין מיסעס עליאט — די פרוי פונ'ם באוואוסטען דראמאטורג ארטהור עליאט. און די מיסעס סטוירלינג דערצעהלט דערביי דעם געריכט א זעהר פיקאנטע געשיכטע מיט נאך פיקאנטערע איינצעלהייטען וועגען איהר מאנ'ס ראמאן מיט אונזער בארימטער מעיבעל-לואיזע'ן, וועגען וועלכער מע האט אין לאנדאן שוין געשמועסט, אז זי איז געווארען א סטאטעטשנע ווייבעל זינט זי האט חתונה געהאט מיט דעם בעל-הבית'ישען ארטהור עליאט.

די שעהנע מעיבעל-לואיזע ווערט גערופען אין געריכט צו ענטפערען אויף די טענות פון מרס. סטוירלינג, און פון די ארגומענטען, באשולדיגונגען און געגענבאשולדיגונגען צווישען אט די צוויי צנועה'דיגע ווייבלעך ווערען ארויסגעבראכט אזעלכע פאקטען און סודות וועגען דער „זויבערער" אויפפיהרונג פון דער בריה'שער מעיבעל-לואיזע, אז דאס געריכט איז געצוואונגען צו בעטען די זייטיגע מענשען צו פארלאזען דאס געריכטס-זאאל. דער פראצעס ווערט פארטגעזעצט הינטער געשלאסענע טירען, און געדויערט נאהענט צו דריי חדשים. די צייט געהט גאנץ ענגלאנד „אויף רעדלעך" מיט די ענטפלעקטע ליעבעס-סודות פון מרס. אטהערטאן-עליאט. אויף אט דעם פראצעס האט עס די שעהנע מעיבעל געקראגען פונ'ם ריכטער דעם „טיטול" „די שעהנסטע און אויסגעלאסענסטע פרוי אין ענגלאנד".

אין א פאר יאהר ארום טרעט מעיבעל-לואיזע ווידער ארויס אין א פראצעס. דאס מאל אלס קלעגערין געגען איהרער א שוועגערין פאר ריידען אויף איהר רכילות צו ציטונגס-מענשען; און ווידער איז די ענגלישע פרעסע פול מיט מעיבעל-לואיזע אטהערטאן-עליאט און מיט איהרע אונצעהליגע ליעבעס און ראמאנען.

אזוי האט עס מעיבעל לואיזע „אפגעסמאלעט א וועלט": זיך געבאדען אין לוקסוס און אין וואוילטאג, זיך נאכגעגעבען אלע נידריגע תאוות, ניט דורכגעלאזט קיין איין קערפערליכען פארגניגען, באצאהלענדיג דערפאר מיט איהר נאמען און עהרע. און איצט, ווען אט די אלע פארגניגענס האבען פאר איהר שוין פארלארען זייער רייץ, און ניט האבענדיג קיין אנדער אינטערעס אין לעבען אויסער ראמאנטישע אוואנטיורען, קיין אנדער שטרעבונג אויסער איהר איבערזעטיגטען פידישען נענוס, האט די שעהנע, רייכע פוסט-און-פאסניצע, נאך קיין פולע 48 יאהר ניט אלט, זיך ארייגגעיאגט א קויל אין מוח און געמאכט א סוף צו איהר ווילדען, שטורמישען לעבען.

א שעהנער גוף און א פולער טייסטער זיינען נאך ניט גענוג צו מאכען א מענשען גליקליך...

---

מען שוין באלד נישט דארפען זיין א פאעט, נאר א לופט-שיף-אינזשעניר. צו טרינקען זיך אין ים וועט מען שוין ניט דארפען שיפען זיך מיט דער געליעבטער אין א מולטער, נאר מ'וועט קענען באקוועם ארונטערפאלען 15 טויזענד פוס פון א לופט-שיף, בעת ער פליהט צווישען לאנג איילאנד און סקאטלאנד.

הערליכע באקוועמליכקייטען שאפט אונז די ציוויליזאציע.

* * *

צווישען די וועניגע וויכטיגע פאסירונגען פון דער וואך איז כדאי צו דערמאנען פאלגענדע:

1) מ'האט שוין ארונטערגענומען די בלאקאדע פון דייטשלאנד. דייטשע ביכער און צייט-שריפטען וועלען ווידער אריינשטראמען אין אמעריקא, און אידישע געלעהרטע וועלען ווידער קענען באווייזען זייער גרויסע גאונות אין דער פילאזאפיע און אין טעארעטישען סאציאליזם, און אידישע פאעטען און סקיצען שרייבער וועלען ווידער אנהויבען שיטען מיט „אריגינעלע" סקיצען און געניאלע ליעדער, און אידישע הומאריסטען וועלען ווידער איבערראשען זייערע לעזער מיט פרישען, נייעם, שפרודלענדען הומאר.

2) אלע זעקס זיהן פון ווילהעלם דעם האלצהאקער ווילען גע'משפט ווערען אנשטאט זייער פאטער, אילוסטרירענדיג מיט דעם דעם אלטען פלוך פון דער ביבעל: „פאר די זינד פון די עלטערען וועלען ליידען די קינדער".

3) אונזער ווייב האט אונז פון די קעצקילס געשריבען פאלגענדעס בריוועלע: „ליבער יאסעל, זארג זיך ניט וועגען מיר. דא אויף די הויכע בערג איז בלויז מיט עטליכע גראד הייסער ווי ביי אייך אין ניו יארק".

4) א בארימטער קינדער-דאקטאר איז געשטארבען אין עלטער פון 89 יאהר. וואס דאס באווייזט, אז דאקטוירים לעבען א סך לענגער ווי זייערע פאציענטען.

5) מיר האבען שוין, ברוך השם, אין אמעריקא די גאנצע 80 טויזענד ווערטער'דיגע שלום-טריטי, וועלכע קיינער וועט, פארשטעהט זיך, נישט לעזען, ווייל דאס לעבען איז צו קורץ פאר אזעלכע לאנגע און לאנגווייליגע זאכען.

6) קאלטשאק וויל די דארדאנעלען, וועלכע ער קען נאך קריגען, ווייל ער האלט דאך אין איין לויפען. און ווער ווייס, צי וועט ער נאך נישט דערלויפען ביז צו די דארדאנעלען?

7) פרעזידענט ווילסאן קלייבט זיך צו שרייבען די היסטאריע פון דער וועלט-מלחמה — אן אינטערעסאנט בוך, וואס וועט זיך לעזען ווי דער שוידערליכסטער שונד-ראמאן, מיט מארדען און גנבות און גזלות, נאר אהן א ברעקעל ליעבע.

8) איטאליען וויל איצט ניט נאר פיומע, נאר אויך א שטיק כינא. וואס דאס דערמאנט אן יענעם רב, וואס נאכדעם ווי קהל האט איהם ארויסגעטריבען פון שטעדטעל, האט ער אריינגעשיקט צו קהל א מודעה: „אויב איהר וועט מיר געבען א הוספה אויף מיין געהאלט, וועל איך צו אייך צוריקקומען".

* * *

מעהר קיין נייעס ניט, א חוץ די צוויי סענס; וואס איהר וועט באלד דארפען צאלען פאר א טרענספער. אבער דאס באלאנגט ניט צו די נייעסען פון דער וואך. רויבען דעם עולם איז אין ניו יארק קיין נייעס ניט. זעהט איהר, ווען מען וואלט אין אמעריקא אויך איינגעפיהרט טויטשטראף פאר שפייז-ספעקולאנטען, ווי מען קלייבט זיך צו טאן אין פראנקרייך און אין ענגלאנד — דאס וואלט געווען א ליעבע, אנגענעהמע, העכסט-דערפרישענדע נייעס!

---

## דער בארימטסטער אמעריקאנער פאסטמייסטער אין אייראפא — א ניו דזשוירזיער מיידעל

מיס וויאלעט מ. בענעט פון מאנטקלעיר, ניו דזשוירזי, איז היינט דער וויכטיגסטער און דער אם מעהרסטען-באשעפטיגטסטער אמעריקאנער פאסטמייסטער אין אייראפא.

דעם דאזיגען רעקארד האט מיס בענעט זיך ערווארבען ניט בלויז מיט דעם, וואס דורך איהר אפיס אין פאריז ווערט איבערגעשיקט די גרעסטע צאהל בריעף, פאקעטען און פעקלעך, נאר אויך דערמיט, וואס איהר אפיס איז דער גרעסטער פון אלע אנדערע אמעריקאנער פאסט-אפיסעס אין אייראפא; אונטער איהר אויפזיכט שטעהט דער גרעסטער סטאף פון פאסט-אפיס אנגעשטעלטע; און די טעריטאריע אין אייראפא, וואס ווערט באדיענט פון איהר פאסט-אפיס, איז די גרעסטע פון אלע אנדערע פאסט-אפיס טעריטאריעס.

אין איהר פאריזער אפיס באשעפטיגט מיס בענעט גאנצע 28 סעקרעטארען אליין. די צאהל פון די אנדערע אנגעשטעלטע, איבער וועלכע זי האט צו זאגען, גרייכט אין די ווייטע הונדערטער. אין דורכשניט ווערען דורך מיס בענעט'ס אפיס איבערגעשיקט ארום 110,000 בריעף יעדען טאג. אויסער פראנקרייך און רהיינלאנד, וועלכע קריגען זייער פאסט-באדינונג אויסשליסליך פון איהר אפיס, ווערען דורכ'ן זעלבען אפיס געשיקט בריעף און אנדערע זאכען, וואס ווערען געפיהרט פון פאסט, אויך אין סערביע, גריכענלאנד, טערקיי, פאלעסטינע און צום מורמאנער ים-ברעג. איבער 7000 מענשען באזוכען און ווערען באדיענט יעדען טאג אין איהר פאריזער אפיס. איין ביורא גיט זיך אפ נאר מיט בריעף פון און פאר די „וואי עם סי עי" פאסט-סטאנציעס פון אמעריקע און אייראפא. די דאזיגע בריעף אליין קומען אן און ווערען פאנאנדערגעשיקט פון איהר אפיס אין די צעהנדליגע טויזענטער יעדען טאג. און אזעלכע ביוראס האט מיס בענעט אונטער איהר אויפזיכט מעהר ווי איינע.

די דאזיגע הויכע רעגירונגס-שטעלע פארנעהמט מיס בענעט זינט דעם ווינטער פון 1917, און וועט דארט מסתמא נאך פארבלייבען ביז דער לעצטער טראנספארט מיט אמעריקאנער סאלדאטען וועט פארלאזען אייראפא און צוריקקומען אהיים.

---

## וואס הערט זיך אין דעם נוארקער לאקאל 21?

שוין א לענגערע צייט ווי אונזער לאקאל האט נישט געלאזט הערען פון זיך אין אונזער אפיציעלען ארגאן. אבער אויף דעם לעצטען מיטינג פון אונזער עקזעקוטיוו באארד איז באשלאסען געווארען ווייטער צו לאזען הערען פון זיך אפטער אין אונזער פרעסע.

צו דער זעלבער צייט וועט אבער ניט שאדען, צו געבען א שטיקעל איבערבליק איבער דעם ספעשיל מיטינג וואס מיר האבען אפגעהאלטען דעם 1טען דזשולי, אויף וועלכען עס איז פארגעקומען עלעקשאן פאר אלע בעאמטע פון אונזער לאקאל. פאלגענדע מעמבערס זיינען ערוועהלט געווארען: בר. גלאז, אלס פרעזידענט; בר. מייקעלסאן אלס וויס-פרעזידענט און בר. אנקער אלס פינאנס סעק.

דער שרייבער פון דיזע שורות א. קאפלאן, איז ערוועהלט געווארען אלס רעק. סעק. ברודער מאקס ברוק פארבלייבט ווייטער דער מענעדזשער פון דעם אפיס.

די ניי-ערוועהלטע עקזעקוטיווע, האפען מיר, וועט טאן איהר פליכט אזוי גוט ווי די אלטע האט דאס געטאן. און לאמיר דא גלייך זאגען אז די אלטע עקזעקוטיווע האט געטאן איהר פליכט אויפ'ן בעסטען אופן און זי האט די פולסטע אנערקענונג פון דעם ניי-ערוועהלטען עקז. באארד. אלס אנערקענונג פון איהר גוטער ארבייט איז באשלאסען געווארען אז דער לאקאל זאל פרעזענטירען יעדען מעמבער פון דעם אלטען עקז. באארד מיט א גאלדענעם באטען. א ספעציעלען דאנק פאר דער גוטער ארבייט דארף געגעבען ווערען דעם טשערמאן פון לאקאל, בר. גינזבורג, און בר. שאצקין, דע טשערמאן פון דער פיקעט קאמיטע. זיי האבען זעהר גוט געטאן זייער פליכט. און אונזער לאקאל וועט וויסען ווי דאס אפצושאצען.

איך וויל דא ציהען די אויפמערקזאמקייט אויף דעם באשלוס פון דעם עקז. באארד, דאס קיין שאפ טשערמאן זאל נישט לאזען קיינעם זיך זעצען ארבייטען אהן א ווארקינג קארד. דער באשלוס זאל גאנץ שטרענג דורכגעפיהרט ווערען.

א. קאפלאן, רעק. סעק.

נוארק, נ. דזשוירזי.

---

## מיס מארגארעט באנפיעלד אין דער יוניטי הויז

מיס מארגארעט באנפיעלד, די בארימטע ארבייטער-פיהרערין פון ענגלאנד, וואס איז געקומען אהער אלס פראטערנאל דעלעגאט פון די ענגלישע יוניאנס צו דער קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר, וועט די קומענדע וואך זיין א גאסט אין דער זומער יוניטי-הויז פון לאקאל 25.

די באארדערס פון דער יוניטי הויז קלייבען זיך איהר צו געבען א גוטען קבלת פנים און מיס באנפיעלד וועט זיכער האבען פיעל צו דערצעהלען, ווען זי וועט אהיים קומען פון דער שעהנער קאנטרי-הוים פון אונזער ווייסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 25.

# די שוואכע זייט פון דער אמ. פעד. אוו לייבאר

פון נ. פאמעראנץ.

.2

די אמעריקען פעדערײשאן אוו לײבאר איז מאדעלירט געווארען לויט דעם מוסטער פון דער אמעריקאנער פעדעראלער רעגירונג. און עס איז העכסט װארשײנליך, אז דיעזען אומשטאנד האט זי צו פארדאנקען איהר ערפאלג אנטקעגען דער „נאיטס אוו לײבאר“. אבער איהר זאגענאנטער ערפאלג איז נאך אלעמען אהן ממשות, ווייל ער איז א רעזולטאט פון איהר מאכטלאזיגקייט — איהר שטארקייט ליגט אין איהר שוואכקייט.

אבער בעת די אמעריקאנער רעגירונג איז דורכגעגאנגען א פראצעס פון ענטוויקלונג אין דער ריכטונג פון ווערען אלץ מעהר מאכט אין לעבען פון די איינצעלנע שטאאטען, איז די א. פ. אוו ל. פאקטיש פארבליבען דארט, וואו זי האט אנגעפאנגען. אויך די אמעריקאנער פעדעראלע רעגירונג האט טעארעטיש ניט קיין איינענע, סואווערענע מאכט; איהר מאכט איז אויך א „דעלעגירטע“ פון די שטאאטען; אויך זי מעג נאר טאן אזעלכע זאכען, וואס ווערען אויסדריקליך אויסגערעכענט אין דער קאנסטיטושאן, און אלעס אנדערעס געהערט צו דער מאכט־ספערע פון די באזונדערע שטאאטען. אבער צווישען די איינינע געצעהלטע רעגירונגס־פונקציעס, וועלכע ווערען דורך דער קאנסטיטושאן איבערגעגעבען פון די שטאאטען צו דער פעדעראלער רעגירונג — ווי אנצוהאלטען אן ארמעע און פלאטע, צו פיהרען קריעג, ארויפצולעגען געוויסע טעקסעס א. ז. וו. — איז אויך איבערגעגעבען געווארען דער פעדעראלער רעגירונג די עובדא צו רעגולירען דעם אינטער־שטאאטען האנדעל. און אזוי ווי די צאהל אינדוסטריען, וועמעס טעטיגקייט עס ברייט זיך אויס איבער מעהר ווי איין שטאאט, האלט זיך אלץ אין פארמעהרען, וואקסט אויף אזא אופן במילא די יורידיקציע און מאכט פון דער פעדעראלער רעגירונג.

מיט דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר איז עס אבער ניט אזוי. געדארפט האט עס אהן צווייפעל יא אזוי זיין. די אורזאכע, וואס איך פארגלייך דא די א. פ. אוו ל. צו דער אמעריקאנער רעגירונג איז טאקע דערפאר, ווייל פונקט די זעלבע אורזאכען, וואס האבען געבראכט און ברענגען כסדר צו דער מאכט־ערווערבונג פון דער רעגירונג האט אויך געדארפט ברענגען צו דער פארשטארקונג און מאכט־ערווערבונג פון דער פעדערײשאן. טאקע דערפאר, וואס די אינדוסטריען וואקסען אזוי ראש אין זייער גריוס, וואס די צאהל פון זייערע ארבייטער פארמעהרט זיך אזוי אונגעהייער, וואס זייער מאכט שפרייט זיך אויס איבער אלע שטאאטען, אזוי אז עס איז איבער די כחות פון א געוויסער אינטערנעשאנאל אליין ערפאלגרייך צו קעמפפען מיט די קארפארײשאנס פון דעם מאדערנעם טיפ — טאקע דערפאר איז עס נויטיג, אז די מאכט פון דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג זאל קענען אוועקגעשטעלט ווערען הינטער דעם קאמפף אין אירגענד וועלכער אינדוסטריע אין אירגענד א טייל פון לאנד.

עס איז אבער, לײדער, ניט אזוי. די א. פ. אוו ל. איז פארבליבען כמעט די זעלבע אימפאטענטע ארגאניזאציאן, ווי זי איז געווען ביי איהר גרינדונג. עס זײנען אפילו יא געגרינדעט געווארען איינינע אינדוסטריעלע דעפארטמענטס אין דער א. פ. אוו ל., אבער זיי האבען ניט מעהר ווי א בעראטונגס־מאכט און ווייטער דערפון געהט עס ניט.

עס זײנען געווים פאראן פיעלע לעזער, וועלכע קוועטשען מיט די פלייצעס, לעזענדיג דיעזע שורות. אין זייערע אויגען ווייזט אויס, אז דאס וואס איך ווייז אן אלס די שוואכע זייט פון דער פעדערײשאן איז דאך גאר איהר גרעסטע מעלה. איז דען ניט פעדעראליזם דער העכסטער פרינציפ פון פרייהייט און פרייער צוזאמענארבייט?

דיעזע ליעבע לעזער לעבען אין א וועלט, וועלכע עקזיסטירט ניט מעהר; זיי גלויבען אין געמער, וועלכע האבען שוין לאנג פארלארען זייער האפט אין באריהרונג מיט דער גרויזאמער ווירקליכקייט.

די דאזיגע לעזער וואלט איך געקענט באווייזען, אז אין דעם ווירקליכען לעבען האלטען דוקא די רעאקציאנערען און די אונטערדריקער פאר דעם פרינציפ פון פעדעראליזם. איז עס דען ניט א פאקט, אז אין זייער קאמפף געגען יעדער פראגרעסיווער געזעצגעבונג — ווי, צ. ב., טשיילד לייבאר לאָא, פרויען שטימרעכט א. ז. וו. — כאפען זיך די רעאקציאנערען כסדר אן אן דעם זאגענאנטען הײליגען פרינציפ פון פעדעראליזם און די הייליגע „סטייט רייטס“? און איז עס ניט א פאקט, אז גראדע די פראגרעסיווע כחות פון לאנד זיינען געגען די דאזיגע „סטייט רייטס“? און איז עס ניט א פאקט, אז אין זייער קאמפף געגען זייערע אונטערדריקער פאדערען אימער די ארבייטער די אריינמישונג פון דער פעדעראלער רעגירונג, וועלכע קען ניט ליגען אין קעשענע פון א געוויסען מיליאנער, ווי דאס איז אפט דער פאל מיט א גאווערנאר פון א סטייט? ווי שנעל די מענשען פארגעסען דאס דעם לעסאן פון דעם קופער־דיסטריקט פון אריזאנא און אנדערע עהנליכע לעסאנס!

און איך וואלט נאך געקענט אנגעבען פרינציפיעלע ארגומענטען געגען דעם פעדעראליזם. אבער צו וואס איז דאס נויטיג? פאר אונזער צוועק איז נאר נויטיג אנצואווייזען, אז אן ארבייטער־ארגאניזאציאן איז דאך ניט קיין וויסענשאפטליכער קאנגרעס, צו וועלכען מענשען פאהרען זיך צוזאמען מיט דעם איינציגען צוועק אויסצוטוישען זייערע מיינונגען און דערצעהלען איינער דעם אנדערען זייערע ענטדעקונגען און ערפאהרונגען. אן ארבייטער־ארגאניזאציאן איז, — און אויב זי וויל פארדיענען דעם נאמען, מוז זי זיין, — א קאמפפס־ארגאניזאציאן. און אין דער צייט פון דראטלאזער טעלעגראפיע און פליה־מאשינען; אין דער צייט פון בירליאנערסקע אינדוסטריעלע קאמבינאציעס קען נים אזא לויזע פעדעראציע ווי די א. פ. אוו ל. דיענען אלס א קאמפפס־אינסטרומענט אין די הענד פון די ארבייטער!

אט נעהמט ווידער א מאל די פראגע פון א צענטראלען סטרייק־בענעפיט־פאנד אין דער א. פ. אוו ל. קען דען די איצטיגע זאגענאנטע „פרייע צוזאמענארבייטונג“ טאן די ארבייט פאר די ארבייטער, וואס אזא פאנד וואלט געקענט טאן? אפילו ווען די ארגאניזאציאנען רופען זיך שוין אפ אויף די אפיעלס — וואס דאס איז, אגב, אויך א זעלטענהייט — קומט די דאזיגע הילף אן צו שפעט אום צו קענען עפעס העלפען די קעמפפער. אויף דער דאזיגער הילף פאסט זיך באמת דער אידישער ווערטעל: „ביז עס קומט די נחמה געהט אויס די נשמה“.

און דאך, ווי שטארק נויטיג אזא צענטראלער סטרייק־בענעפיט־פאנד איז זיינען דא זעהר וועניג אויסזיכטען, אז אזא פאנד זאל געשאפען ווערען.

די הויפט־שטערונג, נאטירליך, קומט פון דער זייט פון די רעאקציאנערע אינטערנעשאנאלס, וועלכע גלויבען זעהר שטארק אין דעם פרינציפ פון פעדעראליזם. די רעאקציאנערע פיהרער פון די דאזיגע אינטערנעשאנאלס ווילען זיין די איינציגע בעל־הבתים איבער זייערע מיטגליעדער און זיי ווילען נים צושטימען צו קיין טריט, וואס זאל ארויסנעהמען אביסעל מאכט פון זייערע הענד און עס איבערגעבען אין די הענד פון דער פעדערײשאן. א סטרייק־פאנד, צום בײשפיעל, וואלט פון זייערע הענד ארויסגענומען א טייל פון זייער קאסע און עס איבערגעגעבען אין די הענד פון דער א. פ. אוו ל., און דערפאר זיינען זיי געגען דעם.

און עס איז גאנץ נאטירליך, אז די אלטמאדישע פיהרער פון די אלטמאדישע אינטערנעשאנאלס זאלען אויך פון א „פרינציפיעלען“ שטאנדפונקט זיין געגען דער מינדעסטער פארשטארקונג פון דער פעדערײשאן. גלויבען דאך דיעזע פיהרער — צו באמונה שלמה צו ניט — אין דער פעד־ארגאניזאציאן און אז דער ערגסטער שונא פון די ארבייטער איז דער סימפאטיע סטרייק. נו, הײנט אויב די ארבייטער פון צוויי פארשיעדענע פאכען קענען און טארען קיינמאל ניט פיהרען קיין געמיינשאפטליכען קאמף — טו צו וואס דארף מען א מעכטיגע צענטראלע קערפערשאפט?

און די פראגרעסיווע און ראדיקאלע עלעמענטען אין דער פעדערײשאן לעגען זיך אויך נים אין דער לענג און דער ברייט, אז די פעדערײשאן זאל ווערען שטארקער. פרינציפיעל זיינען זיי, אהן ספק, דערפאר. אבער אונטער דער קאנסערוואטיווער פיהרערשאפט פון דער פעדערײשאן און איהר אפענער שנאה צו די ראדיקאלע, האבען די לעצטע מורא אריינצוגעבען דער פעדערײשאן אין די הענד א וואפע, וועלכע וועט אפשר נאכדעם אנגעווענדעט ווערען געגען זיי גופא אנשטאט געגען דעם געמיינשאפטליכען שונא.

דאס איז די אמת'ע זאכלאגע. עס איז ניטא אין דער פעדערײשאן יענער כח, וואס זאל זוכען צו מאכען פון איהר א קאמפפס־פעהיגע ארגאניזאציאן. איין עלעמענט איז געגען דעם אויס „פרינציפיעלע“ גרינדע, און דער אנדערער — אויס פראקטישע גרינדע.

און די פיהרערשאפט פון דער פעדערײשאן? זיי ווילען דאך אודאי זעהן די פעדערײשאן פארשטארקט. די לאגיק פון דער סיטואציע וואלט געפאדערט, אז די פיהרער פון דער פעדערײשאן זאלען זוכען די פריינדשאפט און מיטווירקונג פון די ראדיקאלע עלעמענטען פון דער ארבייטער־באוועגונג — דער איינציגער עלעמענט, וואס וואלט געקענט העלפען דער פעדערײשאן ווערען, וואס זי האט היסטאריש געדארפט ווערען. דאס איז אבער לײדער ניט אזוי. ערשטענס, טאקע דערפאר, וואס אבוואהל די פיהרער פון דער א. פ. אוו ל. וואלטען געוואלט זעהן א שטארקע פעדערײשאן, גלויבען זיי אבער אליין אויך אין יוניאניזם לויט דעם קאנסערוואטיווען קראפט־סיסטעם. און, צווייטענס, איז די דאזיגע פיהרערשאפט אזא, וועלכע נעהמט קיינמאל ניט אויף זיך די איניציאטיווע עפעס דורכצופיהרען אליין, וואס דאס מיינט, אז זי פיהרט נים נאר זי שלעפט זיך נאך.

די פארטיידיגער פון דער פעדערײשאן ענטפערען הערויף אויף מיט דעם אלטען תירוץ, אז די פעדערײשאן קען ניט זיין ראדיקאלער פון איהרע מיטגליעדער, פון איהרע איינצעלנע טיילען, און אז אויב די מיטגליעדער ווילען איהר ניט מאכען שטארקער, קען דערצו גארניט געטאן ווערען. מעגליך אז דאס איז אזוי. די פיהרערשאפט פון דער פעדערײשאן האט אבער פונדעסטוועגען געמעגט פראבירען אליין אויף עפעס טאן אין דער הינזיכט. ווען זי וואלט געזוכט צו דערנעהנטערען זיך צו די ראדיקאלע עלעמענטען פון דער ארבייטער־באוועגונג, וואלט זי מיט זייער הילף און מיט דער הילף פון די דעלעגאציאנען פון די צענטראלע שטאדט־ און סטייט־קערפערשאפטען אהן צווייפעל דערנעהנטערט די צייט, ווען די פעדערײשאן וועט ווערען די קאמפפס־ארגאניזאציאן פון אמעריקאנער ארבייטער־קלאס.

---

# נו, א וואָד!

פון דר. ק. לעא.

True translation filed with the Postmaster at New York City on July 18, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

א וויכטיגע וואך די היינטיגע וואך. וויכטיגע פאסירונגען האבען אין דער וואך פאסירט: א ווילדער אקס האט זיך אין נוארק אפגעריסען פון זיין קייט און איבערגעקעהרט א „דזשיטני“. די לוסק־קאמיסיע לאזט זיך אוועק איבער די קאנטרי זוכען ראדיקאלען. ראקעפעלער האט צו זיין 80טען געבורטס־טאג געקראגען אן אפענע האנד און האט געטיילט — ניקעלס צווישען זיינע באדיענטע. די פאליציי האט זיך ווידער גענומען צו די אידישע פעדלערס, דענקענדיג, אז זייערע וואדער־מעלאנס זיינען פארשטעלטע באמבעס. א דאקטאר האט אויסגערעכענט אז ניו יארק פארמאגט די גרעסטע צאהל משוגעים. ווילסאן שפיעלט שוין ווידער גאלף. הוירסט האט ענטדעקט, אז מעיאר היילען איז א גרויסער מבין אויף מוזיק — איינס ווי איינס העכסט וויכטיגע פאסירונגען!

* * *

אבער די וויכטיגסטע פון אלע פאסירונגען איז פרעזידענט ווילסאן'ס רעדע אין סענאט וועגען דער ליעג פון נאציאנען. אזא באגייסטערטע רעדע האט אונזער פרעזידענט געהאלטען נור דאן, ווען ער האט זיך ערקלערט פאר א „פריעדען אהן א זיעג“, און פאר „מאכען די וועלט זיכער פאר דעמאקראטיע“.

ווילסאן'ס לויב־ווערטער אויף זיין „ליעג“ האט געקלונגען ווי א הארציגער, באגייסטערטער לויב־געזאנג פון א מוטער אויף איהר געליעבט קינד. וועלכע מאמע זעהט די חסרונות פון איהר אייגען קינד? מעג עס זיין א קאליקע אויף ביידע פיס, מיט געלעהמטע הענד און מיט א וואסער־קאפ, וועט עס די מאמע ליעב האבען און פארטיידיגען געגען אלע, וואס לאכען און שפאטען פון איהם. די ליעג איז ווילסאן'ס קינד. ע ר האט עס אויסגעטראגען און אויף דער וועלט געבראכט. ע ר האט צוליעב דעם דאזיגען באשעפעניש געלימען אי דעם צער פון טראגען, אי דעם צער פון האבען, אי דעם צער פון גידול בנים, פון אויסהאדעווען עס און מאכען עס פאר א שטורקעל לייט — ווי קען ע ר עס נישט ליעב האבען? ווי זאל ע ר עס נישט פארטיידיגען, מעג עס נישט זיין אזוי געראטען? ס'איז דאך ז י י ן קינד! זיין הארעוואניע! מעגען די הארטהערציגע רעפובליקאנער סענאטארען מאכען חוזק פון דער ליעג־בייבי און עס אנרופען קריפעל, פארזעהעניש, אגעפאהר פאר אמעריקא, „באלאנס אוו פאור“, און נאך אזעלכע העסליכע צונעמען — מ י ר פארשטעהען ווילסאן'ס מאמע־הארץ. ז י י ן בייבי. און דאצאל! מעג עס דער גאנצער וועלט נישט געפעלען — א י ה ם געפעלט עס און ע ר וועט עס פארטיידיגען.

* * *

און נאך א וויכטיגע פאסירעניש האט די וואך פאסירט: כינעזישע פאטריאטען האבען זיך אליין אויפגעשניטען די בייכער אויס האס צו יאפאן, וואס האט פארצוקט א שטיק כינעזישע טעריטאריע מיט 40 מיליאן כינעזער אלס צושפייז. א העכסט געלונגענער אופן ווי אויסצודריקען זיין האס געגען אימיצען! מיר וואלט אבסאלוט גאר נישט געארט, ווען פאדערעווסקי דריקט אויס אויף דעם זעלבען אופן זיין האס צו די זשידעס.

דער דאזיגער מאדנער אופן ווי אויסצודריקען זיין האס, איז, לויט מיין מיינונג, די העכסטע שטופע פון מענשליכען פראגרעס. ווי גליקליך און פרידליך וואלטען פעלקער געלעבט, ווען דיפלאמאטען וואלטען אויסגעדריקט זייער האס צו אן אנדער פאלק ניט דורך מלחמות, נאר דורך זעלבסטמארד אויפ'ן נאבעלען כינעזישען שטייגער! דורך דעם וואלטען מיר פטור געווארען פון צוויי שרעקליכע אנשיקענישען, פון וועלכע איינע איז שרעקליכער פון דער צווייטער: פון מלחמות און פון דיפלאמאטען. אדער ווי גליקליך און צופרידען וואלטען מיר אידען געלעבט צווישען די קריסטליכע פעלקער, ווען זייערע אנטיסעמיטען וואלטען אויסגעדריקט זייער אידען־האס ניט דורך אויפשניידען אידישע בייכער, נאר אויפ'ן לעצט־מאדישען כינעזישען שטייגער! יא, די אזיאטישע כינא איז פארטגעשריטענער פון דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט, און אלע דיפלאמאטען, אנטיסעמיטען, פארפאלגער און אונטערדריקער מעגען זיך פון איהר ארונטערנעמען א ביישפיעל אין פאטריאטיזם.

* * *

און נאך א וויכטיגע פאסירונג האט די וואך פאסירט: אן ענגלישע לופט־שיף איז אריבערגעפלויגען דעם אטלאנטישען ים. דאס מיינט, אז מענשען וועלען שוין באלד קענען רייזען נאך און פון אייראפא דורך דער לופט און וועלען פארפאסקודענען די וואלקענס פונקט ווי זיי האבען פארפאסקודענט די ערד. צו מאכען א רייזע אין הימעל אריין, וועט מען שוין באלד נישט דארפען האבען קיין דאקטאר, נאר א לופט־שיף. אויף צו מאכען לופט־געשעפטען וועט מען שוין באלד נישט דארפען זיין קיין איד, נאר א לופט־פאסאזשיר. צו בויען לופט־שלעסער וועט

# די טעטיגקייט פון ריינקאוט מאכער, לאקאל 54, פון שיקאגא

(שלוס פון זייט 9)

געבען צו נאן־יוניאן שעפער. ווייל אויב מיר האבען דער פירמא ביז יעצט גע־גלויבט אויף'ן ווארט, מוזען מיר יעצט, נאכדעם וואס מיר זיינען געוואהר געווא־רען אז זי האט ארויסגעגעבען ארבייט צו סעם מייערס אין מילוואקי, ביי דער צייט וואס מיר זיינען ארומגעגאנגען ליידיג — האבען, איהר, דער פירמא'ס, סיגנאטשור אויך.

און אויב עס איז־ווען עס איז געווען א גינסטיגע צייט צו ארגאניזירען אונזער טרייד, און א ברייט פעלד פאר אן אר־גאנייזער, ספעציעל אין דער מידל־וועסט, איז דאס אהן קיין שום צווייפעל יעצט, ווען די טרייד איז ביזי און די ארבייטער ערוואכען און ווארטען ממש אויף איינעם וועלכער זאל קומען און זיי ארגאניזירען.

דארום דענקען מיר, אז יעצט, און נאר יעצט, איז די צייט ווען עס זאל דורכ־געפיהרט ווערען דער באשלוס וואס איז געפעסט געווארען אויף דער אינטערנע־שיאנאל קאנווענשאן, נעמליך, אונז צו געבען אן ארגאנייזער אויף וועלכען מיר ווארטען מיט אומגעדולד.

אלזא, עס בלייבט אונז יעצט איבער די איינציגע האפנונג, אז די אינטערנע־שיאנאל וועט אונז דאך געבען א ספע־ציעלען ארגאנייזער פאר דער ריינקאוט אינדוסטרי.

און אויב מיר נויטיגען זיך אלע מאל אין דער אויפמערקזאמקייט פון דער אינ־טערנעשיאנאל, נויטיגען מיר זיך יעצט אמייסטען. ווייל מיר געהן באנייען יעצט אונזערע קאנטראקטען מיט „קלינג בראַ־דערס“, און צווישען די איבריגע פאדע־רונגען וואס מיר האבען ארויסגעשטעלט פאדערען מיר אויך אז די פירמא אליין — אנשטאט וואס ביז יעצט פלעגען עס טאן די קאנטראקטארס איהרע — זאל זיינען מיט אונז דעם אגרימענט ווי עס געהט זיין צווישען אנדערעס אויך א פונקט אז זי טאר די ארבייט ניט ארויס־שיקען.

װם. שיף, רעק. סעק.

## פארנאכלעסיגט ניט צו ווערען בירגער!

א גרויסע צאהל אידען קענען איצט ווערען נאטוראליזירט אויף א זעהר לייכ־טען אופן. מיר האבען אין זינען די אלע אידישע סאלדאטען פון דער אמע־ריקאנער ארמעע, וועלכע זיינען עהרענ־האפט אפגעלאזען געווארען (האנאריבל דיסטשארדזשד), אבער וועלכע זיינען ניט געווארען קיין בירגער אין דער אר־מעע גופא. זיי האבען איצט א מעגליכ־קייט אהן דער געוועהנליכער פראצע־דור, בלויז מיט צוויי עדות, צו ווערען בירגער, אהן אונטערשיעד ווי לאנג זיי זיינען אין לאנד.

דער געזעץ לויטעט, אז אירגענד וועלכער אויסלענדער, זייענדיג אין דער ארמעע אדער נייווי אין דער צייט וואס דיזע לאנד געפינט זיך אין קריעג, קען אנגעבען אן אפליקיישאן צו ווערען נא־טוראליזירט, ניט האבענדיג די ערשטע פייפערס און ניט זייענדיג פארפליכטעט צוצושטעלען באווייזע, אז ער איז ניט ווייניגער ווי 5 יאהר אין לאנד. ער דארף אבער ברייננען צוויי עדות און דורכמא־כען דעם געוועהנליכען עקזאמען.

ווי איז אבער וועגען די סאלדאטען און סיילארס, וועלכע האבען ניט געהאט קיין מעגליכקייט דורך דער צייט פון זייער דיענסט צו ווערען נאטוראליזירט?

דיזע פראגע איז ענטשטאנען אזוי שנעל ווי צעהנדליגע און הונדערטע טוי־זענדע סאלדאטען און סיילארס האבען אנגעהויבען ווערען דיסטשארדזשד. די נאטוראליזיישאן קאורטס זיינען בוכ־שטעבליך באפאלען געווארען פון די דיס־טשארדזשטע סאלדאטען, פארלאנגענדיג, און אלס אויסגעדיענטע און עהרענהאפ־טע באפרייטע זאלען זיי ווערען נאטו־ראליזירט אלס בירגער פון אמעריקא.

נעהמענדיג אין אנבאטראכט דיזע גערעכטע פאדערונגען, איז נאכהער גע־מאכט געווארען אן אדמיניסטראטיווע אויסטייטשונג פון געזעץ ווי פאלגט:

אירגענד וועלכער אויסלענדער, וועל־כער האט געדיענט אין דער אמעריקא־נער ארמעע אדער נייווי אין דער צייט פון דער לעצטער מלחמה, קען, נאכדעם ווי ער ווערט עהרענהאפט באפרייט פון דיענסט, ווערען נאטוראליזירט אלס ביר־גער פון אמעריקא אונטער דיזעלבע באדינגונגען ווי זייענדיג אין דיענסט. מיט דער אויסנאהמע, אז ער דארף בא־

True translation filed with the Postmaster at New York City, on July 18, 1919, as required by the Act of Congress, approved Oct. 6th. 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."


# דער אמת וועגען רוסלאנד!

די גאנצע וועלט אינטערעסירט זיך יעצט מיט רוסלאנד, אלע צייטונגען, קאפיטאליסטישע ווי סאציאליסטישע, זיינען פול מיט נייעס וועגען רוסלאנד, אבער די טע־לעגראפישע באריכטען, וואס קומען אן פון דארט זיינען אזוי ווידערשפרעכענד, אז עס איז שווער פון זיי צו דערגעהן דעם אמת. אייניגע באהויפטען, אז אין רוסלאנד לעבט זיך איצט ווי אין א גן עדן, אנדערע ווידער זאגען, אז דאס לעבען דארט איז א גיהנום.

אויב איהר ווילט וויסען דעם גאנצען אמת וועגען רוסלאנד פון דער ערשטער קוועלע, טו לעזט וואס די רוסישע סאציאליסטישע פרעסע, וואס געהט ארויס אין פעטראגראד און מאסקווא, שרייבט וועגען דעם לעבען יעצט אין רוסלאנד.

נאר וואס ערשיענען:

דריי וויכטיגע בראשורען וועגען רוסלאנד

## „דער באלשעוויסטישער גן־עדן אין רוסלאנד“:

א בוך פון 112 זייטען, וועלכער ענטהאלט פאקטען און דאקומענטען, ארויסגענומען פון באלשעוויסטישע און סאציאליסטישע צייטונגען, וואס ערשיינען אין רוסלאנד גופא.

דאס בוך גיט א פאלקאמען בילד וועגען דעם וואס עס קומט יעצט פאר אין רוסלאנד

דאס בוך איז איינגעטיילט אין די פאלגענדע 12 קאפיטלען:

1. ווער האט ערוועהלט די באלשעוויקעס?
2. דעמאגאגיע געגען דעמאקראטיע.
3. די באלשעוויקעס און די גרינדונגס־פארזאמלונג.
4. די סאוועטען־רעגירונג און דעמאקראטיע.
5. בירגערליכע פרייהייטען אין סאוועטען־רוסלאנד.
6. דער רויטער טערראר געשילדערט פון די באלשעוויקעס אליין.
7. ווי לעבט דאס רוסישע דארף אונטער'ן סאוועטען־רעזשים?
8. די רוסישע ארבייטער און דער באלשעוויזם
9. דאס לעבען אין סאוועטען־רוסלאנד, געשילדערט פון דריי פראמינענטע סאציאליסטען, א פראנצויזישען, א דייטשען און א רוסישען.
10. רוסלאנד, ווי אן ענגלישער טרייד־יוניאניסט האט זי געזעהן.
11. די עקאנאמישע רעזולטאטען פון באלשעוויזם.
12. די רוסישע סאציאליסטען און די סאוועטען־רעגירונג.

פרייז 20 סענט.

## „ראטעוועט!“

א הארצרייסענדער אפיעל צו דער ציוויליזירטער מענשהייט פון דעם גרעסטען רוסישען שריפטשטעלער

## לעאניד אנדרעעוו

פרייז 3 סענט.

## „ווער האט פארראטען דעם סאציאליזם?“

א גייסטרייכע, אינהאלטסרייכע בראשורע, געשריבען פון דעם וועטעראן פון דער רוסישער רעוואלוציאנערער באוועגונג, דעם באוואוסטען גרינ־דער און טעארעטיקער פון דער רוסלענדער סאציאל־דעמאקראטען,

## פאול אקסעלראד

פרייז 10 סענט.

פרייז פאר אלע דריי ביכלעך צוזאמען 35 סענט מיט פאסטיידזש.

צו באקומען אין אלע בוכהאנדלונגען און אין הויפט־פארלאג:

"FREE RUSSIA" PUBLISHING CO. 133 SECOND AVE., N.Y.



## טראבעל מיט'ן מאגען?

נעהמט

# עקס־לאקס

און עס רייניגט אויס אייער מאגען ווי דורך א צויבער.



## שטיק שניידער און סעמפעל מאכער לאקאל 3 א. ל. ג. וו. אויפמערקזאם!

שבת, דעם 26טען דזשולי, פונקט 2 אזייגער נאכמיטאג, אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט, וועט אפגעהאלטען ווערען

# א מאסס־מיטינג

צוליעב דעם צוועק צו פייערען דעם זיעג וואס מיר האבען גע־האט אין דעם לעצטען סטרייק. צו דער געלעגענהייט וועלען מיר אויך אייך איבערגעבען די ווירקליכע געווינסען וואס מיר האבען געהאט. א חוץ דעם האבען מיר נאך פילע אנדערע פראגען מיט אייך אויפצונעמען און באשליסען. דארום זייט איהר אויפגעפאדערט ניט צו פארפעהלען צו קומען צו דעם העכסט וויכטיגען מיטינג.

קומט אין גרויסע מאסען.

אין נאמען פון דעם

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 3

ד. רובין, סעקרעטער.

# די אינטערנעשאנאל מיטגלידער מוזען פארט זעצען די גוטע ארבייט פון העלפען די אידישע מלחמה קרבנות.

די ארבייטער פון אלע פאכען האבען באוואונדערט די שעהנע מתנה וואס איהר האט בייגעשטייערט פאר די מלחמה קרבנות דורך דער פיפעלס רעליעף קאמיטע.

BENJAMIN SCHLESINGER, PRESIDENT. ABRAHAM BAROFF, SECRETARY-TREASURER.

INTERNATIONAL Ladies' Garment Workers' Union

TELEPHONE STUYVESANT 1126-1127.

31 UNION SQUARE
NEW YORK, N.Y.

GENERAL EXECUTIVE BOARD
1ST VICE PRESIDENT ELMER ROSENBERG.
2ND VICE PRESIDENT SALVATORE NINFO.
3RD VICE PRESIDENT HARRY WANDER.
4TH VICE PRESIDENT SAMUEL LEFKOVITS.
5TH VICE PRESIDENT SOL SEIDMAN.
6TH VICE PRESIDENT JACOB HALPERN.
7TH VICE PRESIDENT MORRIS SIGMAN.
8TH VICE PRESIDENT HYMAN SCHOOLMAN.
9TH VICE PRESIDENT MAX AMDUR.
10TH VICE PRESIDENT MEYER PERLSTEIN
11TH VICE PRESIDENT SAMSON KOLDOFSKY.
12TH VICE PRESIDENT FANNIA M. COHN.
13TH VICE PRESIDENT ABRAHAM SILVER.

SECRETARY'S OFFICE

People's Relief Committee,
175 East Broadway,
New York.

Dear Friends:-

Inclosed please find check for $131,919,16, money collected by the International Ladies' Garment Workers' Union on February 22nd, 1918. We have several thousand dollars on hand yet, but we shall not be in a position to forward you same until we have straightened out the relief accounts with the Italian and Russian-Polish Relief Committees who are entitled to a part of it.

With kind regards and wishes for success, we

Fraternally yours,

International Ladies' Garment Workers' Union.

Abraham Baroff
General Secretary-Treasurer.

די מלחמה איז שוין פאריבער אבער די ליידען און נויט פון אונזערע שוועסטער און ברידער האט נאך ניט אויפגעהערט

## אייער פליכט איז זיי צו העלפען!

שיקט אייערע קאלעקשאנס און אייגענע דאנישאנס צום

# פיפעלס רעליעף קאמיטע

## 175 איסט בראדוויי, ניו יארק.

אלעקסאנדער קאהן,
טשערמאן,

שלום אש,
וויס-טשערמאן.

שעפארד דזש. גאלדבערג,
טרעזשורער.

אב. צוקער,
עקטינג מענעדזשער.

## 4 וואכען מוזט איהר האבען
## אום הנאה צו האבען פון אייער וואקיישאן

גוטע, געזונטע לופט, שעהנע געגענד, גוטע, פרישע און געשמאקע עסענס, באקאנטע און אנגענעהמע געזעל־שאפט.

דאס אלעס זיינט איהר זיכער צו האבען ווען איהר פאהרט אויף אייער וואקיישאן צו אייער באקאנטען

## A. ELLNER & M.WANGEL'S FLEISCHER HOUSE

דער פלאץ געפינט זיך אין שעהנסטע און העכסטע מאונטיין געגענד. די הויז און קאטעדזשעס זיינען איינגעפיקסט מיט אלע מאדערנע אימפּראָוומענטס, געפינט זיך בלויז 10 מינוטען גאנג פון סטיישאן, איינענע קיה טשיקענס און גארטען וואס סופּלייט אין גאנצען דאס מילכיגע, פלייש, אייער און וועדזשע־טייבעלס. די עסענס ווערען געקאכט פון אן עקספּערט שעף. פיעלע אמיוז־מענטס, בייטהינג און פישינג, דענס האל, פול און ביליארד קאסינא, מיוזיק ביי די מאהלצייטען, טענים קאורט, לייברערי, א. ז. וו.

פאר פאלשטענדיגע צופריעדענהייט גאראנטירט דער מענעדזשינג פּראָפּ־רייעטאר, א. עללנער. פאר מעהר איינצעלהייטען אדרעסירט צו

A. ELLNER, FERNDALE, SULLIVAN COUNTY, BOX B.

---

## די באסטאן דזשוינט באארד צו די ניו יארקער קלאוק מאכער

ברידער קלאוקמאכער!

מיט א וואך צוריק האבען צוויי באסטאנער קלאוק־פיר־מעס ערקלערט א לאקאוט געגען זייערע ארבייטער און געצוואונגען אונז צו סטרייקען געגען זיי. זייערע שעפער אין באסטאן זיינען צוגעשלאסען און לויט אונזער אינפארמיי־שאן מאכען זיי זייערע ארבייט אין ניו יארק. די נעמען פון די פירמעס זיינען:

1) גאלדמאן און זימערמאן.

2) סילווערמאן און בארבעל.

זייער ליין ארבייט איז געוועהנליך הײ־פּרײז קלאוקס און סוטס.

מיר פארלאנגען פון אייך אז אויב איהר באמערקט אז אונזער ארבייט ווערט געמאכט אין אייערע שעפער גלייך צו לאזען וויסען אין ניו יארקער דזשאינט באארד אפיס.

מיט גרוס,

**באסטאנער דזש. ב.**
**קלאוק מייקערס יוניאן**

---

## רייזע צייטונג

ווי אויך פיעלע אנדערע אידישע און ענג־לישע צייטונגען, ביכער און זשורנאלען ווערען געדרוקט אין די

**אפּ־טו־דייט פּרינטינג קא.**

195 קאנעל סט. ניו יארק

טעלעפאן 5425 פרענקלין.

---

## י. קראוז

**בעדזשעס און בענערס**

פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פ. בר. סטריקטלי יוניאן ארבייט.

134 קלינטאן סטריט. ניו יארק

---



**A. DELBON**

פיקסט און שארפט שערס.

484־90 6טע עוועניו, ניו יארק.

צווישען 29טע און 30טע סטריט.

---

טעלעפאן גרעמערסי 2441

**די לענארד פרעס**

42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

---

## די יוניאן־קאאפּעראטיוו סאסייעטי

לאקאל 35 א. ל. ג. וו. יוניאן

פערקויפט אויסשליסליך

**וויט לילי טהעע**
**קאלאמביא טהעע**
**צוועטאטשני טשאי**

---

**טשאטהאם פּרינטינג קא.**

2 איסט בראדוויי

קריגט אונזער עסטימייט.

---

## וואס יעדער מעמבער פון לאקאל 23 דארף וויסען און געדענקען וועגען קראנקען בענעפיט.

1. ווען איהר ווערט קראנק מעל־דעט זיך גלייך אין אפיס, 231 איסט 14טע סטריט. גיט אן אייער ריכטי־גען אדרעס, דעם פלאר און רום וואו איהר וואוינט. אויב איהר וואוינט אין באָרד, גיט אן דעם נאמען ביי ווע־מען איהר וואוינט.

2. שיקט גלייך אייער יוניאן בוך אין אפיס מיט יעמאנדען אדער דורך א רעדזשיסטרירטען לעטער.

3. ווען איהר געפינט זיך אין א האספּיטאל גיט אן דעם נאמען פון האספּיטאל. ווען איהר קומט ארויס מעלדעט זיך גלייך אין אפיס פון דער יוניאן.

4. די צייט רעכענט זיך פון דעם טאג וואס איהר האט זיך אפיציעל גע־מאלדען אין אפיס און איבערגעגעבען אייער יוניאן בוך.

5. אום צו קריגען בענעפיט מוז דער קראנקער עקזאמינירט ווערען ביי דעם יוניאן דאקטאר.

6. קיינע אטעסטען פון אנדערע דאקטוירים, סערטיפיקייטס פון לאָ־דזשען אדער פאראיינען וועלען פּאזי־טיוו נישט אנערקענט ווערען.

7. קראנקע וועלכע ליגען נישט אין בעט דארפען עקזאמינירט ווערען אין דאקטאר'ס אפיס, און דארפען זיך מעלדען 3 מאל אין וואך אין אפיס פון יוניאן.

8. צו בענעפיט זיינען בלויז בא־רעכטיגט די וועלכע האבען איינגע־צאלט אמווינציגסטען פאר איין מא־נאט בעפאר ער אדער זי האט זיך גע־מאלדען קראנק.

9. ווען איהר זייט ריקשטענדיג איבער 3 מאנאטען, ווערט איהר פאר־רעכענט פאר נישט גוטשטעהענד.

10. די ערשטע וואך בענעפיט ווערט געצאהלט אויפ'ן 10טען טאג. די איבריגע וואכען רעגולער יעדע 7 טעג.

ה. וואנדער, מענעדזשער.

---

## וויכטיגע באקאנטמאכונג

צו אלע ארבייטער וואס האבען געסטרייקט אין ביעראן און פרענק'ס ווייסט שאפּ, 36 איסט 31טע סטריט, ניו יארק!

זיינען ערזוכט צו אטענדען

# א ספּעשעל מיטינג

פון זייער שאפּ

**מאנטאג אווענט, דעם 21טען דזשולײ, גלייך נאך דער ארבייט, אין אפיס פון דער יוניאן**

**16 וועסט 21טע טסריט.**

זעהר וויכטיגעס וועט באריכטעט ווערען וועגען זייער שאפּ. קיינער פון די ארבייטער פון דעם שאפּ זאל דעריבער ניט פארפעהלען דעם וויכטיגען מיטינג.

מיט גרוס,

**עקזעקוטיוו באארד לײדיס ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן לאקאל 25, א. ל. ג. וו. יו.**

---

## קלאוק און סקוירט פּרעסערס יוניאן לאקאל 35 אויפמערקזאם!

אלע פּרעסערס זיינען אויפגעפאדערט מעהר ניט צו געהן סיי אין פּארק און סיי אין 5טע עוועניו. אלע די וועלכע זוכען דזשאבס זאלען זיך קומען רע־דזשיסטרירען אין דער יוניאן.

די מעמבערס, וואס וועלען זיך ניט רעדזשיס־טרירען, וועלען ניט קריגען קיין קארדס צו געהן צו דער ארבייט.

**עקזעקוטיוו באארד אף לאקאל 35**

דזש. ברעסלאוו, מענעדזשער.

---

## בארנעט ל. בעקער

**אפּטאמעטריסט און אפּטישען**

215 East Broadway — 100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn — 895 Prospect Ave., Bronx

---

**SUMMIT HOUSE,** EAST WINDHAM, Greene County, N. Y.

„דער פּעריל פון די קעטסקילס", 2900 פוס הויך, אימער קאלטע ווינטלאך. פינף סטייטס קען מען דארט זעהן מיט דער נאקעטער אויג. מאדערנע אימ־פּראָוומענטס, בייטהינג, שיפינג און פישען אין דער „זילבער־לייק".

פּרייזען זעהר מעסיג. ווארום ניט פארברייגגען אייער וואקיישאן מיט אונז? שרייבט צו אלעקס מ. קאפשטיין, פּראָפּ.

צאהלען פיער דאלאר צום קלוירק פון קאורט. און אויב ער איז געקומען אין לאנד נאך דעם 29טען דזשוין, 1906, דארף ער באקומען פון דער ביורא אוו נאטוראליזיישאן, וואשינגטאן, א סערטיפיקייט אוו ארייוועל.

אום צו מאכען עס קלאר, איז דער געזעץ יעצט ווי פאלגט:

1. עהרענהאפט באפרייטע סאלדאטען קענען ווערען בירגער, נים האבענדיג די ערשטע פייפערס.

2. אויב דער עהרענהאפט באפרייטער סאלדאט איז געקומען אין לאנד נאך דעם 29טען דזשוין, 1906, דארף ער באקומען פון דער ביורא אוו נאטוראליזיישאן, וואשינגטאן, א שריפט, וועלכער ציינט דעם גענויען דייט פון זיין אנקומען אין לאנד.

3. ער דארף צושטעלען צוויי עדות.

4. ער דארף באצאהלען 4 דאלאר.

די אלע יונגע לייט, וועלכע האבען געדיענט אין דער אמעריקאנער ארמעע און נייווי, דארפען זיך איצט געווים באנוצען מיט דער פריווילעגיע און ווערען בירגער וואס שנעלער.

די נעטשוראליזיישאן אייד ליעג, אן ארגאניזאציאן, וועלכע עקזיסטירט שוין איבער צעהן יאהר צייט און וועלכע ווערט אויסגעהאלטען פון דער גאנצער ארגאניזירטער אידישער ארבייטער באוועגונג, איז באהילפיג יעדען איינעם ווער עס ווענדעט זיך אין די אפיסעס פון דער ליעג, וועלכע געפינט זיך אין אלע טיילען פון שטאדט. קומט צוגעהן און מען וועט פאר אייך אויסמאכען אפליקיישאנס פאר די ערשטע און צווייטע פייפערס און מען וועט אייך אויך ארויסהעלפען, אויב איהר האט שוועריגקייטען מיט די ארויסגעגעבענע אפליקיישאנס.

די אפיסעס פון דער ליעג.

הויפט אפיס: „פארווערטס" בילדינג 175 איסט בראדוויי, רום 14. אפען יעדען טאג, אויסער זונטאג, פון 1 בייטאג, ביז 9 אין אבענד.

הארלעם: ארבייטער רינג בילדינג, 142 איסט 103טע סט. אפען יעדען מיטוואך אבענד, פון 6 ביז 9 אוהר און יעדען זונטאג אין דער פריה, פון 10 ביז 1 אוהר בייטאג.

בראנקס: העדקווארטערס פון אידישען בראנטש 3 סאציאליסטישע פארטיי, 1330 ווילקינס עוו., יעדען מאנטאג אבענד פון 6 ביז 9 אוהר.

דאנערשטאג: העדקווארטערס פון לאקאל בראנקס ס. פ., 1167 באסטאן ראוד, פון 8 ביז 10 אוהר אין אבענד.

וויליאמסבורג: אין די העדקווארטערס פון 13־19 א. ד. סאציאליסטישע פארטיי, 61 גרעהעם עוו., יעדען מאנטאג.

בראנזוויל: אין דעם בראנזווילער לייבאר לייסעאום, 29 סעקמאן סט., יעדען דיענסטאג און שבת אבענד, פון 6 ביז 9 אוהר.


קלאוק און סקוירט פרעסערס יוניאן לאקאל 35
אויפמערקזאם!

# א דזשענעראל מעמבער מיטינג

וועט אפגעהאלטען ווערען

**מאנטאג, דעם 21טען דזשולי, 6.30 גלייך נאך דער ארבייט, אין לייבאר טעמפעל,**

14טע סטריט און 2טע עווענ׳ו,

וואו מיר וועלען פארהאנדלען וואס האבען מיר געוואונען דורך דעם סטרייק און וואס זאל זיין אונזער נעקסטע פאליסי.

**עקזעקוטיוו באארד לאקאל 35**

דזש. ברעסלאוו, מענעדזשער.



# עקזאמינערס,

באנראדערס, בושלערס יוניאן, לאקאל 82 א. ל. ג. וו. י.

אפיס 78 איסט 1טע סט. טעל. סטייוועסאנט 7787

## גענעראל מעמבער מיטינג

פון אונזער יוניאן, וועט אפגעהאלטען ווערען

**מאנטאג, 7.30 אוהר אבענד, דעם 21טען דזשולאי, 1919, אין 62 איסט 4טע סטריט**

צו באשפרעכען די ווייטערע אויפגאבען און ארבייט פון אונזער יוניאן, צו מאכען אונזער ארגאניזאציאן פעסט און זיכער פאר די בעסטע נוצען פון אונזערע מעמבערס.

ברידער שאפ־טשערלייטע:

דיעזע מיטינגען זיינען די ערשטע וואס אונזער יוניאן האט זינט דעם גענעראל סטרייק. איהר זייט דארום געבעטען צו זעהן אז אונזערע מעמבערס וועלכע זיינען נאך נייע יוניאן לייט, זאלען געוועהנט ווערען צו אטענדען רעגולאר אונזערע מעמבער מיטינגס.

מיט ברידערליכען גרוס,

**עקזעקוטיוו באארד לאקאל 82**

ל. ראזענבלאט, סעק. מ. י. אשפיז, מענעדזשער.



# קלאוקמאכער

## אויפמערקזאם!

די מעמבערס, וואס ווילען פארנעמען דעם אמט פון א ביזנעס איידזשענט, זאלען קומען אין דעם אפיס פון׳ם דזשוינט באארד, 40 איסט 23טע סטריט, און אויסמאכען אפליקיישאנס.

אפליקיישאנס קען מען אויסמאכען פון מאנטאג אן, דעם 14טען דזשולי, ביז מאנטאג, דעם 21טען דזשולי.

דער אפיס אין וועלכען אפליקיישאנס קענען אויסגעמאכט ווערען, איז אפען פון 9 אוהר מארגענס ביז 7 אוהר אבענדס, אויסער שבת, אין וועלכען טאג דער אפיס איז בלויז אפען ביז 1 אוהר בייטאג.

די מעמבערס, וואס פיהלען זיך פעהיג צו פארנעהמען דעם אמט פון א ביזנעס איידזשענט זאלען גלייך קומען אויסמאכען זייערע אפליקיישאנס. יעדער אפליקאנט מוז מיט זיך האבען זיין יוניאן בוך.

דזשוינט באארד קלאוק, סקוירט און דרעסמאכער יוניאן,

מ. זיגמאן, מענעדזשער. ל. לאנגער, סעק.

GERECHTIGKEIT

# גערעכטיגקייט

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט". וואודראו ווילסאן.

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6). אַן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפּלאזען.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. I. No. 28. New York, Friday, July 25, 1919, פרייטאג, דער 25טער דזשולאי, PRICE 3 CENTS

# ווייסט און דרעס מאכער אין שיקאגא גרייט צום קאמף!

## גענעראל סטרייק פון דער ריינקאוט מאכער יוניאן לאקאל 20

דאנערשטאג, דעם 24טען דזשולאי אום 10 אוהר אין דער פריה, האט אונזער ריינקאוט מאכער יוניאן, לאקאל 20, דערקלערט א גענעראל סטרייק, אין דער גאנצער ריינקאוט אינדוסטריע פון ניו יארק און אומגעגענד.

דער סטרייק איז ניט געקומען אזוי פלוצלינג ווי מאנכע קאנען מיינען. פאר די לעצטע עטליכע מאנאטען איז אין לאקאל 20 אנגעגאנגען א פיבערהאפטע ארגאניזאציאנס־טעטיגקייט. גלייך נאכדעם ווי די קלאוק מאכער האבען געוואונען די פאדערונגען, האבען די ריינקאוט מאכער גענומען פארלאנגען, אז זייער יוניאן זאל אויך ארויסשטעלען פאדערונגען צו די ריינקאוט מאנופעקטשורער. און די הויפט פאדערונגען זיינען דיזעלביגע וואס די קלאוק מאכער האבען געוואונען.

אט זיינען זייערע הויפט פאדערונגען:

1) וואך ארבייט אין גאנצען ריינקאוט טרייד.

2) א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך.

3) א מינימום סקייל און ווידזשעס פון 44 דאלער א וואך פאר סימענטערס און אפרייטארס, 39 דאלער א וואך פאר קאטערס און 25 דאלער א וואך פאר באטען־נעהערס.

4) זעקס און א האלב געזעצליכע יום־טובים.

5) טיים און א האלב פאר אווערטיים.

דער סטרייק סיגנאל איז געגעבען געווארען דורך א רויטען צירקולאר. אין דעם סטרייק זיינען פארוויקעלט אריבער 2 טויזענד ארבייטער פון ניו יארק און אומגעגענד.

עס ווערט ערווארטעט דאס אויך די ארבייטער פון אלע שעפער אויסער ניו יארק וועלען זיך דעם זעלבען טאג אויך אנשליסען אן סטרייק. עס איז די מיינונג פון די באאמטע פון לאקאל 20 דאס די שעפער פון יוניאן היל, וועסט ניו יארק, מאונט ווערנאן, סייטה נארוואלק, קאנג. סטעמפארד און ברידזשפארט, קאנג., וועלען זיך זיכער גלייך אנשליסען אן דעם דזשענעראל סטרייק. די שעפער פון די אלע אויסגערעכענטע שטעדט זיינען פאלשטענדיג אונטער דער יוניאנס קאנטראל, א דאנק די וואונדערבארע ארגאניזאציאנס ארבייט וואס די ריינקאוט מאכער יוניאן האט אין די דערמאנטע שטעדטלאך אנגעפיהרט פאר די לעצטע עטליכע מאנאטען.

די סטרייקער פארזאמלען זיך אין די פאלגענדע פלעצער:

אלע ארבייטער פון ניו יארק און ברוקלין פארזאמלען זיך אין מאנהעטען לייסעאום, 66 איסט 4טע סט.; אלע ארבייטער פון בראנזוויל פארזאמלען זיך אין בראנזוויל לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סט.

דער טייל פון'ם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל, וואס געפינט זיך אין ניו יארק, האט די וואך אפגעהאלטען א מיטינג אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל און דער סטרייק פון די ריינקאוט־מאכער איז גוטגעהייסען געווארען. דער סטרייק האט, אלזא, די צושטימונג פון דער גאנצער אינטערנעשאנאל. דער דזש. עקז. באארד האט אויך אפאינטעט א ספעציעלע קאמיטע צו העלפען פיהרען דעם סטרייק. סעקרעטער בארא, ברודער האלפערין און מיס פאניא מ. קאהן זייגען אין דער קאמיטע.

---

מיטוואך דעם 16טען דזשולאי איז געסעטעלט געווארען אין קליוולאנד און גלייך אויף מארגען, דאנערשטאג, איז אויפגענומען געווארען שיקאגא. אין קליוולאנד האט זיך געהאנדעלט וועגען א סעטעלמענט פאר 6000 קלאוק מאכער, אין שיקאגא האנדעלט זיך וועגען א סעטעלמענט פאר 6000 ווייסט, דרעס און ווייט־גודס ארבייטער.

מיט א יאהר און א האלב צוריק האבען די שיקאגאער ווייסט, דרעס און ווייט־גודס ארבייטער, דורכגעמאכט א סטרייק וועלכער האט אויפגערודערט די דארטיגע גאנצע באפעלקערונג. צעהן לאנגע וואכען האט דער סטרייק געדויערט און ער האט זיך געענדיגט מיט א נידערלאגע פאר די בראווע קעמפער. א געוויסער דזשאדזש באלדווין, א טרייער דיענער פון די באסעס, האט ארויסגעגעבען איין אינדזשאנקשאן נאך'ן צווייטען, פארביטענדיג די סטרייקער ניט בלויז צו פיקעטען די שעפער. נאר אפילו צו ווייזען זיך אין דעם געגענד וואו די שעפער געפינען זיך. רעכטס און לינקס האט מען די סטרייקערס ארעסטירט. אין די צעהנדליגע, אין די פופציגער, אין די הונדערטער פלעגט מען זיי שלעפען אין די פאליס סטיישאנס, וואו מען פלעגט זיי אדער שטראפירען מיט געלד אדער זיי פאר־משפט'ען אויף לאנגע טערמינען אין דזשייל.

דזשאדזש באלדווין האט פאר'משפט צו זיצען אין דזשייל די פיהרער פון סטרייק, די סטרייקערס און זאגאר פיהרער פון אנדערע יוניאנס, וואס זיינען געקומען אדרעסירען די סטרייקערס. אונזער וויס־פרעזידענט, ברודער סיידמאן, וועלכער איז געווען דער פיהרער פון סטרייק, האט זיך אויך פון דזשאדזש באלדווין'ס נעגעל ניט ארויסגעדרעהט. סיידמאן איז פאר'משפט געווארען צו זיצען 3 מאנאט אין קאונטי דזשייל.

צעהן לאנגע וואכען האט דער סטרייק געדויערט. דאס זיינען געווען צעהן וואכען פון קאמף און איבערגעבענהייט, וואס מען זעהט ניט אפט אין דער ארבייטער באוועגונג.

דער סטרייק איז דאן אויפגעגעבען געווארען, אבער מיט דער פארשטענדניס צווישען די פארשטעהער פון אונזער אינטערנעשיאנאל און די בראווע סטרייקערס אז ביי דער ערשטער געלעגענהייט זאל דער קאמף געגען דיזעלבע מאנופעקטשורערס ווידער אויפגענומען ווערען.

דיזע געלעגענהייט איז יעצט געקומען. דורך די אונערמידליכע ארבייט פון אונזער ארגאנייזער ברודער האכמאן, האבען זיך די שיקאגאער ווייסט, דרעס און ווייט־גודס מאכער ווידער ארומגערינגעלט ארום דער פאהן פון אונזער יוניאן, און מיט א פאר וואכען צוריק האבען זיי אויף א גרויסען מאסענפארזאמלונג איינשטימיג באשלאסען ארויסצושטעלען פאדערונגען צו זייערע באסעס, און אויב די באסעס וועלען זיך ענטזאגען נאכצוגעבען מיט גוטען, זאל ארויסגערופען ווערען א דזשענעראל סטרייק.

אזוי שנעל ווי פרעזידענט שלעזינגער איז פארטיג געווארען מיט דער קליוולאנדער סיטואציאן איז ער באלד אוועקגעפאהרען אין שיקאגא און באלד ארויסגעשיקט דעם פאלגענדען לעטער צו יעדען ווייסט און דרעס מאנופעקטשורער אין שיקאגא.

„דזשענטעלמען: —

עס איז קיין צווייפעל דאס אייך איז באקאנט דער פאקט, אז א ריזיגע מאיאריטעט מענער און פרויען, וועלכע זיינען באשעפטיגט אין דער סקוירט און דרעס אינדוסטריע פון שיקאגא, זיינען מעמבערס פון לאקאל 100 פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואירקערס יוניאן — די ארגאניזאציאן צו וועלכע ארבייטער פון דיזען פאך, איבער'ן גאנצען לאנד, באלאנגען, און מיט וועלכע די באלעבאטים, סאי דורך זייערע אססאסיאיישאנס, סאי אינדיווידועל האבען געמאכט אגרימענטס און פראטאקאלען אין באצוג צו ווידזשעס, שטונדען און אנדערע קאנדיציעס פון ארבייט.

עס פיהלט זיך א גרויסע אונצופריעדענהייט צווישען די ארבייטער אין די סקוירטס און דרעס שעפער פון שיקאגא, רעכענענדיג זיך מיט'ן פאקט, אז עס עקזיסטירט ניט קיין אויסגעארבייטער סקעדיול פון ווידזשעס אין די פארשידענע צווייגען פון טרייד און אויך קיין באשטימטע סטאנדארדס אום צו קאנטראלירען און רעגולירען די ארבייטער קאנדיציאנען.

די ארבייטער פון שיקאגא פיהלען אז זיי זיינען בארעכטיגט צו די זעלבע ארבייטער־קאנדיציעס ווי עס געניסען די ארגאניזירטע ארבייטער פון דער אינדוסטריע אין אנדערע שטעדט פון לאנד. זיי האבען אויך אפגעמאכט זייער געדאנק צו קריגען גערעכטיגקייט דורך ארביטריישאן, אז ווען עס ערשיינט אמאל א מיספארשטענדעניס פון איין צד צום צווייטען אדער א סכסוך פון וויכטיגער באדייטונג, זאל עס דורך ארביטריישאן געסעטעלט ווערען.

מיר אדרעסירען צו אייך דיזען בריעף מיט דער פולער איבערצייגונג דאס שטרייטיגקייטען צווישען באלעבאטים און זייערע ארבייטער קענען און דארפען אויסגעגליכען ווערען אויף א פריידליכען אופן און דארום שלאגען מיר פאר דאס א קאנפערענץ זאל ארגאנזירט ווערען אויף א פריהען דאטום — און פריה ווי מעגליך עס איז נאר — צווישען די מאנופעקטשורערס, אדער זייערע פארטרעטער, און פארטרעטער פון אונזער ארגאניזאציאן, מיט'ן אויסזיכט צו עטאבלירען סטאנדארדס און באציהונגען — זאלען זיין צופרידענשטעלענד צו ביידע צדדים.

אזוי ווי די סיטואציע איז איצט זעהר אנגעשטרענגט און ווערט וואס א טאג ערגער, פארלאנגען מיר פון אייך צו זיין אזוי פריינדליך און ענטפערן אונז ניט שפעטער פון פרייטאג, דעם 25טען יולי, אום צו ציינען אייער בארייטוויליגקייט צו העלפען אונז איינרופען א קאנפערענץ, ווי מיר האבען אויבען פארגעשלאגען.

אויפריכטיג אייערער,

בענדזשאמין שלעזינגער.

פרעזידענט".

אין דער צייט וואס דיזער נומער „גערעכטיגקייט" געהט צו פרעס, איז נאך די לאגע אין שיקאגא ניט באשטימט. די באסעס האבען געקראגען צייט צו ענטפערען ביז פרייטאג דעם 25טען דזשולי. אין א פאר טאג ארום וועלען מיר וויסען באשטימטע וועגען שיקאגא, אדער די באסעס וועלען האבען נאכגעגעבען די פאדערונגען פריידליך, אדער די גאנצע ווייסט דרעס און ווייט־גודס אינדוסטריע וועט זיך געפינען אין א דזשענעראל סטרייק.

## גרויסער זיעג פון דער קארסעט־מאכער יוניאן אין ברידזשפארט

דער סטרייק פון אונזערע לאקאלס אין ברידזשפארט האט זיך געענדיגט ווירקליך מיט א גרויסען און שנעלען זיעג.

די ווארנער קארסעט קא., וועלכע האט געמאכט צוערשט דעם לאקאוט, ווי עס איז געווען באריכטעט אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט", און וועלכער האט געפיהרט צו א דזשענעראל־סטרייק פון די 3 טויזענד ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיגט ביי דער פירמע, האט איינגעזעהן גאר גיך, אז די פאדערונגען פון די ארבייטער זיינען גערעכטע, און האט זיי אין אלגעמיין נאכגעגעבען.

די פירמע האט נאכגעגעבען פאלגענדע פונקטען:

1. א פרעפערענשעל יוניאן שאפ. דאס מיינט, אז אזוי לאנג, ווי עס זיינען דא יוניאן־לייט בעלנים אויף די ארבייט אין דער ווארנער־פעקטארי, קומען יוניאן־לייט צוערשט.

2. די פירמע זאגט צו צו טאן איהר בעסט צו ווירקען אויף איהרע ארבייטער, אז זיי זאלען זיך אנשליסען אן דער יוניאן.

3. דיוס קענען קאלעקטירט ווערען פון דעם באשטימטען יוניאן־בעאמטען אין שאפ.

4. פאר אלע סכסוכים קלייבט אוים

### אינהאלט־פארצייכניס

נומער 28 „גערעכטיגקייט"

זייט 2. די וואך — ש. י.
זייט 3. נייע פראבלעמען אין דער קלאוקמאכער יוניאן — פ. קאטלער.
זייט 4. מיטינג פון ניו יארקער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן — ל. לאנגער. א ווארט צו די סקוירט־מאכער פון לאקאל 23 — ה. וואנדער.
זייט 5. אין די בראנזווילער קלאוק און סקוירט שעפער — א. באביטש. אין דער ריינקאוט־מאכער יוניאן לאקאל 20 — ס. פריעדמאן.
זייט 6. וואס הערט זיך אין לאקאל 17? — דזש. העלער. דער מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 25 — י. שעהנהאלץ.
זייט 7. בריעף פון אטלאנטיק סיטי — דזש. העלער. קלאוקמאכער פון קליוולאנד נעהמען אן די ענטשיידונג פון באארד און רעפערים — א קליוולאנדער.
זייט 8. לינדעלין (ערצעהלונג) — יאנאס ליע (אידיש פון זישא לא[illegible]).
זייט 9. לינדעלין. וואס טוט זיך ביי די ריינקאוט־מאכער פון באסטאן? — פרעד מאנסאן.
זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 11. קאנגרעסלייט מיט יוניאן־ביכלעך אין קעשענע — ב. מיימאן. ליעדער — מ. פערלמוטער.
זייט 12. די לעהרערינס פון אייערע קינדער — א סקוהל־לעהרערין. ווילהעלם'ס פראצעס (פעליעטאן) — א. וואהלינער.
זייט 13. צוויי שכורים (הומארעסקע) — באנקיר פאן יאסעלדארף.
זייט 14. דער נייער אידישער וואנדער־קריזיס — א. גלאנץ. נו א וואך! — דר. ק. לעא.
זייט 15. די פרויען־וועלט — ראזע בערריק־בלינדער. צוויי פארביסענע קלאוק סטרייקס.
זייט 16. קורצע שמועסען. פרעזידענט פון דער פראנקלין יוניאן ענטפערט אויף די באלוימדונגען פון דזשים האלאנד. דער קלאוקמאכער סטרייק אין מאנטרעאל — דזש. לענטש.
זייטען 17, 18 און 19 — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. פילאדעלפיער אפטיילונג. נאך א בריעף — א. סילווער. ביי די קלאוקמאכער אין פילאדעלפיא — א. נייבויער.

# די יוניטי־הויז פון דער פילאדעלפיער וויסט און דרעס מאַכער יוניאָן לאָקאל 15

(איינדריקע פון דעם קאַנטרי בית־המקדש פון דיזער ארבייטער־ארגאניזאציאָן)

פון י. ש. פרענאַהויין

ווען מען באזוכט די יוניטי־הויז פון דער פילאדעלפיער וויסט און דרעסמאַכער יוניאָן, און ווען מען פארטראכט זיך א ביסעל וועגען דעם וואס די וויסט און דרעסמייקערס פון דיזער שטאָדט זיינען געווען מיט בלויז א פינף יאָהר צוריק, דאן קען מען זיך מאכען א גוטען באגריף פון דעם, וואס ארבייטער־איינינקייט קען אויפטאָן פאר די ארבייטער־מאסען.

מיט אונגעפעהר פינף יאָהר צוריק האָט מען אין פילאדעלפיא נים געקענט קריגען קיין צוויי דוצענד פון דיזע ארבייטער, וועלכע זאָלען קומען צו א מיטינג. יעצט איז א מיטינג פון בלויז די שאפּ־טשערלייטע א גרויסע מאסען־פארזאמלונג. אין יענער צייט האָבען די עטליכע מיידלעך, וועלכע האָבען געארבייט צו ארגאניזירען דעם טרייד, נים געהאט מיט וואס צו באצאהלען פאר א מיטינג־לאָקאל; יעצט האָבען דיזע א גרויסע הויז פון דריי פלאָר אין הארץ פון פילאדעלפיא, און אָפטמאָל איז דיזע הויז אויך צו קליין פאר דער יוניאָן. אמאָל האָבען דיזע ארבייטער קינדער זיך אליין נים געקענט העלפען, און יעצט קענען זיי אויך העלפען אנדערע. מיט איבער א יאָהר צוריק האָבען זיי געגעבען פינף טויזענד דאָלאר פאר די מלחמה־קרבנות און זיי האַלטען נאך אלץ אין העלפען אונזערע אונגליקליכע. אין יענע צייטען האָבען די ארבייטער־מיידלעך פארבראכט אין מיטינג־פלאַץ אין זיפצען און אָפטמאָל אין וויינען; יעצט האָבען זיי אן איינענעם מאנדאָלין־ארקעסטער און א כאָר און זיי פארברענגען זייערע פרייע שטונדען אין זינגען און שפּיעלען. אמאָל איז נים געווען ווער עס זאָל הערען די פּראָטאָקאָלען פון זייערען א מיטינג; יעצט האָבען זיי לייברערים און יעדע וואָך נעהמען זיי אהיים הונדערטער פון די בעסטע און באַלעהרענדסטע ביכער צום לעזען. אמאָל האָבען זיי נים געוואוסט די באדייטונג פון „יוניאָן" און יעצט פיהרען זיי אן א קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג און וועלען אויך באלד עפענען א קאָאָפּעראַטיוון רעסטאָראנט פאר זייערע מעמבערס און זאָגאר פאר אנדערע ארבייטער.

און דערמיט האָבען זיי זיך נים צופריעדען געשטעלט. די וויסט און דרעס מייקערס יוניאָן האָט אנגעהויבען צו פיהלען, אז איהרע איבער פינף טויזענד מיטגליעדער האָבען געקריגען גרויס חשק צו קענען און צו וויסען, און אז זיי קענען שוין נים פארטראָגען מעהר קיין ביליגע קאָנצערטען. האָט זי דערפאר אין די ווינטער־סיזאָנען איינגעפיהרט לעקטשורס און קאָנצערטען, און וויסט איהר ווער עס זיינען די קאָנצערטיסטען געווען? — מישא עלמאַן, אפרים צימבאַליסט, [illegible], סאָפיא ברעסלוי, מארטינעלי, טאָשא זיידעל און אנדערע אזעלכע „פורצעס"...

און ווען מען ארבייט זיך שוין ארויף אזוי גרויס, קען מען שוין נים זיין צופריעדען מיט בלויז א היים אין שטאָדט. דיזע ארבייטער־קינדער האָבען אנגעהויבען צו טרוימען אויך וועגען א היים אין קאַנטרי, וואו זיי זאָלען קענען פארברענגען אין די זומער־מאָנאטען, און — איהר ווייסט דאָך — וואו עס איז דאָ א ווילען, זאָגט דער אמעריקאַנער, איז אויך דאָ א וועג.

און די וויסט און דרעס מייקערס האָבען אויך א קאַנטרי־היים, אדער בעסער געזאָגט — א קאַנטרי בית המקדש, מיט וועלכען נים נאָר זיי, די מעמבערס פון דער פילאדעלפיער וויסט און דרעס מייקערס יוניאָן, מעגען שטאָלצירען, זאָנדערן שטאָלצירען מעג מיט דיזען קאַנטרי בית המקדש די גאנצע ארבייטער־באוועגונג.

און וועגען דיזער קאַנטרי־היים ווילט זיך זאָגען עטליכע ווערטער, ווייל זי קען ארויסרופען באגייסטערונג ביי אלע די, וואָס זיינען ארבייטער אדער פריינד פון ארבייטער.

שוין מיט דריי יאָהר צוריק האָט די יוניאָן געפונען פאר נויטיג צו האָבען א היים פאר איהרע מעמבערס אויסער'ן שטאָדט, וואו זיי זאָלען קענען אין די הייסע זומער־מאָנאטען פארברענגען ווי ביי זיך אין דער היים. אזא פלאַץ איז געדונגען געוואָרען. אבער ער האָט נים געהאט גענוג באקוועמליכקייטען פאר די ארבייטער, און די יוניאָן האָט דערפאר באשלאָסען צו האָבען אן אייגענע היים. דער באשלוס איז אנגענומען געוואָרען מיט גרויס באגייסטערונג און — יעצט האָט די יוניאָן א היים, וועלכע קאָסט איהר שוין ארום 38 טויזענד דאָלאר, און יעדען יאָהר ווערט די „יוניטי הויז" רייכער אין א „בילדינגעל" אדער אין אן אנדער זאך, וואָס קען מאכען באקוועמער און אנגענעהמער דאָס לעבען פון די ארבייטער־קינדער. און ווי אנגענעהם דאָרטען איז! עס לאָזט זיך קוים גלויבען, אז דאָס זאָל זיין די היים אָט פון יענע וויסט און דרעסמייקערס, וועלכע זיינען מיט בלויז פינף יאָהר צוריק געווען צוזעעט און צושפּרייט און מען האָט זיי נים געקענט צוזאמענברענגען צו א מיטינג, ווייל זיי זיינען געווען אזוי פארשקלאָפט, אז זיי האָבען שוין אויפגעהערט צו גלויבען אז זיי וועלען ווען עס איז קענען לעבען א ביסעל בעסער און פרייער; אז עס וועט ווען עס איז נעהמען א סוף צו זייער שרעקליכער שקלאַפעריי. אבער עס איז נים קיין טרוים, נאָר א שעהנע, א הערליכע ווירקליכקייט.

די „יוניטי הויז" געפינט זיך אונגעפעהר פופציג מינוטען מיט'ן טריין פון פילאדעלפיא, און איז ארומגערינגעלט פון א פרעכטיגער לאנדשאפט. די „יוניטי הויז" איז נים איין הויז, זאָנדערן עטליכע הייזער, וועלכע זיינען אויסערגעוועהנליך שעהן און עס איז א פארגעניגען אהין אריינצוגעהן. די הייזער זיינען ווייס פון דרויסען און ריין, ציכטיג, ליכטיג און לופטיג אינעווייניג. זיי האָבען אלע נויטיגע באקוועמליכקייטען און ארום א הונדערט מיט פינף און צוואנציג פערזאָן קענען דאָרטען אויף איינמאָל זיין. אויסער דיזע הייזער געפינט זיך דאָרטען א פרעכטיגע לייברערי, וואו עס געפינט זיך אויך א פּיאַנאָ און וואו עס געפינען זיך פארשיעדענע בילדער און סטאַטועס, פאַסענד פאר א לייברערי און פאַסענד פאר אן ארבייטער־היים. די קינדער ברענגען אהין אלעס, וואָס זיי קענען, און זיי טוען עס מיט א מערקווירדיגער ליעבע און באַגייסטערונג.

און עס איז גאנץ נאַטירליך פאר זיי אזוי צו טאָן, ווייל זיי ווייסען, אז דאָס איז זייער היים; זיי ווייסען, אז וואָס שעהנער זייער היים וועט זיין, אלץ מעהר פארגעניגען וועלען זיי האָבען, און — זיי זיינען פארגעניגען זוכענדע מענשען...

דער פלאַץ ארום דער „יוניטי הויז" איז גרויס און עס איז דאָרטען פאראן גענוג פלאַץ פאר פארשיעדענע אונטערהאלטונגען, פאר פארשיעדענע שפּיעלערייען.

גלייך ווי מען קומט אריין דורך דעם טויער פון דער „יוניטי הויז", קען מען גלייך באמערקען בוכשטאַבען פון אויסגעוואַקסענע גראָז, און דיזע „בוכשטאַבען" שטעלען צוזאמען דאָס גרויסע און שעהנע וואָרט „יוניטי". פאר די אויגען הויבען דאן אן צו ערשיינען די שעהנע ווייסע הייזער, און אין די הייזער און ארום זיי איז פרעהליך, לוסטיג; מען הערט געזאנגען — אידישע, רוסישע און ענגלישע ליעדער ווערען געזונגען פון די ארבייטער־מענער און מיידלעך, וועלכע געפינען זיך דאָרטען. פון צייט צו צייט דערהערט זיך א געלעכטער — א הארציגער געלעכטער פון די פרעהליכע און טאנצענדע יוגענד. זיי לויפען ארום איבער די גרינע פעלדער, ווי קינדער וועלכע זיינען זארגלאָז און ווייסען נים פון דעם מאָרגען, וועלכער ברענגט אָפטמאָל אזוי פיעל זאָרג און אזוי פיעל שמערץ. זיי זיינען ווייט פון די שעפּער, ווייט פון די פאַבריקען, און זיי דארפען נים אנקוקען די ליעבהארציגע פּנים'ער פון די פאָרלייטע און פון די באַסעס, וועלכע זיינען גאנץ אָפט אזוי שטרענג און אונאנגענעהם. ווי פרייע פויגעלעך זיינען זיי און זיי ווילען זאָגאר נים טראכטען פון דעם מאָרגען. היינט זיינען זיי פריי, היינט זיינען זיי אין דער פרייער וועלט, אויף דער פרייער נאַטור, און די לופט איז אזוי רייך און געווירציג! די הערצער זיינען פול מיט פרייד און ענטציקונג.

* * *

עס איז וואונדער. די לופט איז קיהל; די ווינטלאך טראָגען זיך ארום פון איין פלאַץ אויפ'ן אנדערען און איבעראל לאַזען זיי איבער פארפיומען, וועלכע זיי האָבען איינגעאָטעמט אויף זייערע שפּאַצירען, ווייל זיי זיינען נים אזוי ענגהערציג ווי די מענשען זיינען. איבער דער „יוניטי הויז" שפּיעגעלט זיך די לבנה און מיליאָנען שטערען שיינען און פינקלען און מאכען רייך און פאנטאַסטיש דעם הימעל פון דער „יוניטי הויז". די יוגענד טאנצט, לאכט און שטיפט. יונגע פּאָרלעך וואַנדערען ארום איבער די גרינע פעלדער און איבער די פארשיעדענע וועגען, וועלכע פיהרען אריין און ארויס פון דער „יוניטי הויז".

און איבעראל הערען זיך די זיסע געזאנגען, וועלכע ווערען צוזאמענגעמישט מיט די טענער פון דער פּיאַנאָ, וועלכע געפינט זיך אין דער לייברערי. פּלוצלונג דערהערען זיך גלאָקען־קלאַנגען — דאָס איז דער סיגנאַל, אז אלע יוניטי מיידלעך און מענער, וועלכע געפינען זיך דאָרטען, זאָלען זיך פארזאמלען עסען, אדער צו א געוויסען פלאַץ, וואו זיי וועלען אלע פארברענגען. עס איז שוין אבער נאָכ'ן עסען, און דיזע גלאָקען־קלאַנגען מיינען עפּעס אנדערש, און אלע לויפען, אזוי ליכט ווי די יוגענד קען, און זיי לויפען אין איין ריכטונג — דאָרט, וואו א פייער ברענט און וואו די פלאַמען טראָגען הויך, הויך. ארום דעם פייער געפינען זיך א סך בענק און שטולען, און די לויפענדע זעצען זיך אוועק שטיפעריש און לאַבענדיג. דאָס האָלץ קנאַקט און פונקען טראָגען זיך אין דער לופטען העכער, העכער פון דעם געדיכטען רויך, פון וועלכען זיי האָבען זיך ארויסגע'גנב'עט. באלד דערהערט זיך א ליעד פון איינער פון די פרעהליכע און גליקליכע, און אלע, וואָס געפינען זיך דאָרטען, העלפען זינגען. די לופט ווערט אנגעפילט מיט געזאַנג און א מונטערע שטימונג רינגעלט ארום אלעס און אלעמען.

עס קומען באלד אן עטליכע מיידלעך אין אינדיאַנער קליידער אנגעטאָן און זיי הויבען אן צו טאנצען ארום דעם פייער אינדיאַנישע טענץ. איך ווייס נים אויב די טענץ זיינען ווירקליך אזעלכע, וועלכע די אינדיאַנער טאנצען, אבער עס איז שעהן, עס איז אנגענעהם; זיי וואַרפען זיך צום פייער, קניהען זיך צו איהם און הויבען ווידער אן צו טאנצען און צו שפּרינגען; זיי הויבען אן צו מאכען מיט די הענד, אויסדריקענדיג פארשיעדענע געדאַנקען, געבענדיג פארשיעדענע צייכענס, און אלעס לעבט און לאַכט.

און באלד הערען די טענץ אויף. די „אינדיאַנערקעס" טוען זיך איבער און זיי זיינען אין דעם נעקסטען מאָמענט צווישען זייערע חבר'טעס. מען הויבט ווידער אן ארומצושפּאַצירען איבער די גרינע וועלדער און איבער די וועגען, און די שטימונג איז אזא פרעהליכע.

און אָט דערהערען זיך רוסישע ליעדער, וועלכע דערמאָנען אזוי פיעל אן דער אלטער היים און וועלכע רופען ארויס אזוי פיעל זיסע ערינערונגען! מען הויבט אן אריינצובליקען אין דער ווייטער פארגאַנגענהייט, ווען מען איז נאָך אליין געווען אזוי יונג און אזוי לעבענסלוסטיג; ווען מען האָט נאָך אליין געטאנצט און ווען מען האָט נאָך אליין זיך געשפּיעלט, אויב נים אין „אינדיאַנער", איז אין אנדערע יוגענדליכע שפּיעלערייען, וועלכע האָבען די הערצער דערפרעהט און וועלכע האָבען די נשמות אין די העכסטע הימלען פארטראָגען. אין דיזע מאָמענטען פארגעסט מען אָן דער יעצטיגער ווירקליכקייט און מען איז פארטיעפט אין זיך אליין און אין דער ווייטער פארגאַנגענהייט. אבער לאַנג זיין פארטיעפט מיט זיך אליין קען מען נים, ווייל אלץ מעהר נייע שטראָמען פון פרייד קומען אָן און זיי וועקען אויף פון דער טיעפסטער פארטיעפטקייט.

אָט אזוי פארברענגען זיך די קינדער פון די שעפּער און פאַבריקען, און קוקענדיג אויף דיזע הערליכע סצענעס און בילדער, ווילט זיך א פרעג טאָן: זיינען עס ווירקליך דיזע יענע ארבייטער־קינדער, וועלכע האָבען אמאָל קיין פרעהליכען געלעכטער נים געגעבען? זיינען עס ווירקליך די זעלבע ארבייטער־קינדער, וועלכע האָבען אין זיך די הייליגסטע געפיהלען דערשטיקט, וועלכע האָבען קיין האָפנונגען אין זייערע הערצער נים געהאַט אויף בעסערע, אויף גליקליכערע צייטען?

איך האָב זיי געזעהן ארבייטענדיג ביי די מאַשינען. איך האָב געהאַט די געלעגענהייט צו הערען זייערע זיפצען, און איך האָב אויך געזעהן די שטרענגע בליקען פון די יעניגע, וועלכע האָבען געהאַט צו זאָגען איבער זייער פרייהייט און אָפּטמאָל איבער זייערע לעבענס, און מיין רייכסטע פאַנטאַזיע האָט זיך נים געקענט פאָרשטעלען, אז דיזע שקלאַפען וועלען זיך אמאָל קענען באפרייען פון זייער שווערען יאָך, אז זיי וועלען זיך אמאָל קענען באפרייען פון זייער פעסימיזם, וועלכער האָט זיי געדריקט און געשטיקט. זיי האָבען אבער געקענט!

זייערע לעבענס זיינען נאָך נים אזוי גליקליך, ווי זיי וואָלטען געדאַרפט זיין. זיי ארבייטען נאָך שווער און ביטער ביי די מאַשינען און זיי קריגען נים פאר זייער שווערער ארבייט דאָס, וואָס זיי דארפען קריגען. אבער ווי גליקליכער זיי זיינען ווי זיי זיינען אמאָל געווען! ווי פרייער זיי זיינען!

און עס איז דער געפיהל פון איינינקייט, דער באוואוסטזיין זייערער, וואָס האָבען זיי פון שקלאַפען פאר פרייע מענשען געמאכט. זיי האָבען שוין מעהר קיין מורא נים פאר דעם בליק פון דעם פאָרמאַן, פאר דעם שטרענגען קוק פון דעם באַלעבאָס, ווייל זיי ווייסען, אז הינטער זיי געפינט זיך זייער יוניאָן, וועלכע וואַכט איבער זייערע אינטערעסען, וועלכע פאָדערט מיט א פעסטען וואָרט גערעכטיגקייט פאר זיי.

און הינטער זייער יוניאָן וואַכט די גרויסע און מעכטיגע אינטערנעשאַנאַל לאַדיעס גארמענט וואָרקערס יוניאָן, — און זיי ווייסען דאָס.

איינינקייט, ווי מעכטיג דו ביזט!


## פילאדעלפיער וויסט מייקערס אין א לופט באלון צו די ניאגרא פאלס

נישט אלע קאנען זיך פארגינען צו פאהרען אנקוקען דיזען וועלט וואונדער־שעהנעם פלאַץ, די ניאגרא (פאלס,, אבער אלע וועלען זיכער קאנען זעהן און באוואונדערען

## שבת, דעם 26טען דזשולי, אויף דעם פיקניק פון דער וויסט מייקערס יוניאָן אין מייפּעל גראָוו פּארק

וואו עס וועלען אויך געצייגט ווערען בילדער פון כינא און יאפּאַן'ס לעבען. 56 נומערען פון פייער־ווארקס זיינען פאַרברייטעט געוואָרען. די קונסט פון פליהען אין א לופט באַלון וועט דעמאָנסטרירט ווערען, און נאָך פיעלע ספּאָרטס און אמיוזמענטס.

## א טיקעט קאָסט בלויז 25 סענט אין אָפיס פון דער יוניאָן

אונזערע יוניטי מיידלעך מאכען אלע פאָרבערייטונגען פאר דיזען יום טוב.